


Левъ Толстой

די

שקלאַפעריי פון אונזער צייט

און אַנדערע געקליבענע סאָציאַלע שריפטען

פון

ל. נ. טאָלסטאָי

איבערזעצט אין אידיש

פון ש. יאַנאָווסקי

ארויסגעגעבען פון די

פרייע אַרבייטער שטימע

ניו יאָרק, 1912

אינהאַלטס-פערצייכניס

פּעטער קראָפּאָטקין
איבער טאָלסטאָי

פּעטער קראָפּאָטקין איבער טאָלסטאָי

יעדער איינער ווייס פון דער טיעפער ענדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין טאָלסטאָי'ס פונדאַמענטאַלע בעגריפע פון לעבען אין די יאָהרען 1875—1878, ווען ער איז געוואָרען אַלט א יאָהר פופציג. איך דענק ניט, דאָס אימיצער האָט דאָס רעכט צו רעדען עפּענטליך וועגען דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין די סאַמע טיעפענישען פון איינעמס האַרץ. אָבער מיט דעם אַליין, וואָס טאָלסטאָי דערצעהלט אונז וועגען די אינערליכע דראַמע און די קעמפּפע, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט, האָט ער אונז, אַזוי צו זאָגען, איינגעלאַדען צו אונטערזוכען, צו ער איז גערעכט מיט זיינע ארגומענטען און מיט די שליסע, וועלכע ער האָט געצויגען.

עס איז זאָנדערבאַר, ווען מען לייענט איבער די ערשטע ווערק פון טאָלסטאָי, ווי מען געפינט אין זיי שוין די אידעען, וועלכע ער האָט פערטהיידיגט אַזוי שטאַרק אין די לעצטע 30 יאָהר פון זיין לעבען. פילאָזאָפישע פראַגען און פראַגען וועגען די מאָראַל־פרינציפּען פון לעבען האָבען איהם שוין אינ־טערעסירט פון זיין פריהער יוגענד. ווען ער איז געווען בלויז זעכצעהן יאהר אַלט, האָט ער שוין געלייענט פילאָזאָפישע ווערק און אין דער צייט פון זיינע אוניווערזיטעטס־יאָהרען, און זאָגאַר אין די שטורמדיגע טעג פון זיינע ליידענשאַפטען, האָט זיך איהם געשטעלט די פראַגע: „ווי דאַרף מען לעבען", אין איהר גאַנצער וויכטיגקייט. זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלען, בעזאָנדערס זיין „יוגענד", טראָגען שוין אין זיך די סליאַדען פון יענער אונערקלערליכער ארבייט פון זיין מח, כאָטש, ווי ער האָט עס ערקלערט אין זיין „ודוי", ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז געווען צו זאָגען איבער דיזען געגענשטאַנד. נאָך מעהר, עס איז קענטיג, דאָס כאָטש ער שילדערט זיין געדאַנקענגאַנג אין יענע יאָהרען, אַלס אַזעלכען ווי פון א פילאָ־

זאָפישען ניהיליסט, דאָך, אין דער ווירקליכקייט, האָט ער זיך קיינמאָל ניט צושיידט מיט דעם גלויבען פון זיין קינדהייט. ער איז אימער געווען א בעוואונדערער און א נאָכפאָלגער פון רוססאָ. אין זיינע ארטיקלען וועגען ערציהונג (געזאמעלט אין דעם 4טען בוך פון די צעהנטע מאָסקווער אויסגאבע פון טאָלסטאָי'ס ווערק) געפינט מען א דיסקוסיאָן וועגען די מייסטע ברענענדיגע פראגען, וועלכע ער האָט בעהאנדעלט אין זיינע שפּעטערע יאהרן. דיעזע פראגען האָבען איהם זאָגאר דאן שוין אזוי שטארק געארט, דאָס, וועהרענד ער האָט אָנגעהאלטען זיין שולע אין יאסנאיא פּאָליאנא און איז געווען א פריעדענסריכטער — 1861—1862 — איז איהם געוואָרען אזוי עקעלדיג פאר די צווייזייטיגקייט פון זיין שטעלונג אלס א גוטער און פרומער לענדלאָרד, דאָס ער האָט געשריבען נאכהער: „איך וואָלט נאָך אפשר דאן געקומען צו דעם קריזיס, וועלכען איך האָב דערגרייכט פופצעהן יאהר שפּעטער, ווען עס וואָלט ניט געבליבען נאָך עטוואָס אין לעבען, וועלכעס האָט מיר פערשפּראָכען גליק און רעטונג, נעמליך: „דאָס פערהייראטהע לעבען". אין אנדערע ווערטער, טאָלסטאָי איז שוין דאן געווען זעהר ניט ווייט פון אָבצוברעכען מיט דעם שטאנדפּונקט פון די פּריווילעגירטע קלאסען וועגען אייגענטהום און ארבייט, און צושטעהען צו דער גרויסער פאָלקס־בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען אין רוסלאנד. דאָס וואָלט ער אויך וואהרשיינליך געטהאָן, ווען א נייע וועלט פון ליעבע, פון פאמיליען־לעבען און פאמיליען־אינטערעסען, וועלכע ער האָט אויפגענומען מיט דער געוועהנליכער פייערדיגקייט פון זיין ליידענשאפטליכער נאטור, וואָלט ניט פערשטארקט די פּער־בינדונגען וועלכע האָבען איהם געהאלטען פעסט ביי זיין אייגע־נער קלאס.

אויף די קונסט האָט געוויס פיעל בייגעטראָגען אז זיין אויפמערקזאמקייט זאָל זיך אָבווענדען פון דער סאָציאלער פּראָבלעמע — וועניגסטענס פון איהר עקאָנאָמישער זייט. אין „קריעג און פריעדען" האָט ער ענטוויקעלט די פילאָזאָפיע פון „די מאסען און העלדען", א פילאָזאָפיע, וועלכע אין יענע יאָהרען האָט געפונען וועניגע צווישען די געבילדעטע מענשען אין

איירָאפּא, וועלכע זָאלען איהר אָננעהמען. צי דאָס איז געווען זיין פּאָעטישער זשעניע, וועלכער האָט פאַר איהם ענטפּלעקט די ראָלע, וואָס די מאַסען האָבען געשפּיעלט אין 1812, און האָט איהם געלערנט, דאָס זיי, —די מאַסען און ניט די העלדען— האָבען אויסגעפיהרט אַלע גרויסע זאכען אין דער געשיכטע; צי דאָס איז געווען אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון די אידעען, וועלכע האָבען איהם בעגייסטערט אין זיין ארבייט פאַר די שולע אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, אין געגענזאץ צו אַלע ערציהונגס־טהעאָריעס, וועלכע זיינען אויסגעארבייט געוואָרען פון דער קירכע און שטאאט אין די אינטערעסען פון די פּריווילעגירטע קלאַסען, — יעדענפאַלס „קריעג און פריעדען“ האָט איהם געגעבען אַ פּראָבלעמע, וועלכע איז געווען גרויס גענוג צו בעשעפטיגען אַלע זיינע געדאַנקען פאַר אַ סך יאהרען. און שרייבענדיג דיעזעס מאָנומענטאַלע ווערק, אין וועלכען ער האָט געשטרעבט ארויסצוברענגען אַ נייעם בעגריף פון געשיכטע, האָט ער געמוזט פיהלען, דאָס ער ארבייט אין דער אמת'ער ריכטונג. וואָס אַנבעטרעפט דאָס ווערק „אַנאַ קאַרענינאַ“, וועלכעס האָט ניט געהאַט אַזאַ פילאָזאָפישען און רעפאָרמאַטאָ־רישען צוועק, האָט עס אָבער געוויס געמוזט געבען טאָלסטאָי'ען די מעגליכקייט איבערצולעבען נאָך אַמאָל, דורך די גאַנצע ליידענ־שאַפטליכקייט פון זיין פּאָעטישען שאַפען, דעם אויבערפלעכלי־כען און פוסטען לעבען פון די רייכע און צו שטעלען עס אין קאָנ־טראַסט מיט דעם לעבען פון די בויערן. און עס איז געווען דאַן, ווען ער האָט געענדיגט דיזעס ווערק, דאָס ער האָט אָנגעהויבען ריכטיג בעגרייפען, אויף וויפיעל זיין אייגענער לעבען איז להיפוך צו די אידעאַלען פון זיינע פריהערע יאָהרען.

אַ שרעקליכער קאַמפף האָט געמוזט דאַן פאָרקומען אין דעם מח פון דעם גרויסען שרייבער. דער קאָמוניסטישער געפיהל, וועלכער האָט איהם געמאַכט דערצעהלען דעם פאַקט וועגען דעם זינגער אין ליוצערן, און צוגעבען צו דעם אַ שטאַרקע פערדאַמונג געגען די ציווילּיזאַציאָן פון געלדזאַק; דער געדאַנקענשטראָם, וועלכער האָט דיקטירט זיין שטרענגע קריטיק געגען פּריוואַט־אייגענטהום אין דער „געשיכטע פון אַ פערד“; די אַנאַרכיסטי־

שע אידעען, וועלכע האָבען איהם געבראַכט אין זיינע ערציהונגס־אַרטיקלען צו דער אָבלייקענונג פון אַ ציוויליזאַציאָן, וואָס איז געבויט אויף קאַפּיטאַליזמוס און שטאַאט; און, פון דער אַנדערער זייט, זיין בעגריף פון פּערזענליכען אייגענטהום, וועלכען ער האָט געמאַטערט זיך צו פּעראייניגען מיט זיינע קאָמוניסטישע נייגונגען; זיין מאַנגעל אין סימפּאַטהיע מיט די פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען אין קאַמפּף מיט דער רוסישער רעגיערונג און, אין דערזעלבער צייט, זיין טיעף־איינגעוואָרצעלטער האַס צו דער זעלבער רעגיערונג — אַלע דיזע נייגונגען זיינען געווים געווען צווישען זיך אין אַ שטאַרקען קאַמפּף אין דעם קאָפּ פון דעם גרויסען שרייבער. דיזע אייביגע ווידער־שפּריכע זיינען געווען אַזוי קלאָר, דאָס וועהרענד קורצזיכטיגע קריטיקער אין די „מאָסקווער גאַזעט“, פּערטהיידיגער פון לייב־אייגענשאַפט, האָבען געמיינט, אַז טאָלסטאָי האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן זייער רעאַקציאָנערען לאַגער, האָט דער גרויסער רוסישער קריטיקער מיכאַילאָווסקי פּערעפענטליכט אין 1875 אַ רייהע מערקווירדיגע אַרטיקלען, אונטער'ן נאָמען: „די רעכטע און די לינקע האַנד פון גראַף טאָלסטאָי“, אין וועלכע ער האָט אָנגעוויזען אויף די צוויי מענשען, וועלכע זיינען געווען אין אַן אייביגען קאַמפּף אין דעם גרויסען שרייבער. אין דיזע אַרטיקלען, האָט דער קריטיקער, אַ גרויסער בעוואונדערער פון טאָלסטאָי, אַנאַליזירט די פּאָרטגעשריטענע אידעען, וועלכע ער האָט ענטוויקעלט אין זיינע אַרטיקלען וועגען ערציהונג, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען נאָך כמעט ווי אונבעקאַנט, און האָט זיי אוועקגעשטעלט אין געגענזאַץ צו די קאָנסערוואַטיווע אידעען, וועלכע ער האָט ענטוויקעלט אין זיינע שפּעטערע ווערק. אַלס אַן אונפּערמיידליכען רעזולטאַט, האָט מיכאַילאָווסקי פאָראויסגעזאָגט אַ קריזיס, צו וועלכען דער גרויסער שרייבער מוז קומען.

„איך וועל ניט רעדען“, האָט מיכאַילאָווסקי געשריעבען, „פון אַננאַ קאַרענינאַ, ערשטענס דערפאַר, ווייל עס איז נאָך ניט געענדיגט, און, צווייטענס, דערפאַר, ווייל מען מוז רעדען פון דעם אָדער זעהר פיעל אָדער גאָר ניט. איך וויל נור בעמערקען, דאָס אין דיזען ראָמאַן, פיעל אויבערפלעכליכער, אָבער טאַקע דערפאַר פיעל קלערער, ווי

ערגעץ אַנדערש — זעהט איינער די סליאַדען פון דער דראַמאַ, וועלכע שפּיעלט זיך אָב אין דער פּערפאַסער'ס נשמה. איינער פרעגט זיך אַליין, וואָס זאָל אַזאַ מענש טהאָן, ווי קען ער לעבען, ווי זאָל ער אויסמיידען יענעם סם פון זיין געוויסען, וועלכער רוקט זיך אימער אַריין אין די פערגעניגענס פון אַ בעפריעדיגטע בעדירפניס? זיכער מוז ער, כאָטש אפשר גאַנץ אונבעוואוסט, זוכען אַ מיטעל, ווי צו מאַכען אַ סוף צו דער אינערליכער דראַמאַ פון זיין נשמה, אַראָבצולאָזען דעם פאָרהאַנג. אָבער ווי טהוט מען דאָס? איך דענק, דאָס ווען אַ געוועהנליכער מענש וואָלט געווען אין אַזאַ לאַגע, וואָלט ער געענדיגט אַלס זעלבסט־מערדער, אָדער אלס שכור. אַ מענש אָבער פון אַ גרויסען ווערטה ווערט זוכען אַן אַנדער אויסוועג, און אַזעלכע אויסוועגען זיינען דאָ אויי־ניגע." (מיכאַילאָווסקי'ס ווערק, דריטער באַנד, זייטע 491.)

איינע פון די אויסוועגען, האָט מיכאַילאָווסקי אָנגעוויזען, וואָלט געווען צו שרייבען פאַר'ן פאָלק. געוויס. זעהר ווענינע זיינען אַזוי גליקליך צו בעזיצען דעם טאַלענט און די פעהיגקייט דערצו:

„אָבער איינמאָל איז ער (טאָלסטאָי) איבערציינט, דאָס די נאַציאָן בעשטעהט פון צוויי העלפטען, און דאָס זאָגאַר די אונשולדיגע פער־געניגענס פון דער איין העלפט זיינען שעדליך פאַר די צווייטע — ווארום זאָל ער דאַן ניט אַוועקגעבען זיין געוואַלדיגען כח פאַר דיעזע אויפגאַבע? עס איז זאָגאַר שווער זיך פאָרצושטעלען, דאָס אירגענד וועלכע אַנדערע אויפגאַבע זאָל קענען אינטערעסירען דעם שרייבער, וועלכער טראָגט אין זיין נשמה אַזאַ שרעקליכע דראַמאַ, ווי די, וועלכע טאָלסטאָי טראָגט. אַזוי טיעף און אַזוי ערנסט איז זי, אַזוי טיעף געהט זי צו די וואָרצלען פון יעדער ליטעראַרישער טהעטיגקייט, דאָס זי מוז ענדליך פערניכטען אַלע אַנדערע אינטערעסען... און איז עס ניט אַ געניגענדער הויכער צוועק אין לעבען, אימער צו דערמאָנען די „געזעלשאַפט", דאָס איהרע פערגעניגענס און פריידען זיינען ניט די פערגעניגענס און פריידען פון דער גאַנצער מענשהייט, צו ערקלערען דיעזער „געזעלשאַפט" דעם אמת'ן זין פון דער ערשיינונג פון פאָרט־שריט, אויפצואוועקען, און זאָל עס נור זיין אין איינצעלנע, דעם געוויסען און דעם וואונש פאַר רעכט? און איז דען ניט דיעזער פעלד ברייט גענוג פאַר פאָרטשריט?... די דראַמאַ, וועלכע געהט אָן אין

גראַף טאָלסטאָי'ס נשמה, איז נור אַן השערה", ענדיגט מיכאַילאָווסקי, „אָבער די השערה איז געראַכטפערטיגט. אָהן איהר איז אונמעגליך צו פערשטעהן טאָלסטאָי'ען." (מיכאַילאָווסקי'ס ווערק, 3טער באַנד, זייטע 496.)

איצט ווייס מען שוין, ווי מיכאַילאָווסקי'ס השערה איז געווען טאַקע אַן אמת'ע נבואה. אין דיא יאהרען 76—1875, ווען טאָלסטאָי האָט געהאַלטען ביים ענדיגען „אַנאַ קאַרענינאַ", האָט ער גענצליך בעגריפען די פוסטקייט און די צוויייזייטיגקייט פון לעבען, וועלכען ער האָט ביז דאַן געפיהרט. „עטוואָס פרעמדעס האָט אָנגעהויבען פאָרקומען אין מיר," שרייבט טאָל־סטאָי, „איך האָב אָנגעפאַנגען צו שפירען מינוטען פון צוטומעלט־קייט, פון אַן אויפהערונג פון לעבען, אַזוי ווי איך וואָלט ניט געוואוסט ווי צו לעבען און וואָס צו טהאָן." „צו וואָס? וואָס קומט נאכהער?" זיינען געווען די פראגען, וועלכע האָבען זיך איהם געשטעלט. „גוט," האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, „דו וועסט האָבען פופצעהן־טויזענד אַקער לאַנד אין סאַמאַראַ, דריי־טויזענד פערד — אָבער וואָס קומט ארויס דערפון? און איך בין געווען גאַנץ צומישט, איך האָב ניט געוואוסט, וואָס נאָכדעם צו טראַכטען." די ליטעראַרישע בעריהמטהייט האָט פערלאָרען פאַר איהם איהר חן איצט, אַז ער האָט דערגרייכט די גרויסע הויכקייטען, צו וועלכע „קריעג און פריעדען„ האָט איהם געבראַכט. דער קליין בילדעל פון אַ מיעסטשאַנסקען פאַמיליען־גליק, וועלכען ער האָט געשילדערט אין אַ ראָמאַן פאַר זיין חתונה („פאַמיליען־גליק") האָט ער שוין איצט דורכגעמאַכט, און עס האָט איהם ניט מעהר צופריעדענגעשטעלט. אַ לעבען פון אויסגעלאַסענהייט, וועלכען ער האָט ביז דאַן געפיהרט, האָט פאַר איהם פערלאָרען יעדען רייץ און זין. „איך האָב געפיהלט," שרייבט ער אין זיין ודוי, „אַז דאָס, אויף וואָס איך בין געשטאַ־נען, האָט זיך צובראָכען, אַז עס איז גאָר ניט געבליבען אויף וואָס צו שטעהן; אַז דאָס, פאַר וואָס איך האָב געלעבט, האָט שוין מעהר ניט עקזיסטירט. מיין לעבען איז געקומען צו אַן אָבשטעל." די זאָגענאַנטע פאַמיליען־פליכטען האָבען פערלאָרען זייער אינ־טערעס. ווען ער האָט געטראַכט פון דער ערציהונג פון זיינע

קינדער, האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „צו וואָס?" און העכסט וואהרשיינליך האָט ער געפיהלט, דאָס אַלס פּאָמיעשטשיק, וועט ער זיי קיינמאָל ניט קענען געבען אַ בעסערע ערציהונג, ווי זיין איינענע, וועלכע ער האָט פערדאַמט. און ווען ער האָט אָנגעהויבען דענקען פון דעם גליק פון די מאַסען, פלעגט ער פלוצלונג זיך אַליין פרעגען: „וואָס איז עס מיין עסק?"

ער האָט געפיהלט, דאָס ער האָט גאָר ניט צו וואָס צו לעבען. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיינע פערלאַנגען, וועלכע ער זאָל קענען אַנערקענען, אַלס פערנינפטיג. „ווען אַ געטין וואָלט צו מיר דאַן געקומען און מיר פאָרגעשלאָגען עטוואָס צו בעפריעדיגען מיין פערלאַנג, וואָלט איך ניט געוואוסט וואָס צו פערלאַנגען. איך האָב זאָגאַר ניט געוואונשען צו וויסען דעם אמת, ווייל איך האָב זיך משער געוועזן, וואָס דער אמת איז. דער אמת איז געוועזן, דאָס דער לעבען איז אַן אונזין." ער האָט ניט געהאַט קיין ציעל, קיין צוועק אין לעבען, און אַזאַ לעבען, מיט זיינע אונפערמיידליכע ליידען איז ניט ווערטה צו לעבען.

ער האָט ניט געהאַט די מאָראַלישע טעמפּקייט, וועלכע איז נויטיג, אַז זיין גוט לעבען זאָל ניט פערגיפטעט ווערען פון דעם אַרומיגען עלענד. און דאָך, ווי שאָפּענהויער, האָט ער ניט געהאַט דעם ווילען, וועלכער איז געוועזן נויטיג, אום צו ברענגען אין איינקלאַנג זיין פערשטאַנד און זיינע חושים. זעלבסט־פערניכטונג, טוידט איז איהם דאַרום אויסגעקומען אַלס דער בעסטער אויסוועג.

דאָך, טאָלסטאָי איז געוועזן צו אַ שטאַרקער מענש צו ענדיגען זיין לעבען מיט זעלבסטמאָרד. ער האָט געפונען אַן אויסוועג און דיעזער אויסוועג איז איהם אָנגעצייגט געוואָרען דורך זיין צוריקקעהרען זיך צו דער ליעבע, וואָס ער האָט געפיהלט אין זיינע יונגע יאָהרען: ד י ל י ע ב ע צ ו ד י ב ו י ע ר ע ן־ מ אַ ס ע ן. „צי דאָס איז געוועזן דער רעזולטאַט פון אַ מאָדנער, אַזוי צו זאָגען, אַ פיזישער ליעבע צו די ווירקליכע אַרבייטער," שרייבט טאָלסטאָי, „צי דאָס איז געוועזן עפּעס אַן אנדער אורזאַכע", אָבער ער האָט פערשטאַנען ענדליך, דאָס ער מוז זוכען דעם זין פון לעבען צווישען די מיליאָנען, וועלכע אַרבייטען זייער

גאַנצען לעבען. ער האָט אָנגעהויבען אונטערזוכען מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט ווי פריהער דעם לעבען פון דיזע מיליאָנען, און ער האָט אָנגעהויבען צו ליעבע דיזע מענשען. און וואָס מעהר ער איז אריינגעדרונגען אין זייער לעבען, פערגאַנגענעם און איצטיגען, דאָס מעהר האָט ער זיי געליעבט און דאָס לייכטער איז פאַר איהם געוואָרען דאָס לעבען. וואָס אַנבעטרעפט דאָס לעבען פון די מענשען פון זיין אייגענעם קרייז, די רייכע און געבילדעטע, שרייבט ער, „האָב איך ניט נור געפיהלט אַן עקעל צו דעם, נור עס האָט פערלאָרען יעדען זין אין מיינע אויגען.“ ער האָט פערשטאַנען, דאָס אויב ער האָט ניט געזעהן צו וואָס עס טויג דאָס לעבען, איז דאָס נור געווען זיין אייגענער לעבען, א לעבען פון אויסגעלאַסענהייט, וועלכער האָט פערפינסטערט פאַר איהם דעם אמת.

„איך האָב פערשטאַנען,“ שרייבט טאָלסטאָי, „אַז מיין פראגע: „וואָס איז לעבען?“ און מיין ענטפער: „אַן אונגליק“, זיינען גאַנץ ריכטיג. איך בין נור געווען אונגערעכט, אָנווענדענדיג עס אויף דעם לעבען אין אַלגעמיין. אויף די פראגע: „וואָס איז לעבען?“ האָב איך געקראָגען אַן ענטפער: „אַן אונגליק און אַן אונזין“. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. מיין אייגענער לעבען, אַ לעבען, אָבגעגעבען צו ליידענשאַפטען, האָט ניט געהאַט קיין זין... אָבער דאָס איז נור געווען ריכטיג פאַר מיין אייגענעם לעבען, און ניט פאַר'ן לעבען פון אַלע מענשען. אָנפאַנגענדיג מיט די פויגעל און די ניעדריגסטע חיות, לעבען אַלע אום אויפ־צוהאַלטען דאָס לעבען און צו פערזיכערען אַ לעבען פאַר אַנדערע אַ חוץ פאַר זיך אַליין, ווערענד איך, ניט נור האָב איך עס ניט געטהאָן פאַר אנדערע, איך האָב עס זאָגאַר פאַר זיך אַליין ניט געטהאָן. איך האָב געלעבט ווי אַ פאַראַזיט, און שטעלענדיג זיך אַליין די פראגע: „צו וואָס לעב איך?“ האָב איך געקראָגען אַן ענטפער: „פאַר גאָר ניט“.“

די איבערצייגונג, אַלזאָ, דאָס ער מוז לעבען, ווי די מאַסען לעבען, פערדיענענדיג אויף זיין לעבען, דאָס ער מוז פראַצעווען, דאָס אַזאַ לעבען איז דער איינציגער ענטפער אויף די פראַגע, וועלכע האָט איהם געבראַכט צו פערצווייפלונג, דער איינציגער

מיטעל, ווי צו רעטען זיך פון די ווידערשפריכע, וועלכע האָבען געמאכט שאָפּענהויער און פיעלע אַנדערע פּרעדיגען זעלבסט־פערניכטונג און פּעסימיזמוס — דיעזע איבערצייגונג, אַלזאָ, האָט איהם געראַטעוועט, און האָט איהם צוריקגעגעבען די פּער־לאָרענע ענערגיע און דעם וואונש צום לעבען. אָבער דיזעלבע אידעע האָט בעגייסטערט טויזענדע אַנדערע פון דער רוסישער יוגענד אין יענע יאָהרען און האָט זיי געפיהרט אָנצוהויבען די גרויסע בעוועגונג „וו'נאראָד!" „צום פאָלק: זיי דאָס פאָלק".

טאָלסטאָי האָט אונז דערצעהלט אין זיין וואונדערבארען בוך: „די שקלאַפעריי פון אונזער צייט" די איינדריקע, וועלכע עס האָבען געמאַכט אויף איהם די מאָסקווער עלענדע ארבייטער־קווארטאַלען אין 1881, און דיווירקונג, וועלכע זיי האָבען געהאַט אויף די ענטוויקלונג פון זיינע געדאַנקען. אָבער מיר ווייסען נאָך ניט, וועלכע פאַקטען און איינדריקע האָבען איהם געמאַכט אזוי שטארק דערפיהלען אין 1875—1881 די גאַנצע פּוסטקייט פון דעם לעבען, וועלכען ער האָט ביז דאַן געפיהרט. איז עס דען צו ריזיקאַליש, ווען איך גלויב, דאָס עס איז געווען גראדע די בעוועגונג „צום פאָלק", וועלכע האָט בעגייסטערט אזוי פיעל רוסישע יונגע לייט צו געהן אין די דערפער און צו לעבען דאָרט דאָס לעבען פון פאָלק, וועלכע האָט אויך ענדליך .געמאַכט טאָלסטאָי'ען צו בעטראַכטען זיין לאַגע, אלס פּאָמיעשטשיק?

דאָס ער האָט געוואוסט פון דיעזער בעוועגונג, וועגען דעם איז ניטאָ דער מינדעסטער צווייפעל. דער פּראָצעס פון די נעשטשאיעוו־גרופּע אין 1871 איז געדרוקט געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען אין די רוסישע צייטונגען און איינער האָט זאָגאר אין די יוגענדליכע אונצייטיגע רעדען פון די אָנגעקלאָגטע געקאָנט גאַנץ גוט לייענען זייערע הויכע מאָטיוועןן און די גרויסע ליעבע צום פאָלק, וועלכע האָט זיי בעגייסטערט. דער פּראָצעס פון די דאָלגושינער גרופּען אין 1875 האָט געמאַכט אין דיעזער הינזיכט נאָך א טיעפערען איינדרוק; אָבער בעזאָנדערס דער פּראָצעס אין מערץ, 1877, פון יענע גרויסע העלדען פון די מיידלעך באַרדינאַ, ליובאַטאָוויטש, די שוועסטער סובאָטין, „די מאָסקווער

פופציג", ווי מען האָט זיי אָנגערופען אין די צירקלען, וועלכע, כאָטש אַלע פון רייכע פאַמיליען, האָבען דאָך געפיהרט אַ לעבען פון פאַבריק־מיידלעך, אין די שרעקליכע פאַבריק־קאַזאַרמעס, אַרבייטענדיג פיערצעהן און זעכצעהן שטונדען אַ טאָג, כדי צו זיין מיט די אַרבייטער און לערנען מיט זיי... און דאַן דער פּראָצעס פון די „הונדערט דריי און ניינציג" און פון וויערא זאַסוליטש אין 1878. ווי שטאַרק טאָלסטאָי האָט געמעגט ניט ליעב האָבען די רעוואָלוציאָנערען, האָט ער אָבער געמוזט פיהלען, לעזענדיג די בעריכטען פון דיעזע פּראָצעסען אין די צייטונגען, אָדער הערענדיג וואָס מען האָט גערעדט וועגען זיי אין מאָסקווע, און ער איז געווען אַן עדות פון דעם, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיי האָבען געמאַכט אויפ'ן עולם — ער, דער גרויסער אַרטיסט, האָט געמוזט פיהלען, דאָס דיעזע יוגענד איז פיעל נעהנטער צו דעם, וואָס ער איז אַליין געווען אין זיינע יונגע יאָהרען, אין 1864—1861, ווי צו די, צווישען וועמען ער האָט איצט געלעבט, די קאַטקאָווס און די פּעטס און עהנליכע צו זיי. און דאַן, ווען ער האָט זאָגאַר גאָר ניט געוואוסט פון דיעזע פּראָצעסען און האָט גאָר ניט געהערט וועגען די „מאָסקווער פופציג", האָט ער אָבער דאָך זיכער געלעזען טורגעניעוו'ס „אונבעריהרטער באָדען", וועלכעס איז ערשיענען אין 1877, און ער האָט געמוזט פיהלען פון דיעזען ניט זעהר פּאַלקאָמענעם בילד, וועלכער איז אַזוי וואַרעם אויפגענומען געוואָרען פון יונג־רוסלאַנד, וואָס דיעזער יונג־רוסלאַנד איז געווען.

ווען טאָלסטאָי איז יעמאָלט אין זיינע צוואַנציגער, וואָלט ער אפשר זיך אָנגעשלאָסען אָן דער בעוועגונג אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרמע, ניט קוקענדיג אויף אַלערליי שטערונגען. אַזעלכער, ווי ער איז געווען, אין אַזאַ סביבה, און בעזאָנדערס מיט זיין מח, פיעל בעשעפטיגט מיט דער פראַגע: „וואו איז די פּרוזשינע, וועלכע זאָל בעוועגען די מענשליכע הערצער אין אַלגעמיין, און זאָל ווערען דער קוואַל פון אַ טיעפער מאָראַלישער רעפאָרם פון יעדען איינצעלנעם", מיט אַזאַ פראַגע אין זיין קאָפּ, האָט ער געמוזט דורכמאַכען פיעלע קעמפּפע, איידער ער האָט גאַנץ בעוואוסטזיניג אָנגעהויבען געהן אויף דעם וועג, אויף

וועלכען עס איז געגאַנגען פאַר איהם מיט אזאַ בעגייסטערונג די רוסישע יוגענד. ווייל אונזערע יונגע מענער און פרויען האָבען עס געטהאָן אויף דעם גרונד פון דער איינציגער ערקלערונג, אַז זיי זיינען שולדיג אַ חוב צום פאָלק, וועלכער האָט ביז איצט פאַר זיי בעשאַפען אַלעס, וואָס זיי האָבען. דיעזער בעוואוסטזיין פון זייער „חוב צום פאָלק" איז שוין געוועזן גענוג, אַז אונזערע יונגע מענער און פרויען זאָלען פערלאָזען זייערע רייכע היימען און זאָלען אָננעהמען דאָס איינפאַכסטע לעבען, קוים מיט עטוואָס אַנדערש פון דעם לעבען פון אַן ארבייטער און זיי האָבען איבערגעגעבען זיך מיט לייב און לעבען צום פאָלק. אָבער טאָלסטאָי — צוליעב פיעלע אורזאַכען, ווי ערציהונג, אומשטענדען, געוואוינהייט, עלטער און אפשר אויך די גרויסע פילאָזאָפישע פראַגען, וועלכע האָבען פערנומען זיין געדאַנק — האָט געמוזט דורכמאַכען די שווערסטע קעמפפע, איידער ער איז געקומען צו דעמזעלבען שלום, כאָטש אויף אַן אַנדער וועג: דאָס הייסט, איידער ער האָט בעשלאָסען, דאָס ער איז אַ טרעגער פון אַ טהייל פון דעם געטליך־אונבעקאַנטען, וועמעס ווילען איז בעשטאַנען אין דעם, אַז יעדער זאָל ארבייטען פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילגעהן.*)

*) „דאָס, וואָס מאַנכע מענשען האָבען מיר געזאָגט, און איך האָב אַליין געמאַטערט זיך איינצורעדען — נעמליך, דאָס אַ מענש זאָל ווינשען גליק, ניט נור פאַר זיך אַליין, נור אויך פאַר אַנדערע, זיינע שכנים, און פונקט אזוי פאר אלע מענשען, דאָס האָט מיך ניט צופריעדענגעשטעלט. ערשטענס, האָב איך ניט געקאָנט מיט'ן גאַנצען האַרצען ווינשען פאר אַנדערע אזוי פיעל גליק, ווי פאַר מיר אַליין; צווייטענס, און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע, די אַנדערע, פונקט ווי איך, זיינען פערדאַמט צום אונגליק און טוידט און דארום זיינען איינפאַך נוצלאָז אַלע מיינע אנשטרענגונגען פאר דעם גליק פון אַנדערע. איך בין געוועזן אין פערצווייפלונג" — שרייבט טאָלסטאָי. דער בעגריף, דאָס פערזענליכער גליק קען אַם בעסטען געפונען ווערען אין דעם גליק פון אַלע, האָט דאַן איהם געפעהלט, און דעם שטרעבען צו דעם גליק פון אַלע האָט ער געפונען פאַר אַ ניט־גענוגענדען צוועק אין לעבען.

אין דעם מאָמענט, ווען ער איז געקומען צו דיעזען בעשלוס, האָט ער אויך גלייך געהאַנדעלט אַזוי. די שוויעריגקייטען, וועלכע ער האָט בעגעגענט אויפ׳ן וועג, איידער ער האָט געקענט פאָלגען דעם בעפעהל פון זיין געוויסען, האָבען געמוזט זיין זעהר גרויסע. מיר קענען קוים זיך מאַכען אַ בעגריף פון זיי. די סאָפיזמען, וועלכע ער האָט געהאַט צו בעקעמפּפען — איבער־הויפּט, ווען אַלע די, וועלכע האָבען פערשטאַנען די ווערדע פון זיין ריעזיגען טאַלענט, האָבען אָנגעהויבען פּראָטעסטירען געגען זיין פערדאַמונג פון די פריהערע ווערק זיינע — קענען מיר זיך אויך לייכט פאָרשטעלען. און מען מוז נור בעוואונדערען די מאַכט און קראַפט פון זיינע איבערצייגונגען, ווען ער האָט גענצ־ליך איבערגעאַנדערש דאָס לעבען, וועלכעס ער האָט ביז דאַן געפיהרט.

דאָס קליינע צימער, וועלכעס ער האָט פערנומען אין זיין רייכען פּאַלאַץ, איז גוט בעקאַנט דורך אַ וועלט־בעריהמטען פאָטאָגראַפישען בילד. טאָלסטאָי הינטער׳ן אַקער־אייזען, געמאָלט פון רעפּען, האָט געמאַכט זיין רונדרייזע איבער דער וועלט, און ער ווערט בעטראַכט פון דער רוסישער רעגיערונג אזוי געפעהרליך, דאָס מען האָט איהם אַרויסגענומען פון דער עפענט־ליכע בילדער־אויסשטעלונג. בעגרענצענדיג זיין אייגענעם לעבען צו דאָס סאַמע גויטווענדיגסטע פון די איינפאַכסטע נאהרונג, האָט ער געטהאָן זיין בעסט אַזוי לאַנג, ווי זיינע כחות האָבען עס איהם ערלויבט, צו פערדיענען דאָס נויטיגע וועניגע פאר זיך דורך פיזישע ארבייט. און פאר די לעצטע יאָהרען האָט ער געשריבען זאָגאַר מעהר, ווי ער האָט געשריבען אין די יאָהרען פון זיין העכסטער ליטעראַרישער פרוכטבאַרקייט.

די ווירקונג פון דיעזען ביישפּיעל, וועלכען טאָלסטאָי האָט געגעבען דער מענשהייט, ווייס יעדער. ער גלויבט אָבער, דאָס ער מוז אויך געבען די פילאָזאָפישע און רעליגיעזע גרינדע פאר זיין אויפפיהרונג, און דאָס האָט ער געטהאָן אין אַ רייהע פון מערקווירדיגע ביכער.

געפיהרט פון דער אידעע, דאָס מיליאָנען איינפאַכע ארביי־

טער האָבען בעגריפען דעם אמת'ען זין פון לעבען און האָבען עס געפונען אין דעם לעבען אליין, וועלכען זיי בעטראַכטען אלס די אויפטהועכץ „פון דעם ווילען פון דעם בעשעפער פון דער וועלט", האָט ער אָנגענומען דעם איינפאַכען גלויבען פון די מאַסען פון די רוסישע בויערן, כאָטש זיין געדאַנק האָט זיך געבאָרעט געגען דעם, און האָט מיט זיי צוזאַמען נאָכגעפאָלגט די אלע צערעמאָ־ניעס פון פּראַוואָסלאַוויע. דאָך איז געווען אַ גרענעץ צו אַזאַ נאָכגיעביגקייט פון זיין זייט. עס זיינען געווען אַזעלכע גלוי־בענס און צערעמאָניעס, וועלכע ער האָט בשום אופן ניט געקענט אָננעהמען. ער האָט געפיהלט, אז פיעלעס וואָס ער זאָגט און טהוט אין דער קירכע, איז געגען זיין געוויסען. דאַן האָט ער זיך בעקענט מיט די צוויי סעקטאַנטישע בויערען, סוטאַיעוו און באַנדאַריאָוו, וועלכע ער האָט טיעף געאַכטעט, און ער האָט אויסגעפונען, דאָס אָנשליסענדיג זיך צו דער גריכישער אָרטאָ־דאָקסישער קירכע, העלפט ער די אַלע העסליכע פערפאָלגונגען פון די סעקטאַנטען, און דאָס אויף אַזאַ אופן איז ער אַ שותף צו דעם האַס, וועלכען אַלע קירכען פיהלען איינע צו די אנדערע.

דאַן האָט ער זיך גענומען צו אַ פאָלשטענדיגען שטודיום פון קריסטענטהום, ניט קוקענדיג אויף די לעהרען פון די פער־שיעדענע קירכען. אין אַ מערקווירדיג טיעף אויסגעאַרבייטען ווערק (אַ קריטיק פון דער דאָגמאַטישער טהעאָלאָגיע) האָט ער בעוויזען, ווי גרונד־פערשיעדען עס זיינען די פערטייטשונגען פון די קירכען פון דעם אמת'ען זין פון די ווערטער פון יעזוס. און דאַן האָט ער אויסגעאַרבייט, גאַנץ אונאַבהענגיג, אַ פער־טייטשונג פון דער קריסטליכער לעהרע, וועלכע איז זעהר עהנליך צו די פערטייטשונגען פון די אַלע פריהערע גרויסע בעוועגונגען — אין דעם ניינטען יאהרהונדערט אין ארמעניען — נאַכהער פון ווייקליף און פון די ערשטע אנאַבאַפטיסטען, בעטאָנענדיג אָבער מעהר פון אַלץ די לעהרע פון ניט וועהרען זיך געגען דאָס בייזע.

טאָלסטאָי'ס פערטייטשונג פון קריסטענטהום.

די אידעען, וועלכע טאָלסטאָי האָט לאַנגזאַם ענטוויקעלט, זיינען ערקלערט אין דריי בעזונדערע ווערק: 1) די דאָגמאַטישע טהעאָלאָגיע, די הקדמה פון וואָס איז בעסער בעקאַנט אַלס די ודוי, און איז אָנגעשריבען געוואָרען אין 1882. 2) „וואָס איז מיין גלויבען" (1884), און 3) „וואָס איז אַלזאָ צו טהאָן?" (1886), צו וואָס עס דאַרף צוגעלעגט ווערען „דער קעניגרייך פון גאָט איז אין אייך אַליין", אָדער קריסטענטהום ניט אַלס מיסטישע לעהרע, נור אַלס אַ נייער בעגריף פון לעבען (1900) און מעהר פון אַלץ, אַ קליין ביכעלע „די קריסטליכע לעהרע" (1902), וועלכעס איז געשריבען אין קורצע פאַראגראַפען, און ענטהאַלט אַ פולע און בעשטימטע ערקלערונג פון טאָלסטאָי'ס רעליגיעזע אַנזיכטען. פיעלע אַנדערע ווערק, וועלכע בעהאַנדלען דעמזעלבען געגענשטאַנד, ווי „דאָס לעבען אין די לעהרע פון קריסטוס", „מיין ענטפער אויף דעם סינאָד'ס חרם", „וואָס איז רעליגיאָן", „וועגען לעבען" א. ז. וו., זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען דעמזעלבען יאָהר. דיזע ביכער שטעלען מיט זיך פאָר טאָלסטאָי'ס ארבייט פאַר די לעצטע צוואַנציג יאהר, און וועניג־סטענס פיער פון זיי („די ודוי", „מיין גלויבען", „וואָס איז צו טהאָן" און „די קריסטליכע לעהרע") מוזען געלייענט ווערען אין דער אָנגעוויזענער אָרדנונג פון דעם, וועלכער וויל וויסען די רעליגיעזע און מאָראַלע בעגריפע פון טאָלסטאָי און זיך אַרויס־פלאָנטערען פון די צומישעניש, וועלכע ווערט מאַנכעס מאָל ייִרקלערט אַלס טאָלסטאָיאיזמוס

דיעזע ווערקע שטעלען מיט זיך פאָר דעם מערקווירדיגסטען פערזוך פון אַ ראַציאָנאַלע פערטייטשונג פון קריסטענטהום, וואָס איז אַמאָל פון אימיצען פאָרגענומען געוואָרען. ביי טאָלסטאָי'ען וואַרפט פון זיך אַראָב דער קריסטענטהום זיין גאַנצען מיסטיציזמוס, און ער ווערט אַ ריין גייסטיגע לעהרע וועגען דעם וועלט־גייסט, וועלכער פיהרט דעם מענשען צו אַ העכערען לעבען, אַ לעבען פון גלייכהייט און פון פריינדליכע

פערהעלטניסע מיט אלע מענשען. ווען טאָלסטאָי נעהמט אָן דעם קריסטענטהום, אלס דעם פונדאמענט פון זיין גלויבען, איז עס ניט דערפאר, ווייל ער בעטראכט עס, אלס א געטליכע ענט־פּלעקונג, נור ווייל זיין לעהרע, אָבגעריינינגט פון אלדאָס בייז, וואָס איז צו איהם צוגעלעגט געוואָרען דורך די קירכען, ענטהאלט אין זיך „די סאמע לייזונג פון דעם לעבענס־פּראָבלעם, ווי דאָס איז געגעבען געוואָרען מעהר אָדער וועניגער קלאָר פון די בעסטע מענשען סיי פאר און סיי נאָך דעם, ווען קריסטענטהום איז ערשיענען — א רייהענפאָלגע, וועלכע ציהט זיך פון משה, ישוע און קאָנפוציוס, צו די ערשטע גריכען, בודדהא און סאָקראטעס, ביז צו פּאסקאל, ספּינאָזא, פּיכטע, פייערבאך און אלע אנדערע, אָפט אונבעמערקטע און אונבעקאנטע, וועלכע, ניט אָננעהמענדיג קיין לעהרע אויף דעם בלויזען גלויבען, האָבען געלערנט אונז און גערעדט צו אונז מיט'ן גאנצען הארצען וועגען דעם זין פון לעבען.“ (אין דער פּאָררעדע צום בוך „די קריסטליכע לעהרע“, אין אן אנדער עהנליכען זאץ גיט ער צו נאָך צוויי נעמען פון מארקוס אָרעליוס און לאָאָ־טזע, אלס די גרויסע לעהרער פון דער מענשהייט) ווייל „קריסטענטהום גיט אן ערקלערונג פון דעם זין פון לעבען“, און איז א לייזונג פון דעם ווידערשפּרוך צווישען דעם שטרעבען נאָך וואוילגעהן אין לעבען און דעם בעוואוסטזיין, אז דאָס קען ניט דערגרייכט ווערען. („קריסטליכע לעהרע“, 13טען פּאראגראף) — „צווישען דעם וואונש פאר גליק און לעבען פון איין זייט און דעם אלץ גרעסער ווערענדען בעוואוסט־זיין פון אונגליק און טוידט פון דער אנדערער זייט.“

וואָס אנבעטרעפט די דאָגמאטישע און מיסטישע טהיילען פון קריסטענטהום, וועלכע ער בעטראכט אלס צוצעפּענישען צו דער ווירקליכער לעהרע פון קריסטוס, מאכט ער פאָלגענדע בעמערקונג: „עס איז שרעקליך צו זאָגען עס, אָבער מאנכעס מאָל האָב איך דעם געדאנק: ווען די לעהרע פון קריסטוס צוזאמען מיט דער לעהרע פון דער קירכע, וועלכע איז אָנגעוואַק־סען אויף איהר, וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט — וואָלטען די, וואָס רופען זיך איצט קריסטען, געוועזען פיעל נעהנטער צו די לעהרען פון קריסטוס, ד. ה., צו אן אינטעליגענטען בעגריף וועגען לעבען,

ווי זיי זיינען עס איצט. די מאָראַלישע לעהרען פון אַלע נביאים פון דער מענשהייט וואָלט ניט געבליבען פערשלאָסען פאַר זיי.“

אַוועקלעגענדיג אָן אַ זייט אַלע מיסטישע און מעטאפיזישע בעגריפע, וועלכע מען האָט צונויפגעפלאָנטערט מיט קריסטענ־טהום, קאָנצענטרירט ער זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף די מאָראַל פון דער קריסטליכער לעהרע. איינער פון די מעכטיגע מיטלען — זאָגט ער — דורך וועלכע מענשען ווערען געשטערט צו לעבען אַ לעבען אין איינקלאַנג מיט דיזער לעהרע, איז דער „רעליגיעזער שווינדעל“. „די מענשהייט בעוועגט זיך לאַנגזאַם, אבער אונאונטערבראָכען צו אַן אַלץ העכערען און העכערען בעגריף פון דעם אמת'ען זין פון לעבען און צו דער איינאָרדנונג „פון לעבען אין איינקלאַנג מיט דיזען בעגריף.“ אָבער אין זיין פראָגרעסיווען גאַנג בעוועגען זיך ניט אַלע מענשען מיט גלייכער שנעלקייט און די „ווענינגער פיהלענדע האַלטען זיך נאָך אַלץ ביי די אַלטע בעגריפע און אָרדנונג פון לעבען, און מאַטערען זיך עס אויפצוהאַלטען“. דאָס פיהרען זיי אָם מייסטען מיט דער הילפע פון דעם רעליגיעזען שווינדעל, וועלכער „בעשטעהט אין דער אַבזיכטליכער צונויפמישונג פון גלויבען מיט אַבערגלויבען און אין דעם אונטעררוקען איינעם אנשטאַט דעם צווייטען“. דער איינציגער מיטעל צו בעפרייען זיך פון דיזען שווינדעל איז „צו פערשטעהן און צו געדענקען, דאָס דער איינציגער אינסטרומענט, וועלכען דער מענש האָט פאַר די דערגרייכונג פון וויסען, איז דער שכל און דאָס דעריבער יעדע לעהרע, וואָס בעהויפּטעט עטוואָס וואָס איז געגען שכל, איז פשוט נאַרעריי“. טאָלסטאָי, ביי יעדער געלעגענהייט, האַלט פאַר נויטיג צו בעטאָנען די וויכטיגקייט פון מענשליכען פערשטאַנד.

אַ צווייטע גרויסע שטערונג פאַר די פערשפרייטונג פון דער קריסטליכער לעהרע, זעהט טאָלסטאָי אין דעם אַלגעמיינעם גלויבען פון דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה, אזוי ווי מען פערשטעהט עס איצט. אין דיזער פאָרמע לייקענט ער עס פאָל־שטענדיג אָב. אָבער מיר קענען — זאָגט ער — געבען אַ טיעפערען זין צו אונזער לעבען, מאַכענדיג איהם פון נוצען צום מענשען, דורך צונויפגיסען אונזער לעבען מיט דעם לעבען פון

דער וועלט; און כאָטש דיזע אידעע מעג אויסזעהען וועניגער אנציהענד, ווי די אידעע פון דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה פון יעדען בעזונדער, „כאָטש קליין, איז זי אָבער זיכער".

רעדענדיג פון גאָט, נעהמט טאָלסטאָי מאַנכעס מאָל אָן א פאַנטהעאיסטישע שטעלונג, און ער רעדט פון גאָט אַלס דאָס לעבען, אָדער אַלס ליעבע, אָדער אַלס דער אידעאַל, וועלכען דער מענש פיהלט אין זיך; אָבער אין זיין לעצטע ווערק (די קריסטליכע לעהרע) ערקלערט ער, אַז גאָט מיינט „דער אַלוועלטליכער וואונש נאָך גליק, וועלכער איז דער קוואַל פון לעבען". „אַזוי איז, לויט דער קריסטליכער לעהרע, גאָט דער עצם פון לעבען, וועלכען דער מענש פיהלט אי אין זיך און אי אין דער גאַנצער וועלט אַרום איהם, אַלס דעם וואונש צום גליק". יעדער דענקענדער מענש — לעגט טאָלסטאָי צו — קומט צו אַן עהנליכען שלום, נאָכדעם ווי זיין ראַציאָנעלער געוויסען האָט ערוואַכט אין א געוויסען עלטער, און אין דער וועלט אַרום דעם מענשען איז דערזעלבער וואונש קלאָר אין אַלע בעזונדערע וועזענס, פון וועלכע יעדער איינער שטרעבט צו זיין אייגענעם וואוילגעהן. דיזע צוויי וויגשע קומען זיך צוזאַמען צו איין קלאָרען צוועק — בעשטימטען, דערגרייכבאַרען און גענוסרייכען פאַר'ן מענשען, דאַרום קומט ער צום שלום, אַז בעאָבאַכטונג, טראַדיציאָן (רעליגיעזע) און פערשטאַנד, אַלע דריי צוזאַמען ווייזען איהם, דאָס דער גרעסטער גליק פון מענשען, צו וועלכען אַלע שטרעבען קען נור דערגרייכט ווערען דורך א פאָלשטענדיגע פעראייניגונג צווישען די מענשען". אַלע דריי ווייזען איהם, דאָס די וויכטיגסטע אַרבייט פאַר די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, אין וועלכער ער האָט צו נעהמען אַן אַנטהייל, איז „דאָס איינפיהרען פון אייניגקייט און האַרמאָניע אַנשטאַט צוטהיילונג און מחלוקות". „די אינערליכע טענדענץ פון יענעם גייסטיגען וועזען — ליעבע, וועלכע איז אין דעם פּראָצעס פון געבורט אָן אין איהם, צווינגט איהם אין דיזעלבע ריכטונג".

אייניגקייט און האַרמאָניע און אונאויפהערליכע אנשטרענגונג צו פערברייטען זיי, וואָס דאָס מיינט ניט נור די גאַנצע אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך, אום צו לעבען פאַר זיך, נור אויך די

ארבייט צו פערמעהרען דאָס גליק פון אנדערע, דיזע אלזאָ זיינען די צוויי ענדליכע טענער, אין וועלכע די אלטע סתירות, די אלע שטורמס, וועלכע האָבען מעהר ווי צוואנציג יאָהר געבושעוועט אין דעם געמוטשעטען מוח פון דעם גרויסען ארטיסט, אלע די רעליגיעזע עקסטאזען און די אלע ראציאָנאלע צווייפעל, וועלכע האָבען בעוועגט זיין העכערע אינטעליגענץ, זוכענדיג דעם אמת, האָבען ענדליך געפונען זייער לייזונג אויף די העכסטע מעטאַ־פיזישע הויכקייטען: דער שטרעבען פון יעדען לעבענדען וועזען פאַר זיין אייגענעם וואוילגעהן, וועלכעס איז עגאאיזמוס און ליעבע צו גלייכער צייט, ווייל דאָס איז זעלבסטס־ליעבע, און ראציאָנאלע זעלבסט־ליעבע מוז ארייננעהמען אלע שטרעבונגען פון דעמזעלבען מין. דיעזע שטרעבונג נאָך דעם אינדיווידועלען גליק דורך זיין נאטור גופא האָט שוין די נייגונג ארומצונעהמען אלעס, וואָס עקזיסטירט. „ער צושפּרייט זיינע גרענעצען נאטיר־ליך דורך ליעבע, פריהער פאַר זיין פאמיליע, איינעמס ווייב און קינדער — דאַן פאַר פריינד, דאַן פאַר איינעמס לאנדסלייט, אבער ליעבע איז ניט צופריעדען מיט דעם, און זי האָט די נייגונג ארומצונעהמען אלע...“

דעם צענטראל־פּונקט אין דער קריסטליכער לעהרע זעהט טאָלסטאָי אין ניט־וועהרען־זיך געגען דאָס בייזע. וועהרענד די ערשטע יאָהרען נאָך זיין גייסטיגען קריזיס האָט ער געפּרעדיגט פאָלשטענדיגען ניט־וועהרען־זיך געגען דאָס בייזע, אין פולען איינקלאנג מיט דעם ווערטערליכען און בעשטימטען זין פון קריסטוס׳עס לעהרע, — אַ לעהרע, ווען זי ווערט גענומען אין שייכות מיט דעם זאַץ וועגען די רעכטע און לינקע באַק, מיינט ניט קיין אנדער זאַך, ווי אונטערוואַרפען זיך אין רעזיגנאציאָן. דאָך האָט ער געמוזט באלד איינזעהען, דאָס אזא מין לעהרע איז ניט נור ניט אין איינקלאנג מיט זיין אויבען־געשילדערטען גאָטעס־בעגריף, נור אז דאָס מיינט איינפאַך צו העלפען און אונטערשטיצען דאָס בייזע. דיעזע לעהרע ענטהאלט אין זיך גראדע דיעזע פּריווילעגיע צו טהון בייז, וואָס איז אימער געפּרע־דיגט פון די שטאאט־רעליגיאָנען אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען, און טאָלסטאָי האָט עס געמוזט דערפּיהלען.

ער דערצעהלט אונז, ווי ער האָט איינמאָל געטראָפען אין אן אייזענבאהן דעם גובערנאַטאָר אן דער שפּיצע פון אן אבטהיילונג פון סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען בעוואַפענט מיט ביקסען און פאַרבערייטעט מיט אַ גאַנצען וואָגען פון ריטער. זיי זיינען געפאָהרען צו שמייסען די בויערען פון אַ דאָרף אום דורכצופיהרען אַ גזירה פון אמת'ע רויבעריי, וועלכע די רעגיערונג האָט אָנגענר־מען צו גונסטען די פּאָמיעשטשיקעס און עטוואָס וואָס איז געווען גאַנץ קלאָר געגען גערעכטיגקייט. ער שילדערט מיט זיין גוט־בעקאַנטער מאַלערקראַפט, ווי אזוי אין זייער געגענוואַרט האָט אַ „ליבעראַלע“ דאַמע עפענטליך, אויפ'ן קול, און מיט שטאַרקע ווערטער פערדאַמט דעם גובערנאַטאָר און די אָפיציערען, און ווי זיי האָבען זיך געשעהמט. דאַן שילדערט ער, ווי אזא מין עקספּעדיציאָן האָט אָנגעפאַנגען איהר אַרבייט: די בויערען, מיט אַן אמת־קריסטליכער רעזיגנאַציאָן, פלעגען זיך איבער־צלמ'ען מיט אַ ציטערנדער האַנד, אוועקלעגען זיך אויף דער ערד, אום צו ווערען געמאַטערט און געשמיסען, ביז די האַרץ פון אַפּפער האָט אויפגעהערט צו שלאָגען, און דאָך די אָפיציערען זיינען אויף דאָס מינדעסטע ניט געריהרט געוואָרען פון דיעזער קריסטליכער אונטערגעבונג. וואָס טאָלסטאָי האָט געטהאָן, ווען ער האָט זיך בעגעגענט מיט דיעזער עקספּעדיציאָן, דאָס ווייסען מיר ניט; ער דערצעהלט עס אונז ניט. ער האָט וואַהרשיינליך גע'טענה'ט מיט די אָנפיהרער און האָט אודאי געראַטהען די סאָלדאַטען ניט צו פאָלגען — דאָס הייסט, צו רעבעלירען. יעדענפאַלס, ער האָט געמוזט פיהלען, דאָס אַ פאַסיווע שטעלונג אין דעם פאַל פון אַזאַ גרויזאַמקייט — דער ניט־ווערען־זיך געגען דעם — וואָלט געמיינט גאָר אַ הסכמה צו דיעזער גרויזאַמקייט. דאָס וואָלט געמיינט גאָר אונטער־שטיצען עס. נאָך מעהר, אַ פאַסיווע האַלטונג געגען בייזעס איז אזוי פרעמד צו דער סאַמע נאַטור פון טאָלסטאָי, דאָס ער האָט ניט געקענט בלייבען פאַר אַ לענגערע צייט אַ נאָכפאָלגער פון אַזאַ לעהרע, און ער האָט באַלד געענדערט די פערטייטשונג פון דיזען קריסטליכען געבאָט אין דעם זין: „ווערה זיך ניט געגען בייזעס דורך געוואַלט“. אַלע זיינע שפּעטערע ווערק זיינען שוין

דאַרום געווען פול מיט אַ ליידענשאַפטליכען וועהרען־זיך געגען די פערשיעדענע פאָרמען פון געמיינהייט, וועלכע ער האָט געזעהן אַרום זיך. שטענדיג און אונאונטערבראָכען הויבט ער אויף זיין מעכטיגע שטימע געגען דאָס בייזע און די בייזע מענשען. ער איז נור געגען פיזישע געוואַלט אין קאַמפף מיט דאָס בייזע, ווייל ער דענקט, אַז דאָס ברענגט שאַדען.

די אַנדערע פונקטען פון דער קריסטליכער לעהרע, לויט טאָלסטאָי פערטייטשט זיי זיינען: זייט ניט אין כעס, אָדער, לכל הפחות האַלט זיך איין פון כעס אַזוי פיעל, ווי איהר קענט. בלייבט טריי צו דער איין פרוי, מיט וועמען איהר האָט זיך פער־איינִיגט, און מיידט אויס אַלעס, וואָס רייצט אויף ליידענשאַפט; שווערט אייך ניט, וואָס לויט טאָלסטאָי מיינט: פערבינדט זיך קיינמאָל ניט אייערע הענד מיט אַ שבועה. מאַכען איינעם שווערען איז דער מיטעל, וואָס ווערט געברויכט פון אַלע רעגיע־רונגען, אום צו בינדען די מענשען און זייערע געוויסענס צו טהון דאָס, וואָס מען הייסט זיי; און ענדליך: ליעבט אייערע שונאים, אָדער ווי טאָלסטאָי ערקלערט עס אין אייניגע ווערק: משפט קיינמאָל און פערפאָלגט קיינמאָל ניט אַ צווייטען געריכטליך.

דיעזע פינף כללים גיט טאָלסטאָי די ברייטעסטע פער־טייטשונג און פון זיי אַלע ציהט ער אַ שלום פאַר פרייען קאָמו־ניזמוס. ער בעווייזט מיט אַ גאַנצען אוצר פון אַרגומענטען, דאָס צו לעבען פון דער אַרבייט פון אַנדערע און אַליין ניט אַרבייטען, מיינט צו צובּרעכען אַ געזעץ פון דער נאַטור; אַז דאָס איז די הויפט־אורזאַכע פון דעם סאָציאַלען איבעל און אויך פון כמעט אַלע פערזענליכע אונגליקען און צרות. ער ווייזט, ווי אַזוי די איצטיגע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייט איז פונקט אַזוי שלעכט, ווי שקלאַפעריי און פאַנטשיזנע זיינען אַמאָל געווען.

ער פערלאַנגט די פעראיינפאַכונג פון לעבען — אין נאַהרונג, אין קליידונג און אין וואוינונג — וואָס דאָס איז אימער דער רעזולטאַט, ווען איינער נעהמט זיך צו פיזישע אַרבייט און בעזאָנדערס צו לאַנד־אַרבייט, און ער ווייזט וואָס

פאַר אַ נוצען עס וואָלטען דערפון געהאַט זאָגאַר די רייכע און די לעדיג־געהער פון דער איצטיגער צייט. ער ווייזט, ווי אַזוי די אַלע איבלען פון דער איצטיגער שלעכטער רעגיערונג קומען אַרויס דערפון, וואָס די סאַמע מענשען, וועלכע פּראָטעסטירען געגען די שלעכטע רעגיערונג מאַכען אַלע אנשטרענגונגען צו ווערען אַ טהייל פון דערזעלבער רעגיערונג.

און פּונקט אַזוי אויסדריקליך ווי ער פּראָטעסטירט געגען די קירכע, אַזוי פּראָטעסטירט ער אויך געגען דעם שטאַאַט, אַלס דעם איינציגען מיטעל צו מאַכען אַ סוף צו דער איצטיגער שקלאַפעריי, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף די מענשען פון דיזער אינסטיטוציאָן. ער גיט אַן עצה די מענשען צו ענטזאגען זיך צו האָבען עפּעס צו טהון מיט'ן שטאַאט. און ענדליך, בעווייזט ער מיט אַ גרויסען רייכטהום פון ביישפּיעלע, אין וועלכע זיין אַרטיסטישער כח זעהט זיך אין זיין גאַנצער מאַכט, דאָס דער חשק פון די רייכע קלאַסען צו רייכטהום און לוקסוס, — אַ חשק, וועלכער האָט ניט קיינע גרענעצען, און קען גאָר ניט האָבען קיין גרענעץ — איז דאָס, וואָס האַלט אויף די שקלאַפעריי, אַלע דיזע אוננאָרמאַלע צושטענדע פון לעבען און אַלע דיזע פאַלשע לעהרען, וועלכע ווערען איצט פערשפּרייט פון שטאַאט און קירכע אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען.

פון דער אַנדערער זייט, ווען ער רעדט נור פון גאָט אָדער פון אונשטערבליכקייט, איז זיין שטענדיגער וואונש צו ווייזען, דאָס ער נויטיגט זיך ניט אין די אַלע מיסטישע און מעטאַפיזישע ווערטער און אויסדריקע, וועלכע ווערען געברויכט געוועהנליך אין אַזעלכע פעלע. און כאָטש זיין שפּראַך איז געבאָרגט פון רעליגיעזע ווערק, ברענגט ער אָבער אַרויס די ראַציאָנאַליסטישע פערטייטשונג פון די רעליגיעזע בעגריפע. פּאָרזיכטיג טהיילט ער אָב פון דער קריסטליכער לעהרע אַלעס דאָס, וואָס קען ניט אָנגענומען ווערען פון די נאָכפאָלגער פון אַנדערע רעליגיאָנען, און מאַכט דערמיט זעהר בולט אַלעס, וואָס איז געמיינשאַפטליך אַלע פּאָזיטיווע רעליגיאָנען; אַלעס, וואָס איז איינפאַך מענש־

ליך אין זיי, און וואָס דער פערשטאַנד קען בענעהמען, און וואָס קען דאַרום אָנגענומען ווערען פון גלויביגע און אונגלויביגע.

אין אנדערע ווערטער, אויף וויפיעל ער האָט שטודירט אין דער לעצטער צייט די לעהרען פון פערשיעדענע מאָראַל־פילאָזאָ־פען, אויף אַזוי פיעל האָט ער זיך גענומען די מיה פעסטצושטעלען די עלעמענטען פון אַן אַלוועלטליכער רעליגיאָן, אין וועלכער אַלע מענשען זאָלען זיך קענען פעראייניגען — אַ רעליגיאָן, אָבער, וועלכע האָט אין זיך גאָר ניט איבערנאַטירליכעס, גאָר ניט, וואָס דער פערשטאַנד און דאָס וויסען דאַרפען פערוואַרפען, נור אַזאַ, וואָס זאָל האָבען אין זיך אַ מאָראַל־לעהרע פאַר אַלע מענשען, אויף וואָס פאַר אַ שטופע פון אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג זיי זאָלען זיך ניט געפינען.

האָבענדיג אַלזאָ אָנגעפאַנגען אין 1875—77 דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער פּראַוואָסלאַווער קירכע — אין דעם זין, ווי דער רוסישער בויער פערשטעהט עס, איז ער ענדליך געקומען אין דער קריסטליכער לעהרע צו דער אויפ־שטעלונג פון אַ מאָראַלישער פילאָסאָפיע, וועלכע, לויט זיין מיי־נונג, קען ווערען אָנגענומען פון דעם קריסט, דעם איד, דעם מוסול־מאַן, דעם בודהיסט און פונקט אַזוי אויך פון דעם נאַטור־פילאָזאָף — אַ רעליגיאָן, וועלכע ענטהאַלט אין זיך בלויז די הויפּט־עלעמענטען פון אַלע רעליגיאָנען, נעמליך: אַ פעסט־שטעלונג פון איינעמס פערהעלטניסע צו דער וועלט אין איינ־קלאַנג מיט דעם איצטיגען וויסען און אַן אנערקענונג פון דער גלייכהייט פון אַלע מענשען.

אויב דיעזע צוויי עלעמענטען, איינער פון וועלכע געהערט צו דעם קעניגרייך פון וויסענשאַפט און דער צווייטער צום געביעט פון מאָראַל, זיינען גענוג צו בילדען אַ רעליגיאָן, און דאַרפען ניט קיין הינטערגרונד פון מיסטיציזמוס — דאָס איז אַ פראַגע, וועלכע איז אויסער די גרענעצען פון דיזער אָבהאַנדלונג.

די שקלאַפעריי
פון אונזער צייט

די שקלאַפעריי פון אונזער צייט

ערשטער קאפיטעל.

די אַרבייטס־שטונדען פון די פראַכט־לאָדערס אין מאָסקווא.

מיינער א בעקאנטער, אַן אָנגעשטעלטער אויף דער מאָסקוואער־קורסקער אייזענבאהן, האָט ריידענדיג מיט מיר, דער־מאָנט דעם פאַקט דאָס די מענשען, וועלכע לאָדען אָן די פראַכט, אַרבייטען צו 36 שטונדען מיט אמאָל.

כאָטש איך האָב געהאַט פאָלשטענדיגען צוטרויען צו דעם מאַן, וואָס האָט עס מיר דערצעהלט, איז עס מיר אָבער דאָך אונמעגליך געווען צו גלויבען. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט א טעות, אָדער דאָס ער טרייבט איבער, אָדער איך האָב איהם שלעכט פערשטאַנען.

אָבער דער מאַן האָט דערצעהלט וועגען די אומשטענדען, אונטער וועלכע דיעזע אַרבייט ווערט געטהאָן, מיט אזא פינקט־ליכקייט, אַז צווייפלען איז געווען אונמעגליך. ער האָט מיר דער־צעהלט, אַז אזעלכע פראַכט־אָנלאָדער זיינען דאָ צוויי הונדערט און פופציג אויף דער קורסקער סטאַציאָן אין מאָסקווע. זיי ווערען אַלע צוטהיילט אין פּאַרטיעס פון פינף, און זיי אַרבייטען אַלע פון שטיק, קריגענדיג פון איין רובעל ביז צו איין רובעל פופצעהן קאָפּיקעס פאַר יעדע טויזענד פוד סחורה, וואָס ווערט ערהאַלטען אָדער אַוועקגעשיקט.

זיי קומען אין דער פריה, אַרבייטען דעם גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט ביין אויפלאָדען די וואַגאָנען, און ווען די נאַכט איז צו ענדע, הויבען זיי ווידער אָן אָנצולאָדען און דאַן אַרביי־

טען זיי א צווייטען טאָג. אזוי, דאָס אין צוויי טעג האָבען זיי נור איין נאַכט צו שלאָפען.

זייער ארבייט בעשטעהט פון אויסלאָדען און שלעפּען פּעק פון זיעבען, אכט און ביז צו צעהן פּוד. צוויי מענשען לאָדען אָן די פּעק אויף די רוקענס פון די אנדערע דריי, וועלכע טראָגען זיי. ביי אזא ארבייט פערדינען זיי וועניגער, ווי א רובעל א טאָג. זיי ארבייטען אונאונטערבראָכען, ניט האָבענדיג קיינמאָל קיין אָברוה.

דיעזעס, וואָס דער מאַן האָט מיר דערצעהלט, איז געוועזען אזוי פול מיט איינצעלהייטען, אז צווייפלען אין דעם האָב איך ניט געקאָנט. דאָך האָב איך בעשלאָסען צו זעהן עס מיט מיינע אייגענע אויגען, און איך בין אוועק צו דער סטאַציאָן.

געפינענדיג דאָרט מיין בעקאַנטען, האָב איך איהם געזאָגט, אז איך בין געקומען זעהן דאָס, וועגען וואָס ער האָט מיר דערצעהלט.

— קיינער, וועמען איך דערצעהל עס, גלויבט עס ניט, — האָב איך איהם געזאָגט.

ניט ענטפערנדיג מיר, האָט דער בעקאַנטער מיינער צו־גערופען איינעם פון שפּייכלער: ניקיטאַ, קום אהער!

פון טהיר איז ארויס א הויכער, דאַרער ארבייטער אין א צוריסענעם ראָק.

— ווען האָסטו אָנגעהויבען ארבייטען?

— ווען? נעכטען אין דער פריה.

— און וואו ביזטו געוועזען לעצטע נאַכט?

— איך האָב אויסגעלאָדעוועט, נאַטירליך.

— האָסטו געאַרבייט דורך די גאַנצע נאַכט? — האָב איך נעפרעגט.

— געוויס האָבען מיר געאַרבייט.

— און ווען האָסטו היינט אָנגעהויבען צו ארבייטען?

— מיר האָבען אָנגעהויבען אין דער פריה. ווען אנדערש זאָלען מיר אָנהייבען?

— ווען זיי לאָזען אונז געהען, דאַן ענדיגען מיר!

די פיער אנדערע ארבייטער פון זיין פּאַרטיע זיינען צו־

געשטאַנען צו אונז. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטהאָן אין צוריסענע רעקלעך, אָהן אויבער־רעק, כאָטש עס איז געווען זעהר קאַלט.

איך האָב אָנגעהויבען זיי פרעגען וועגען זייער ארבייט, און ווי עס ווייזט אויס, האָב איך זיי געמאַכט שטאַרק זיך וואונדערן איבער דעם אינטערעס, וואָס איך האָב גענומען אין אַזאַ איינפאַכער און נאַטירליכער זאַך (ווי עס האָט זיי אויסגעזעהען) ווי זייער זעקס־און־דרייסיג שטונדיגע ארבייט.

זיי זיינען אַלע געווען דאָרף־מענשען. מייסטענס מיינע אייגענע לאַנדסלייט פון טולאַ. מאַנכע אָבער זיינען געווען פון אָריאָל, אַנדערע פון וואָראָנעזש. זיי האָבען געלעבט אין מאָסקווע אין קוואַרטירען, מאַנכע פון זיי מיט זייערע פאַמיליען, אָבער די מייסטע — אָהן זיי. די יעניגע, וועלכע זיינען געקומען אַהער אַליין, שיקען זייערע פערדיענסטען אַהיים, אין דאָרף.

זיי עסען ביי זייערע קאָנטראַקטאָרס. זייער שפּייז קאָסט זיי צעהן רובעל אַ מאָנאַט. זיי עסען אימער פליייש, און קוקען ניט אויף די פאַסט־טעג. זייער ארבייט האַלט זיי אימער בעשעפטיגט מעהר ווי 36 שטונדען נאָכאַנאַנד, ווייל עס נעהמט זיי מעהר, ווי אַ האַלבע שטונדע צו קומען הין און צוריק פון און צו זייער וואוינונג; און אַ חוץ דעם, ווערען זיי אָפט געהאַלטען ביי דער אַרבייט איבער זייער בעשטימטע צייט.

צאָהלענדיג פאַר זייער אייגענע שפּייז, פערדיענען זיי ביי אַזאַ דורכאַנאַנדיגער 36־שטונדיגער אַרבייט 25 רובעל אַ מאָנאַט.

אויף מיין פראַגע, וואַרום טהוען זיי אַזאַ קאַטאָרזשנע אַרבייט, האָבען זיי געענטפערט:

— וואָס דען זאָל מען טהון?

— אָבער וואַרום אַרבייטען 36 שטונדען נאָכאַנאַנד? קען דען די אַרבייט אַנדערשט ניט אייגגעאָרדענט ווערען?

— מיר טהוען דאָס, וואָס מען הייסט אונז.

— יאָ, אבער וואַרום פאָלגט איהר?

— מיר פאָלגען, ווייל מיר מוזען זיך ערנעהרען. „אויב דו גלייבסט ניט, טו רוק זיך“. ווען איינער איז נור אַ שטונדע

שפעט, הייסט מען איהם באלד געהן, און עס זיינען דאָ צעהן אנדערע מענשען, פערטיג צו פערנעהמען זיין פּלאַץ.

די מענער זיינען אַלע געווען יונגע; נור איינער איז געווען עטוואָס עלטער, אפשר פערציג. זייערע פּנים'ער זיינען געווען מאָגערע, און אַלע האָבען זיי געהאַט אויסגעלאָשענע, מיעדע אויגען, אזוי ווי די מענשען וואָלטען געווען שכור. דער דאַרער ארבייטער, צו וועמען איך האָב צוערשט גערעדט, האָט מיך בעזאָנדערס איבערראַשט מיט דער מידיגקייט פון זיין בליק. איך האָב איהם געפרעגט, אויב ער האָט היינט ניט געטרונקען?

— איך טרינק ניט. — האָט ער געענטפערט מיט דער ענטשלאָסענהייט, מיט וועלכער עס ענטפערן אימער די מענשען, וועלכע טרינקען טאַקע ניט.

— און איך רויכער ניט. האָט ער צוגעלעגט.

— טרינקען די אַנדערע? — האָב איך געפרעגט.

— יא מען ברענגט עס אהער.

— די ארבייט איז ניט קיין לייכטע, און אַ טרונק מאַכט אימער איינעם זיך פיהלען שטאַרקער. — האָט געזאָגט דער עלטערער ארבייטער.

דיעזער מאַן האָט יענעם טאָג געטרונקען, אבער מען האָט גאָר ניט געקענט אָנזעהען.

נאָך מעהר אַביסעל רייד מיט די ארבייטער, בין איך אַוועק זעהען, ווי די ארבייט געהט צו.

פאַרבייגעהענדיג לאַנגע רייהען פון אַלערליי סאָרטען סחורה, בין איך צוגעקומען צו אייניגע אַרבייטער, וועלכע האָבען לאַנגזאַם געשטופּט אַן אָנגעלאָדענעם וועגעל. איך האָב שפּעטער זיך דערוואוסט, אַז די מענשען האָבען אַליין אוועקצושטעלען אָן אַ זייט די וועגעלעך און האַלטען די פּלאַטפאָרם ריין פון שנעע, פאַר וואָס זיי ווערען גאָר ניט בעצאָהלט. אזוי איז עס ערקלערט אין די „תנאים". דיעזע ארבייטער זיינען געווען פונקט אזוי אָבגעריסען און אויסגעמאָגערט, ווי די, מיט וועמען איך האָב גערעדט. ווען זיי האָבען געבראַכט דעם וועגעל אויף זיין פּלאַץ, בין איך צו זיי צוגעגאַנגען און זיי געפרעגט, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען, און ווען זיי האָבען געגעסען מיטאָג.

זיי האָבען מיר דערצעהלט, אז זיי האָבען אָנגעהויבען ארביי־
טען אום זיעבען אין דער פריה, און האָבען נור־וואָס אָבגעגעסען.
די ארבייט האָט זיי ניט געלאָזען פריהער עסען.

— און ווען געהט איהר אוועק?

— ווי אמאָל. אמאָל ניט פאַר צעהן. — האָבען געענט־
פערט די מענשען, אזוי ווי בעריהמענדיג זיך מיט זייער אוים־
דויער־קראפט. זעהענדיג מיין אינטערעס אין זייער לאגע, האָבען
זיי זיך ארומגעשטעלט ארום מיר, און, וואהרשיינליך, האַלטענדיג
מיך פאַר אַן אינספעקטאָר, האָבען אייניגע פון זיי, רעדענדיג
אַלע צוזאַמען, מיר מיטגעטהיילט דאָס, וואָס, ווי עס האָט אויס־
געזעהען, איז פאַר זיי דאָס וויכטיגסטע, נעמליך: דאָס דער
צימער, אין וועלכען זיי וואָלטען זיך אמאָל געקענט אָנוואַרימען
און כאַפּען אַ שטונדע שלאָף צווישען דער טאָג־ און נאַכט־
ארבייט, איז געווען צו ענג. אַלע האָבען אויסגעדריקט זייער
אונצופריעדענהייט מיט דיעזער ענגשאַפט.

— עס קענען דאָרט זיין אפשר הונדערט מענשען, און עס
איז ניטאָ וואו זיך אוועקצולעגען — אפילו אונטער די פּאָליצעס
איז עס אנגעפיקעוועט. — האָבען געערדט די אונצופריעדענע
שטימען — טהוט אַליין אַ קוק, עס איז ניט ווייט פון דאַנען.

מאַנכע פון די ארבייטער זיינען אריין אין צימער מיט מיר,
און זיי האָבען איינער דעם אַנדערען איבערגעשלאָגען מיט זייערע
קלאַגען איבער די ענגשאַפט.

דיזע מענער, וועלכע אין אַ צוואַנציג־גראַדיגען פראָסט, אָהן
אויבעררעק, טראָגען אויף זייערע רוקענס צעהן־פודיגע משאות
אין דעם משך פון 36 שטונדען; וועלכע עסען מיטאָג און
וועטשערע ניט ווען זיי דאַרפען האָבען נאַהרונג, נור ווען זייער
אויבערזעהער ערלויבט עס זיי; וועלכע לעבען אונטער אומ־
שטענדען, וועלכע זיינען פיעל ערגער ווי די פון שלעפּפערד —
עס האָט אויסגעזעהן משונה'דיג צו הערען דיזע מענשען קלאָגען
זיך אויף די ענגשאַפט אין צימער, וואו זיי וואַרימען זיך אָן.
אָבער כאָטש דאָס האָט מיר אין אָנפאַנג אויסגעזעהן אזוי מאָדנע,
דאָך אַריינגעהענדיג אין זייער לאַגע, האָב איך פערשטאַנען,
וואָס פאַר אַ געפיהל פון פּיין עס מוזען פיהלען דיזע מענשען,

וועלכע האָבען קיינמאָל ניט גענוג שלאָף, און וועלכע זיינען אימער האַלב־פערפראָרען, ווען אנשטאַט אָבצורוהען און זיך אביסעל אָנצואוואַרימען, מוזען זיי קריכען אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע אונטער די פּאָליצעס, אין אַ פערשטיקטער און איבער־געפּיהרטער לופט, פון וואָס זיי ווערען נאָך שוואַכער און צו־בראָכענער.

נור, אפשר, אין יענער עלענדער שטונדע פון אַן אומזיסטי־גען פערזוך צו געפינען רוה און שלאָף, בעגרייפען זיי שמערצליך די גאַנצע שוידערליכקייט פון זייער 37־שטונדיגער אַרבייט, און דאָס איז עס, וואָרום זיי זיינען בעזאָנדערס אויפגערעגט פון אַזאַ שיינבאַר אונבעדייטענדער קלייניגקייט, ווי די ענגשאַפט אין זייער רוהע־צימער.

האָבענדיג געזעהען עטליכע פּאַרטיעס ביי דער ארבייט, און האָבענדיג גערעדט מיט נאָך מעהר פון די מענער און אויסגעהערט די געשיכטע פון זיי אַלע, בין איך אוועקגעפאָהרען אַהיים, ווערענדיג איבערצייגט, אז דאָס, וואָס מיין בעקאַנטער האָט מיר דערצעהלט, איז געוועזן אמת.

עס איז געוועזן אמת, דאָס פאַר די בלויזע עקזיסטענץ האָבען מענער, וואָס האַלטען זיך פאַר פרייע מענשען, געהאַלטען פאַר נויטיג זיך אָבצוגעבען צו אַן ארבייט, צו וועלכער אין די צייטען פון פאַנשטשיזנע וואָלט קיין שקלאַפּענהאַלטער, ווי גרויזאַם ער זאָל ניט זיין, ניט געצוואונגען קיינעם פון זיינע שקלאַפען. אבער וואָרום שקלאַפען־האַלטער? קיין אייגענטהימער פון פערד וואָלט ניט געלאָזען אַזוי אַרבייטען זיינע פערד, און ניט צוליעב קיין אַנדער זאַך, נור ווייל ער וואָלט ניט געוואָלט פערקירצען דאָס לעבען פון אַ חיה, וואָס האָט פאַר איהם אַ געוויסען ווערטה.

צווייטער קאפיטעל.

אונזער גלייכגילטיגקייט ווערהרענד מענשליכע לעבענס געהען אין ניוועץ.

צו צווינגען מענשען צו ארבייטען 37 שטונדען נאָכאנאנד אָהן שלאָף, איז א חוץ דעם, וואָס איז גרויזאם, איז עס אויך ניט עקאָנאָמיש. און דאָך אזא ניט־עקאָנאָמישע פערשווענדונג פון מענשליכע לעבענס געהט אָן שטענדיג ארום אונז.

אנטקעגען די הויז, אין וועלכער איך לעב, איז א זיידען־פאבריק, געבויט מיט די לעצטע טעכנישע פערבעסערונגען. ארום דריי־טויזענד פרויען און זיעבען־הונדערט מענער ארבייטען און לעבען דאָרט. ווי איך זיץ אזוי איצט אין מיין צימער, הער איך דעם אונאויפהערליכען גערויש פון דער מאשינערי, און איך וויים — ווייל איך בין דאָרט געוועןן — וואָס דיזער גערויש בעטייט. דריי־טויזענד פרויען שטעהען פאר צוועלף שטונדען טעגליך ביי די שפינדלעך, צווישען א פערטויבענדען טומעל, דרעהענדיג און אָבדרעהענדיג, אראנזשירענדיג די זיידען־פאָדעמס, אום צו מאכען זייד. אלע דיעזע פרויען (א חוץ די יעניגע, וואָס זיינען נור־וואָס געקומען פון דאָרף) האָבען א ניט־געזונדען אויסזעהען. די מייסטע פון זיי פיהרען א שלעכטען, אָן אונמאָראלישען לעבען. כמעט אלע, צי פערהייראט, צי ניט, אזוי באלד ווי עס ווערט ביי זיי א קינד געבוירען, שיקען זיי עס אָב אָדער אין דאָרף אָדער אין די פינדלינג־הויז, וואו 80־פראָצ. פון זיי שטארבען. אויס מורא צו פערליערען זייערע פלעצער, נעהמען אויף די מאמעס זייער ארבייט אויף מאָרגען אָדער אין א טאָג שפעטער נאָך זייער האָבען דאָס קינד. אזוי, דאָס אין דעם משך פון צוואנציג יאהר, לויט מיין וויסען, האָבען צעהנדליגע טויזענדע מאמעס רואינירט און רואינירען אויך

שע אידעען, וועלכע האָבען איהם געבראַכט אין זיינע ערציהונגס־אַרטיקלען צו דער אָבלייקענונג פון אַ ציוויליזאַציאָן, וואָס איז געבויט אויף קאַפּיטאַליזמוס און שטאַאַט; און, פון דער אַנדערער זייט, זיין בעגריף פון פּערזענליכען אייגענטהום, וועלכען ער האָט געמאַטערט זיך צו פעראייניגען מיט זיינע קאָמוניסטישע נייגונגען; זיין מאַנגעל אין סימפּאַטהיע מיט די פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען אין קאַמפּף מיט דער רוסישער רעגיערונג און, אין דערזעלבער צייט, זיין טיעף־איינגעוואָרצעלטער האַס צו דער זעלבער רעגיערונג — אַלע דיזע נייגונגען זיינען געווים געווען צווישען זיך אין אַ שטאַרקען קאַמפּף אין דעם קאָפּ פון דעם גרויסען שרייבער. דיזע אייביגע ווידערשפּריכע זיינען געווען אַזוי קלאָר, דאָס וועהרענד קורצזיכטיגע קריטיקער אין די „מאָסקווער גאַזעט“, פערטהיידיגער פון לייבאייגענשאַפט, האָבען געמיינט, אַז טאָלסטאָי האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן זייער רעאַקציאָנערען לאַגער, האָט דער גרויסער רוסישער קריטיקער מיכאַילאָווסקי פערעפענטליכט אין 1875 אַ רייהע מערקווירדיגע אַרטיקלען, אונטער׳ן נאָמען: „די רעכטע און די לינקע האַנד פון גראַף טאָלסטאָי“, אין וועלכע ער האָט אָנגעוויזען אויף די צוויי מענשען, וועלכע זיינען געווען אין אַן אייביגען קאַמפּף אין דעם גרויסען שרייבער. אין דיזע אַרטיקלען, האָט דער קריטיקער, אַ גרויסער בעוואונדערער פון טאָלסטאָי, אַנאַליזירט די פּאָרטגעשריטענע אידעען, וועלכע ער האָט ענטוויקעלט אין זיינע אַרטיקלען וועגען ערציהונג, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען נאָך כמעט ווי אונבעקאַנט, און האָט זיי אוועקגעשטעלט אין געגענזאַץ צו די קאָנסערוואַטיווע אידעען, וועלכע ער האָט ענטוויקעלט אין זיינע שפּעטערע ווערק. אַלס אַן אונפערמיידליכען רעזולטאַט, האָט מיכאַילאָווסקי פאָראויסגעזאָגט אַ קריזיס, צו וועלכען דער גרויסער שרייבער מוז קומען.

„איך וועל ניט ריידען“, האָט מיכאַילאָווסקי געשריעבען, „פון אַננאַ קאַרענינאַ, ערשטענס דערפאַר, ווייל עס איז נאָך ניט געענדיגט, און, צווייטענס, דערפאַר, ווייל מען מוז ריידען פון דעם אָדער זעהר פיעל אָדער גאָר ניט. איך וויל נור בעמערקען, דאָס אין דיעזען ראָמאַן, פיעל אויבערפלעכליכער, אָבער טאַקע דערפאַר פיעל קלערער, ווי

ערגען אַנדעריש — זעהט איינער די סליאַדען פון דער דראַמאַ, וועלכע שפּיעלט זיך אָב אין דער פּערפאַסער'ס נשמה. איינער פרעגט זיך אַליין, וואָס זאָל אַזאַ מענש טהאָן, ווי קען ער לעבען, ווי זאָל ער אויסמיידען יענעם סם פון זיין געוויסען, וועלכער רוקט זיך אימער אַריין אין די פערגעניגענס פון אַ בעפריעדיגטע בעדירפניס? זיכער מוז ער, כאָטש אפשר גאַנץ אונבעוואוסט, זוכען אַ מיטעל, ווי צו מאַכען אַ סוף צו דער אינערליכער דראַמאַ פון זיין נשמה, אַראָבצולאָזען דעם פאָרהאַנג. אָבער ווי טהוט מען דאָס? איך דענק, דאָס ווען אַ געוועהנליכער מענש וואָלט געווען אין אַזאַ לאַגע, וואָלט ער גענדיגט אַלס זעלבסט־מערדער, אָדער אַלס שכור. אַ מענש אָבער פון אַ גרויסען ווערטה וועט זוכען אַן אַנדער אויסוועג, און אַזעלכע אויסוועגען זיינען דאָ אווי־ניגע." (מיכאַילאָווסקי'ס ווערק, דריטער באַנד, זייטע 491.)

איינע פון די אויסוועגען, האָט מיכאַילאָווסקי אָנגעוויזען, וואָלט געווען צו שרייבען פאַר'ן פאָלק. געוויס. געוויס, זעהר וועניגע זיינען אַזוי גליקליך צו בעזיצען דעם טאַלענט און די פעהיגקייט דערצו:

„אָבער איינמאָל איז ער (טאָלסטאָי) איבערצייגט, דאָס די נאַציאָן בעשטעהט פון צוויי העלפטען, און דאָס זאָגאַר די אונשולדיגע פער־געניגענס פון דער איין העלפט זיינען שעדליך פאַר די צווייטע — ווארום זאָל ער דאַן ניט אַוועקגעבען זיין געוואַלדיגען כח פאַר דיעזע אויפגאַבע? עס איז זאָגאַר שווער זיך פאָרצושטעלען, דאָס אירגענד וועלכע אַנדערע אויפגאַבע זאָל קענען אינטערעסירען דעם שרייבער, וועלכער טראָגט אין זיין נשמה אַזאַ שרעקליכע דראַמאַ, ווי די, וועלכע טאָלסטאָי טראָגט. אַזוי טיעף און אַזוי ערנסט איז זי, אַזוי טיעף געהט זי צו די וואָרצלען פון יעדער ליטעראַרישער טהעטיגקייט, דאָס זי מוז ענדליך פערניכטען אַלע אַנדערע אינטערעסען... און איז עס ניט אַ געניגענדער הויכער צוועק אין לעבען, אימער צו דערמאָנען די „געזעלשאַפט", דאָס איהרע פערגעניגענס און פריידען זיינען ניט די פערגעניגענס און פריידען פון דער גאַנצער מענשהייט, צו ערקלערען דיעזער „געזעלשאַפט" דעם אמת'ן זין פון דער ערשיינונג פון פאָרט־שריט, אויפצואוועקען, און זאָל עס נור זיין אין איינצעלנע, דעם געוויסען און דעם וואונש פאַר רעכט? און איז דען ניט דיעזער פעלד בּרייט גענוג פאַר פאָרטשריט?... די דראַמאַ, וועלכע געהט אָן אין

באַטען שטרענג די פורמאַנעם צו מאַכען זייערע פערד צו שלעפּען צו שווערע משאות, און מיר אָרגאַניזירען זאָגאַר דאָס פיה־שלאַכטען אין שלאַכטהייזער, כדי די פיה זאָל עס פיהלען אַזוי ווייניג ווי מעגליך. אבער ווי מערקווירדיג בלינד מיר ווערען אַזוי שנעל, ווי עס האַנדעלט זיך וועגען יענע מיליאָנען פון אַרבייטער, וועלכע געהען אונטער לאַנגזאַם, און אָפט שמערצפול, אַלע אַרום אונז, ביי אַרבייטען, די פרוכט פון וועלכע מיר געברויכען פאַר אונזער בעקוועמליכקייט און פערגניגען!

דריטער קאפיטעל.

די רעכטפערטיגונג פון אונזער סיסטעם דורך די וויסענשאפט.

דיזע וואונדערבארע בלינדקייט, וועלכע בעפאלט מענשען פון אונזער צירקעל, קען נור ערקלערט ווערען דורך דעם פאקט, דאס ווען מענשען פיהרען זיך אויף שלעכט, ווען זיי אימער ערפינדען א פילאזאפיע פון לעבען, וועלכע זאל מאכען אויסזעהען זייער שלעכטע אויפפיהרונג גארניט שלעכט, נור בלויז אלס א רעזולטאט פון אונפערמיידליכע געזעצע, וועלכע זיינען אויסער זייער קאנטראלע. אין די פריהעריגע צייטען איז אזא בליק פון לעבען געפונען געווארען אין דער לעהרע, דאס עס איז דא אן אונפערשטענדליכער און אונפערענדערליכער ווילען פון גאט, וועלכער האט בעשטימט פאר מאנכע מענשען א ניעדריגען גראד פון לעבען און שווערע ארבייט, און פאר אנדערע א הויכען גראד פון לעבען און דעם גענוס פון די גוטע זאכען פון לעבען.

וועגען דעם איז אן אונגעהויער גרויסע צאהל פון ביכער פערפאסט און אן אונצעהלבארע צאהל פון דרשות געפרעדיגט געווארען. דיזער געדאנק איז בעארבייט געווארען פון אלע מעגליכע שטאנדפונקטען. עס איז בעוויעזען געווארען, אז גאט האט בעשאפען פערשיעדענע סארטען מענשן: שקלאפען און הערען, און דאס ביידע דארפען זיין צופריעדען מיט זייערע ראלען. עס איז ווייטער בעוויעזען געווארען, אז די שקלאפען וועלען עס האבען בעסער אין דער קומענדער וועלט; און נאכהער איז אנגעוויזען געווארען, דאס כאטש די שקלאפען זיינען שקלאפען און דארפען בלייבען אזעלכע, דאך וואלט זייער לאגע ניט געווען קיין שלעכטע, ווען זייערע הערען זאלען נור זיין פריינדליך צו זיי. דאן, די סאמע לעצטע ערקלערונג, נאך דער

בעפרייאונג פון די שקלאפען, איז געווען, דאס דער רייכטהום איז פערטרויט געווארען פון גאט צו מאנכע מענשען, כדי זיי זאלען קענען א טהייל פון דעם פערווענדען אויף גוטע מעשים, און דערפאר איז עס גאר ניט קיין שלעכטע זאך, וואס מאנכע זיינען רייך און די אנדערע זיינען ארים.

דיזע ערקלערונגען האבען צופריעדענגעשטעלט די רייכע און די ארימע (בעזאנדערס די רייכע) פאר א לאנגע צייט. אבער עס איז געקומען דער טאג, ווען דיזע ערקלערונג איז געווארען ניט־צופריעדענשטעלענד, בעזאנדערס פאר די ארימע, וועלכע האבען אנגעהויבען פערשטעהען זייער לאגע. דאן זיינען נויטיג געווארען נייע ערקלערונגען. און פונקט אין דער ריכטיגער צייט זיינען זיי בעשאפען געווארען. דיזע נייע ערקלערונגען זיינען געקומען אין דער געשטאלט פון וויסענשאפט. די פאליטישע עקאנאמיע, וועלכע האט ערקלערט, דאס זי האט ענטדעקט די געזעצע, וועלכע רעגולירען די צוטהיילונג פון דער ארבייט און די צוטהיילונג פון די ארבייטס־פראדוקטען צווישען די מענשען. דיזע געזעצע, לויט דער וויסענשאפט, זיינען: דאס די צוטהיי־לונג פון דער ארבייט און דער גענוס פון די פראדוקטען הענגען אב פון נאכפראגע און אנבאט, פון קאפיטאל, רענט, ווירדזשעס פאר ארבייט, ווערטהען, פראפיטען און אזוי ווייטער; אין אל־געמיין, אז עס זיינען אונפערענדערליכע געזעצע, וועלכע רעגיע־רען איבער דעם מענשענס עקאנאמישע טהעטיגקייטען.

באלד זיינען אויף דיזער טהעמא אנגעשריעבען געווארען אזוי פיעל ביכער און אזוי פיעל רעדען זיינען געהאלטען געווא־רען, וויפיעל ביכער און לעקטשורס עס זיינען געשריעבען און געפרעדיגט געווארען אויף די פריהערדיגע טהעמא. און נאך אלץ אהן אן אויפהער בערג פון פאמפלעטען און ביכער ווערען געשריעבען און רעדען ווערען געהאלטען. און אלע דיזע ביכער און רעדען זיינען אזוי דונקעל און אונפערשטענדליך, ווי די אלע רעליגיעזע ביכער און דרשות און אויך זיי, ווי די פריהעריגע רעליגיעזע ביכער און דרשות, דערגרייכען פאלשטענדיג זייער בעשטימטען צוועק, ד. ה., זיי געבען אזא ערקלערונג פון דער עקזיסטירענדער ארדנונג, וועלכע רעכטפערטיגט מאנכע מענשען

זיך רוהיג צוריקצוהאַלטען פון אַרבייט און אויסצונוצען די אַרבייט פון אַנדערע מענשען.

דער פאַקט, דאָס פאַר די אונטערזוכונג פון דיזער פאַלשער וויסענשאַפט איז גענומען געוואָרען, אום צו ווייזען די אַלגעמיינע אָרדנונג פון זאַכען, ניט די לאַגע פון די מענשען אין דער גאַנצער וועלט, אין דער גאַנצער היסטאָרישער צייט, נור די לאַגע פון אַ פאָלק אין אַ קליין לאַנד, אין גאַנץ אויסנעהמליכע אומשטענדען — ענגלאַנדביים ענדע פון דעם אַכטצעהנטען און ביים אָנפאַנג פון דעם נייינצעהנטען יאהרהונדערט — דיזער פאַקט האָט ניט אויף דאָס מינדעסטע געשטערט אָנצונעהמען אַלס ריכטיג די רעזולטאַטען, צו וועלכע די אונטערזוכונג איז געקומען. און דיזע אננאַהמע אַלס אַ ריכטיגע ווערט אויך גאָר ניט געשטערט פון דעם, וואָס די, וועלכע שטודירען דיזע וויסענשאַפטען, האַלטען אין איין שטרייטען צווישען זיך און זיינען גאַנץ אונפעהיג צו קומען צו אַ געוויסע פערשטענדניס וועגען דעם, וואָס מיינט עס רענט, מעהרווערטה, פראָפיטען און אַזוי ווייטער. נור איין איינ־ציגע פונדאַמענטאַלע שטעלונג פון דיזער וויסענשאַפט איז אַנערקענט פון אַלעמען, און דאָס איז, אז די שיכות צווישען מענשען ווערען בעשטימט ניט דורך דעם וואָס מענשען האַלטען פאַר רעכט אָדער אונרעכט, נור דורך דעם וואָס איז גוט און ניצליך פאַר די יעניגע, וועלכע פערנעהמען אַ פאָרטהיילהאַפטע שטעלע אין דער געזעלשאַפט.

עס ווערט אָנגענומען אַלס אַן אונצווייפעלהאַפטע וואַרהייט, דאָס אויב אין אַ געזעלשאַפט יאַוועט זיך פיעלע גנבים און רויבער, וועלכע נעהמען אוועק פון די אַרבייטער די פרוכט פון זייער אַרבייט, פאַסירט עס ניט דערפאַר, ווייל די גנבים און רויבער האָבען געהאַנדעלט שלעכט, נור ווייל אַזוי זיינען די עקאָנאָמישע געזעצע, וועלכע קענען נור לאַנגזאַם געענדערט ווערען דורך דעם פּראָצעס פון עוואָלוציאָן, וועלכער ווערט אָנגעצייגט פון דער וויסענשאַפט. און דערפאַר, לויט דער לעהרע פון דיזער וויסענ־שאַפט, קענען די מענשען, וואָס געהערען צו דעם קלאַס גנבים און רויבער אָדער איבערנעהמער פון די גע׳גנב׳עטע זאַכען, גאַנץ

רוהיג אָנגעהן מיט דעם געברויך פון די זאַכען, וואָס זיי האָבען געקראָגען דורך גנבה און רויב.

און כאָטש די מאַיאָריטעט פון די מענשען אין אונזער וועלט ווייסען ניט וועגען די איינצעלהייטען פון דיזער בערוהיגענדער וויסענשאַפט מעהר, ווי זיי האָבען געוואוסט וועגען די איינצעלהייטען פון די רעליגיעזע ערקלערונגען, וועלכע האָבען גערעכטפערטיגט זייער לאַגע, דאָך ווייסען זיי אַלע, אַז אַזעלכע ערקלערונגען זיינען דאָ; דאָס וויסענשאַפטליכע מענער, קלוגע מענער האָבען בעוויזען איבערצייגענד, און געבען אָן בעווייזע, דאָס די עקזיסטירענדע אָרדנונג איז אַזעלכע ווי זי בעדאַרף זיין, און דאָס דערפאַר מעגען מיר לעבען רוהיג אין דיזער אָרדנונג, און גאָרניט נעהמען זיך די אומזיסטע מיה צו ענדערען איהר.

נור אויף אזא אופן קען איך זיך ערקלערען די וואונדערליכע בלינדקייט פון די גוטע מענשען פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע ווינשען גאַנץ ערנסט דאָס גליק פון חיות, און דאָך פערשלינגען זיי מיט רוהיגע געוויסענס די לעבענס פון זייערע ברידער־מענשען.

פיערטער קאפיטעל.

וועגען דעם, וואָס די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט בעהויפּטעט אַז אלע לאַנד־אַרבייטער מוזען ווערען פעקטאָרי־הענד.

די לעהרע, דאָס עס איז גאָט'ס ווילען, אַז מאַנכע מענשען זאָלען זיין די אייגענטהימער פון אַנדערע, האָט צופריעדענ־געשטעלט די מענשען פאַר אַ זעהר לאַנגע צייט. אָבער יענע לעהרע, רעכטפערטיגענדיג גרויזאמקייט, האָט פעראורזאַכט אזא גרויזאַמקייט, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַ קאַמפּף, און דאָס האָט געמאַכט מענשען צווייפלען אין דעם אמת פון דיזער לעהרע.

אַזוי איז איצט מיט דער לעהרע, דאָס עס געהט אָן אַן עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, געפיהרט פון אונפערמיידליכע געזעצע, און דערפאַר מוזען מאַנכע מענשען אָנזאמלען קאַפּיטאַל, און אַנדערע מוזען אַרבייטען זייער גאַנצען לעבען, אום צו פער־גרעסערען דיזען קאַפּיטאַל, פאַרבערייטענדיג זיך דערווייל אויף די פערשפּראָכענע קאָמונאַליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דיזע טהעאָריע, מאַכענדיג מאַנכע מענשען צו זיין נאָך מעהר גרויזאַם צו אַנדערע, הייבט אויך אָן (בעזאָנדערס צווישען די איינפאַכע מענשען, וועלכע זיינען נאָך שטומפּף געמאַכט געוואָרען דורך דיזע וויסענשאַפט) אַרויסצורופען געוויסע צווייפעל.

למשל, איהר זעהט די פּראַכט־לאָדער, פערניכטענדיג זייערע לעבענס מיט אַ זיבען־און־דרייסיג שטונדיגער אַרבייט, אָדער פרויען אין פאַבריקען, אָדער וואַש־פרויען, אָדער שריפטזעצער, אָדער אַלע יענע מיליאָנען פון מענשען, וועלכע לעבען אונטער שווערע אוננאַטירליכע אומשטענדען פון אַ מאָנאָטאָנער, אָב־שטומפּפענדער, שקלאַפישער אַרבייט, און איהר פרעגט נאַטיר־

ליך: וואָס האָט געבראַכט דיזע מענשען צו אַזא צושטאַנד? און ווי קענען זיי בעפרייט ווערען דערפון? און די וויסענשאַפט ענטפערט, דאָס דיזע מענשען זיינען אין דיזער לאַגע, ווייל דער אייזענבאַהן געהערט צו דער קאָמפּאַניע, די זיידען־פאַבריק צו יענעם העררן, און די אַלע מילען, פעקטאָריעס, דרוקערייען און וועשערייען צו די קאַפּיטאַליסטען; און דאָס דיזער צושטאַנד וועט ווערען ריכטיג, ווען די אַרבייטער וועלען בילדען יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, וועלען סטרייקען און נעהמען אַן אַנטהייל אין דער רעגיערונג און מעהר און מעהר אויפטרייסלען די באָסעס און די רעגיערונג, ביז די אַרבייטער וועלען צוערשט קריגען קירצערע אַרבייטס־שטונדען און גרעסערע ווייִדזשעס, און ענדליך, די אַלע ווערקצייגע און מאַשינען אין זייערע הענד. און דאַן — וועט אַלעס זיין פיין. דערווייל געהט אַלעס צו, ווי עס בעדאַרף זיין, און עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט עטוואָס צו ענדערען.

דיזער ענטפער מוז אויסקוקען אַן אונגעלערענטען מענשען און בעזאָנדערס אונזער רוסישען פאָלק זעהר ווילד. צוערשט, ניט אין פערהעלטנים צו די פּראַכט־לאָדער, ניט צו די פאַבריק־פרויען און ניט צו די אַלע מיליאָנען פון אַנדערע אַרבייטער, וועלכע ליידען פון שווערער, אונגעזונדער, אבשטומפּפענדער אַרבייט, ערקלערט גאָר ניט דער עגטפער מכח דעם געזעץ פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פאַר לאַנד־אַרבייט פון די יעניגע מענשען, וועלכע אַרבייטען איצט ביי דער באַהן, זיינען ניט פערכאַפּט געוואָרען פון די קאַפּיטאַליסטען. זיי האָבען לאַנד און פערד און אַקער־אייזענס און אַלעס דאָס, וואָס איז נויטיג צו אַקערען די ערד. אויך דיזע פרויען, וואָס אַרבייטען אין דער פאַבריק, זיינען ניט נור ניט געצוואונגען דערצו דורך דעם, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען זייערע ווערקצייג, נור, אומגעקעהרט, זיי האָבען (און מייסטענס געגען דעם וואונש פון די עלטערע מיטגליעדער פון זייערע פאַמיליען) פערלאָזען זייערע היימען, וואו זייער אַרבייט איז שטאַרק נויטיג, און וואו זיי האָבען געהאַט פּראָדוקציאָנס־מיטלען.

מיליאָנען אַרבייטער אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער

זיינען אין אַן עהנליכער לאַגע, אַזוי דאָס די אורזאַכע פון דער עלענדער לאַגע פון די ארבייטער קען ניט געפונען ווערען אין דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטען האָבען פערכאַפּט די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען. די אורזאַכע מוז זיין אין דעם, וואָס עס טרייבט זיי פון די דערפער. דאָס איז ערשטענס. צווייטענס, די בעפרייאונג פון די ארבייטער פון דיזער לאַגע (זאָגאַר אין יענער ווייטער צוקונפט, אין וועלכע די וויסענשאַפט זאָגט זיי צו פרייהייט) קען ניט אויסגעפיהרט ווערען ניט דורך די פער־קירצונג פון די ארבייטס־שטונדען, ניט דורך העכערען די ווייזשעס און ניט דורך דעם צוזאָג צו קאָמונאַליזירען די פּראָדוקציאָנס־מיטעל.

דאָס אַלעס קען ניט פערבעסערען זייער לאַגע. ווייל דעם ארבייטערס עלענד אויף דער באַהן, אין דער זיידענפאַבריק און אין יעדער פאַבריק — בעשטעהט ניט אין די לענגערע אָדער קירצערע ארבייטס־שטונדען (לאַנד־ארבייטער ארבייטען מאַנ־כעס מאָל אַכטצעהן שטונדען אַ טאָג, און אַמאָל 32 שטונדען נאָכאַנאַנד, און זיי בעטראַכטען זייערע לעבענס גליקליך), אויך איז עס ניט די ניעדריגע ווייזשעס, און אויך ניט דאָס, וואָס די באַהן און די פעקטאָרי זיינען ניט זייערע. זייער עלענד בע־שטעהט אין דעם, וואָס זיי מוזען ארבייטען אונטער שעדליכע, ניט־נאַטירליכע פערהעלטניסע, אָפט געפעהרליכע און לעבענס־פערניכטענדע און צו לעבען אַ קאַזאַרמע לעבען אין שטאָדט — אַ לעבען פול מיט נסיונות און זינד, — און צו טהון געצוואונ־גענע ארבייט אויף אַנאַנדער מענשענס בעפעהל.

אין דער לעצטער צייט זיינען די ארבייטס־שטונדען שוין פערקירצט געוואָרען, און די ווייזשעס זיינען געהעכערט געוואָרען. אָבער דיזע פערקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען און דיזע העכערונג פון די ווייזשעס האָט ניט פערבעסערט די לאַגע פון די ארבייטער, אויב מען זאָל ניט נעהמען אין אַנ־בעטראַכט זייערע מעהר לוקסוריעזע געוואוינהייטען — זייגער־לעך מיט קייטען, זיידענע טיכלעך, טאַבאַק, בראַנפען, פליישׁ, ביער א. ז. וו. — נור זייער אמת'ען וואוילזיין, ד. ה., זייער געזונד און מאָראַל, און מעהר פון אַלץ זייער פרייהייט.

אין דער זיידען־פאַבריק, מיט וועלכער איך בין בעקאַנט, איז די ארבייט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק מייסטענס געטהאָן געוואָרען פון מענער, וועלכע האָבען געאַרבייט פערצעהן שטונדען א טאָג, האָבען פערדיענט דורכשניטליך 15 רובעל א מאָנאַט און האָבען אָבגעשיקט דאָס געלד, מייסטענס, צו זייערע פאַמיליען אין דאָרף. איצט ווערט די גאַנצע אַרבייט אויפגעטהאָן פון פרויען, מאַנכע פון וועלכע פערדיענען אַזוי פיעל ווי 25 רובעל א מאָנאַט (איבער 15 רובעל אין דורכשניט) און מייסטענס שיקען זיי עס ניט אָב אַהיים, נור פערברענגען אַלעס, וואָס זיי פערדיענען אויף פוץ, שכרות און זינד. די פערקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען פערגרעסערט נור די צייט, וואָס זיי פער־ברענגען אין שענק.

דאָס זעלבע פאַסירט ביז צו א גרעסערען אָדער קלענערען גראַד אין אַנדערע פאַבריקען. איבעראַל, ניט אַכטענדיג אויף דער פערקירצונג פון דער ארבייטס־צייט און די העכערונג פון דעם אַרבייטס־לוין, איז די געזונדהייט פון די ארבייטער ערגער, ווי די פון די לאַנד־אַבייטער, דער דורכשינטס־לעבען איז קירצער, און די מאָראַל ווערט אויפגעאָפּפערט, ווי עס קען גאָר אַנדעש ניט זיין, ווען מענשען ווערען אָוועקגעריסען פון די פער־העלטניסע, וועלכע העלפען צו א מאָראַלישען לעבען : פאַמיליען־לעבען און א פרייע, פערשיעדענאַרטיגע און פערגינפטיגע לאַנד־אַרבייט.

עס איז זעהר מעגליך ריכטיג, ווי מאַנכע עקאָנאָמיסטען בעהויפטען, דאָס מיט קירצערע אַרבייטס־שטונדען, מעהר ווײדזשעס און פערבעסערטע סאַניטאַרע פערהעלטניסע אין די פעקטאָרים, ווערען די געזונדהייט און די מאָראַל פון די אַרביי־טער שטאַרק פערבעסערט אין פערגלייך מיט דער פריהעריגער לאַגע. עס איז אויך מעגליך, דאָס אין דער לעצטער צייט און אין מאַנכע פלעצער איז די לאַגע פון די ארבייטער אין אויסער־ליכע פערהעלטניסע בעסער פון דער לאַגע פון דער לאַנד־בעפעל־קערונג. אָבער דאָס איז דערפאַר (און נור אין מאַנכע פלעצער), ווייל די רעגיערונג און די געזעלשאַפט, בעאיינפלוסט דורך די בעהויפטונגען פון דער וויסענשאַפט, טהוען אַלעס, וואָס איז

מעגליך אום צו פערבעסערען די לאַגע פון די פאַבריק־ארבייטער אויף דעם חשבון פון דער לאַנד־בעפעלקערונג.

אויב די לאַגע פון די פאַבריק־ארבייטער אין מאַנכע פלעצער איז (כאָטש נור אין אויסערליכקייטען) בעסער, ווי די פון דער לאַנד־בעפעלקערונג, צייגט עס נור, דאָס איינער קען מיט אלער־ליי בעגרענצונגען מאַכען דאָס לעבען טרויעריג אונטער זאָגאַר די בעסטע אויסערליכע פערהעלטניסע; און עס צייגט אויך, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ לאַגע אזוי אוננאַטירליך און שלעכט, צו וועלכער מענשען זאָלען זיך ניט קענען צופאַסען, אויב זיי פער־בלייבען אין איהר פאַר מאַנכע דורות.

דער עלענד פון דער לאַגע פון אַ פעקטאָרי־האַנד און אין אלגעמיין פון אַ שטאַדט־ארבייטער בעשטעהט ניט אין זיינע לאַנגע שטונדען און קליינער בעלוינונג, נור אין דעם פאַקט, דאָס ער איז בערויבט פון די נאַטירליכע פערהעלטניסע פון לעבען און בעריהרונג מיט דער נאַטור, און איז געטריעבען צו געצוואונגענער און מאָנאָטאָנער ארבייט לויט דעם ווילען פון אַ צווייטען.

און דערפאַר קען ניט זיין דער ענטפער אויף די פראַגען, וואַרום פעקטאָרי־ און שטאַדט־ארבייטער זיינען אין אַ מיזעראַב־לער לאַגע, און ווי דיזע קען פערבעסערט ווערען, — אַז דאָס קומט פון דעם, ווייל די קאַפּיטאַליסטען האָבען פערכאַפּט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און דאָס די לאַגע פון די ארבייטער וועט בעסער ווערען דורך די פערקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען, דורך העכערע ווייזשעס און דורך דעם, וואָס די פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלען ווערען אלגעמיינער אייגענטהום.

דער ענטפער אויף דיזע פראַגען מוז בעשטעהן אין דעם אָנווייזען אויף די אורזאַכען, וועלכע האָבען אבגעריסען די ארבייטער פון די נאַטירליכע פערהעלטניסע פון לעבען אין בעריהרונג מיט דער נאַטור, און האָבען זיי געטריעבען אין די פעקטאָרי־שקלאַפעריי, און אין אָנווייזען מיטלען צו בעפרייען די ארבייטער פון דער נויטווענדיגקייט צו פערלאָזען אַ פרייען לעבען אויפ'ן לאַנד און צו געהן אין שקלאַפעריי אין די פאַבריק.

און דערפאַר די פראַגע, וואַרום די שטאַדט־ארבייטער זיינען

אין אַן עלענדער לאַגע, שליסט, פאַר אַלץ, איין די פראַגע: וועלכע אורזאַכען האָבען זיי געטריעבען פון די דערפער, וואו זיי און זייערע אבות האָבען געלעבט און וואָלטען געקענט לעבען, וואו, אין רוסלאַנד, אזעלכע, ווי זיי, לעבען נאָך? און וואָס איז עס, וואָס האָט זיי געטריעבען, געגען זייער ווילען, אין די פעקטאָרים אריין?

אויב עס זיינען דאָ ארבייטער, ווי אין ענגלאַנד, בעלגיען אָדער דייטשלאַנד, וועלכע האָבען פאַר גאַנצע גענעראַציאָנען געלעבט אַלס פעקטאָרי־ארבייטער, איז אפילו זיי לעבען ניט אזוי מיט זייער פרייען ווילען, נור ווייל זייערע טאַטעס און זיידעס און עלטער־זיידעס זיינען אויף אַ געוויסען אופן געוועזען געצוואונגען אויסצובייטען דאָס לאַנד־לעבען, וועלכעס זיי האָבען געליעבט, אויף אַ לעבען, וועלכעס האָט זיי אויסגעזעהן שווער אין די שטעדט און אין די פעקטאָרים. צוערשט זיינען די מענשען אָבגעריסען געוואָרען פון לאַנד דורך געוואַלט, זאָגט קאַרל מאַרקס, זיינען ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון זייערע נחלאות און געבראַכט געוואָרען צום וואַנדערען. און דאַן, דורך גרוייזאַמע געזעצע זיינען זיי געפייניגט געוואָרען מיט צוואַנגען, מיט רויט־הייסע אייזענס, און זיי זיינען געשמיסען געוואָרען, אום צו צווינגען זיי זיך צו אונטערוואַרפען צו דער לאַגע פון בלייבען געדונגענע ארבייטער. דערפאַר איז די פראַגע, ווי צו בעפרייען די ארבייטער פון זייער עלענד, דאַרף, דאַכט זיך, איינעם פיהרען צו דער פראַגע, ווי אבצושאַפען יענע אורזאַכען וועלכע האָבען שוין מאַנכע מאָל געטריעבען און טרייבען אויך יעצט און סטראַשענען צו טרייבען די אַלע אנדערע בויערען פון דער לאַגע וועלכע זיי האָבען געהאַלטען און האַלטען פאַר גוט, און האָבען געטריעבען און טרייבען זיי צו אזאַ לאַגע, וועלכע זיי האַלטען פאַר שלעכט.

די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט, כאָטש זי צייגט אָן פאַרביי־געהענדיג די אורזאַכען וועלכע האָבען געטריעבען די בויערען פון די דערפער, אינטערעסירט זיך ניט מיט דער פראַגע, ווי אָבצו־שאַפען די אורזאַכען, נור זי צילעוועט איהר גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט צו דער פערבעסערונג פון דעם ארבייטער׳ס לאַגע אין

די עקזיסטירענדע פאַבריקען, אָננעהמענדיג, אַז די לאַגע פון די ארבייטער אין דיזע פעקטאָרים איז שוין עטוואָס אונפערענדער־ליכעס, עטוואָס, וואָס דאַרף אויף יעדען פּרייז אויפגעהאַלטען ווערען פאַר די יעניגע, וועלכע זיינען שוין אין די פעקטאָרים, און מוז דערגרייכט ווערען פון די יעניגע וועלכע האָבען נאָך ניט פערלאָזען די דערפער און די ארבייט אויפ'ן לאַנד.

נאָך מעהר, די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט איז אזוי זיכער, דאָס אַלע בויערען מוזען אונפערמיידליך ווערען פעקטאָרי־ארבייטער אין די שטעדט, דאָס כאָטש אַלע חכמים און פּאָעטען פון דער וועלט האָבען אימער אַוועקגעשטעלט דעם אידעאַל פון מענשליכען גליק צווישען די פערהעלטניסע פון ערד־אַרבייט — כאָטש אַלע די אַרבייטער, וועמעס געוואוינהייטען זיינען ניט קאָרומפּירט, האָבען אימער געהאַלטען פאַר בעסער און האַלטען נאָך איצט פאַר בעסער לאַנד־אַרבייט ווי אירגענד אַנאַנדערע — כאָטש פאַבריק־אַרבייט איז אימער אונגעזונד און מאָנאָטאָן, וועהרענד ערד־אַרבייט איז זעהר געזונד און פערשיעדענאַרטיג — כאָטש ערד־אַרבייט איז פריי, דאָס הייסט, דער בויער אַרבייט און רוהט לויט זיין פרייען ווילען, וועהרענד פעקטאָרי־אַרבייט, אפילו ווען די פעקטאָרי געהערט צו איהם, איז אימער אַ געצוואונגענע, אבהענגיג פון די מאַשינען — כאָטש פעקטאָרי־אַרבייט איז אַ תפל און ערד־אַרבייט איז דער עיקר, און אָהן איהר קען קיין פעקטאָרי ניט עקזיסטירען — דאָך די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט בעהויפּטעט, דאָס אַלע מענשען פון לאַנד ווערען ניט נור ניט געשעדיגט דורך דעם איבערגאַנג פון לאַנד אין שטאָדט, נור דאָס זיי ווינשען עס גאָר אַליין און שטרעבען גאָר דערצו.

פינפטער קאפיטעל.

וואַרום געלערנטע עקאָנאָמיסטען בעהויפּטען דאָס וואָס איז פאַלש.

ווי בעשיינפּערליך אונגערעכט עס איז די בעהויפּטונג פון די מענער פון וויסענשאַפט, דאָס דער גליק פון דער מענשהייט בעשטעהט געראַדע אין דעם, וואָס איז טיעף אָבשטויסענד פאַר די מענשליכע געפיהלען — אין מאָנאָטאָנער, געצוואונגענער פאַבריק־ארבייט — דאָך די וויסענשאַפטס־מענער האָבען אונ־פערמיידליך געמוזט מאַכען דיזע בעשיינפּערליך־אונגערעכטע בעהויפּטונג, פונקט ווי די טהעאָלאָגען פון אַמאָל האָבען געמוזט אונפערמיידליך מאַכען פונקט אַזאַ אונגערעכטע בעהויפּטונג, דאָס די שקלאַפען און זייערע הערען זיינען ברואים, וועלכע זיינען גאַנץ פערשיעדען איינע פון די אַנדערע אין זייערע סאַמע נאַטור־רען, און דאָס די אונגלייכהייט פון זייער שטעלונג אין דיזער וועלט וועט בעלוינט ווערען אין דער קומענדער.

די אורזאַכע פון דיזער אַזוי־קלאָר־אונגערעכטער בעהויפּ־טונג איז, דאָס די יעניגע, וועלכע האָבען פאָרמולירט און פאָרמו־לירען נאָך איצט די געזעצע פון דער וויסענשאַפט געהערען צו די רייכע קלאַסען, און זיי זיינען אַזוי צוגעוועהנט צו די עקזיס־טירענדע פערהעלטניסע, דאָס זיי קענען גאָר ניט צולאָזען צו זיך דעם געדאַנק, דאָס די געזעלשאַפט וואָלט געקענט עקזיסטי־רען אונטער אַנדערע אומשטענדע.

דער לעבענס־פערהעלטניס, צו וועלכען די מענשען פון די רייכערע קלאַסען זיינען צוגעוועהנט, איז די גרויס־פּראָדוקציאָן פון פערשיעדענע זאַכען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר זייער בעק־וועמליכקייט און פערגעניגען; און דיעזע זאַכען קען מען נור

האָבען, ווען עס זיינען דאָ גרויסע פאַבריקען, און ווען די ארבייט איז אזוי אָרגאַניזירט, ווי זי איז עס איצט. און דערפאַר, ווען די וויסענשאַפטס־מענער דיסקוטירען איבער די פערבעסערונג פון דעם ארבייטער׳ס לאַגע, האָבען זיי, די וויסענשאַפטס־מענער, וועלכע געהערען צו די רייכע קלאַסען, אין זינען נור אזעלכע פער־בעסערונגען, וועלכע וועלען ניט אָבשאַפען דעם איצטיגען סיס־טעם פון פאַבריק־ארבייט, און צוזאַמען דערמיט די אַלע בעק־וועמליכקייטען, וועלכע זיי געניסען.

אפילו די מעהרסטענס פאָרטגעשריטענע עקאָנאָמיסטען — די סאָציאַליסטען, וועלכע פאָדערען די פאָלשטענדיגע קאָנטראָלע איבער די פראָדוקציאָנס־מיטלען פאַר די אַרבייטער — ערוואַר־טען, אַז עס וועלען פראָדוצירט ווערען די זעלבע אָדער כמעט די זעלבע זאַכען, ווי איצט אין די איצטיגע פאַבריקען און מיט דער איצטיגער צוטהיילונג פון דער ארבייט.

דער אונטערשיעד, ווי זיי שטעלען עס זיך פאָר, וועט נור בעשטעהן אין דעם, וואָס אין דער צוקונפט וועלען ניט נור זיי אַליין, נור אַלע מענשען, געניסען די בעקוועמליכקייטען פון לעבען. זיי שטעלען זיך דונקעל פאָר, דאָס, ווען די פראָדוקציאָנס־מיטלען וועלען קאָמונאַליזירט ווערען, וועלען אויך זיי, די וויסענ־שאַפטס־מענער און די הערשענדע קלאַסען אין אַלגעמיין, טהאָן וועלכע עס איז אַרבייט, אָבער מייסטענס, אַלס מענעדזשערס, מוסטער־מאַכער, וויסענשאַפטס־מענער און אַרטיסטען. אויף די פראַגע: ווער עס וועט מוזען טראָגען אַ מויל־שלאָס און מאַכען וויים־בליי? ווער עס וועלען זיין די פייער־לייט? די קויהלען־גרעבערס, די אָבטריט־ראַמער? איז אָדער זיי שווייגען, אָדער זיי זאָגען נביאות, אַז דיזע זאַכען וועלען אזוי פערבעסערט ווערען, דאָס זאָגאַר די שמוציגסטע און די שווערסטע ארבייט וועט פערשאַפען פערגעניגען. אָט אזוי שטעלען זיי זיך עס פאָר די צוקינפטיגע עקאָנאָמישע צושטענדע, סיי אין די אוטאָפּיס־טישע, ווי דאָס ווערק פון בעלאַמי, און סיי אין די וויסענשאַפט־ליכע ווערק.

לויט זייערע טהעאָריען, וועלען אַלע ארבייטער זיך אָנשלי־

סען אָן יוניאָנס, אין קערפּערשאַפטען, און וועלען קולטיווירען צווישען זיך דורך יוניאָנס און סטרייקס דעם געפיהל פון סאָלי־דאַריטעט; זיי וועלען אויך אַנטהייל נעהמען אין פּאָליטיק, ביז זיי וועלען דערגרייכען דעם בעזיץ פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי אויך דאָס לאַנד. און דאַן וועלען זיי ווערען אַזוי גוט גענעהרט, אַזוי גוט געקליידעט, און וועלען געניסען אַזעלכע פער־גניגענס אין זייערע פייערטעג, דאָס זיי וועלען פיעל מעהר גליי־כען דאָס לעבען אין שטאדט, צווישען מויערן און רויכערנדע קויי־מענס, דאָס זיי וועלען פיעל בעסער גלייכען די מאָנאָטאָנע מאַשין־אַרבייט, רעגולירט פון גלאָק, איידער די פערשיעדענאַר־טיגע, געזונדע און פרייע לאַנד־אַרבייט.

כאָטש דיזע ערוואַרטונג איז פּונקט אַזוי אונוואהרשיינליך, ווי די ערוואַרטונג פון די טהעאָלאָגען וועגען אַ הימעל, וואָס די אַרבייטער וועלען געניסען אויף יענער וועלט אין בעלוינונג פאַר זייער שווערען גורל דאָ, דאָך געלערענטע און געבילדעטע מענ־שען פון אונזער געזעלשאַפט גלויבען אין דיזע זאָנדערבאַרע לעהרע, פּונקט ווי פריהער קלוגע און געלערענטע מענשען האָבען געגלויבט אין אַ הימעל פאַר די אַרבייטער אויף „יענער“ וועלט.

און געלערענטע מענשען און זייערע שילער — מענשען, וועלכע געהערען צו די רייכע קלאַסען — גלויבען עס, ווייל זיי מוזען עס גלויבען. עס שטעהט פאַר זיי דיזע דילעמאַ: אָדער זיי מוזען איינזעהן, דאָס אַלעס, מיט וואָס זיי בענוצען זיך אין זייער לעבען, פון די אייזענבאַהנען ביז די לוסיפער־שוועבעלעך און סיגאַרעטען, שטעלט מיט זיך פאָר אַרבייט, וועלכע קאָסט די לעבענס פון פיעלע פון זייערע ברידער־מענשען, און דאָס זיי, וועלכע האָבען קיין חלק ניט אין דיזער אַרבייט אויסער דאָס, וואָס זיי געברויכען איהר, זיינען דערפאַר אונעהרליכע מענשען; אָדער זיי מוזען גלויבען, דאָס אַלעס, וואָס עקזיסטירט, איז פאַר דעם אַלגעמיינעם נוצען, און איז אין איינקלאַנג מיט די אונ־פערענדערליכע געזעצע פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. אָט אין דעם ליעגט די אינערליכע פּסיכאָלאָגישע אורזאַכע, וואָס צווינגט מענער פון וויסענשאַפט — מענער קלוגע און געבילדע־

טע, אָבער ניט אמת אויפגעקלעהרטע — צו בעהויפטען מיט אזא פעסטקייט און איינגעשפּאַרטקייט אַזאַ בעשיינפערליכע אונ־וואהרהייט, דאָס די אַרבייטער, צוליעב זייער אייגענעם וואויל־זיין, זאָלען פערלאָזען אַ גליקליכען און געזונדען לעבען אין בע־ריהרונג מיט דער נאַטור, און דאָס אויסבייטען אויף די שטאָדט־פאבריקען, וואו זיי רואינירען זייערע קערפּער און נשמות.

זעקסטער קאפיטעל.

דער באַנקראָט פון דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל.

אָבער אז מען זאָל שוין אפילו צוגעבען די בעהויפּטונג, — כאָטש זי איז אַזוי אונבעגרינדעט און אַזוי להיפּך די פאַקטען פון דער מענשליכער נאַטור, — דאָס עס איז בעסער פאַר מענשען צו לעבען אין די שטעדט און צו טהאָן געצוואונגענע מאַשין־אַרבייט, איידער צו לעבען אין די דערפער און אַרבייטען פריי ביי פערשיעדענע האַנד־מלאכות, בלייבט אָבער אין דעם אידעאַל גופא, צו וועלכען די מענער פון וויסענשאַפט זאָגען אונז די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פיהרט, אַן אונלייזבאַרער ווידערשפּרוך. דער אידעאַל איז, דאָס די אַרבייטער, וועלכע זיינען געוואָרען בעלי־בתים פון דער פּראָדוקציאָן, דאַרפען האָבען די אַלע בעק־וועמליכקייטען און פערגעניגענס, וועלכע זיינען איצט דער חלק פון בלויז די רייכע. זיי וועלען אַלע האָבען גוטע קליידונג, גוטע וואוינונג און גוטע נאַהרונג, און זיי וועלען אַלע שפּאַצירען אויף עלעקטריש־בעלויכטענע אַספּאַלט־גאַסען, און וועלען בעזוכען טהעאַטערע, קאָנצערטען, און וועלען לעזען צייטונגען און ביכער און וועלען פאָהרען אין אָטאָמאָבילס, און אַזוי ווייטער. אָבער, אַז יעדער זאָל האָבען געוויסע זאַכען, מוז דאָך די פּראָדוקציאָן פון דיזע זאַכען ווערען פערטהיילט און פאָלגליך מוז אויך בע־שלאָסען ווערען, ווי לאַנג יעדער אַרבייטער האָט צו אַרבייטען.

ווי קען דאָס בעשלאָסען ווערען?

די סטאַטיסטיקס קענען ווייזען (כאָטש זעהר ניט פאָל־שטענדיג) וואָס מענשען פאָדערען אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז געשמידט אין די קייטען פון קאַפּיטאַל, פון קאָנקורענץ און פון מאַנגעל. אָבער קיינע סטאַטיסטיקס קענען ניט ווייזען, ווי־פיעל עס איז נויטיג און וועלכע זאַכען זיינען נויטיג, אום צו

בעפריעדיגען די פאָדערונגג אין א געזעלשאפט, וואו די פּראָדוק־
ציאָנס־מיטלען וועלען געהערען צו דער געזעלשאפט גופא, ד. ה.,
וואו די מענשען וועלען זיין פריי.

די פאָדערונגען אין אזא געזעלשאפט קענען ניט ערקלערט
ווערען בעשטימט, און זיי וועלען אימער גיט דער ערך איבער־
שטייגען די מעגליכקייט פון צופריעדען שטעלען זיי. יעדער וועט
וועלען האָבען אלעס, וואָס די רייכסטע בעזיצען איצט, און דער־
פאר איז עס גאנץ אונמעגליך פעסטצושטעלען די סומע פון
זאכען, וואָס אזא געזעלשאפט פאָדערט.

נאָך מעהר, ווי אזוי וועלען מענשען געמאכט ווערען צו
ארבייטען, ביי זאכען, וועלכע איינע האלטען פאר נויטווענדיג
און די אנדערע בעטראכטען פאר איבעריג, אָדער זאָגאר שעדליך?

אויב עס זאָל געפונען ווערען פאר נויטיג פאר יעדען צו
ארבייטען, זאָגען מיר, זעקס שטונדען א טאָג, אום צופריעדענ־
צושטעלען די פאָדערונגען פון דער געזעלשאפט, טו ווער, אין
א פרייער געזעלשאפט, קען צווינגען איינעם צו ארבייטען דיזע
זעקס שטונדען, אויב ער וויים, אז א טהייל פון דער צייט ווערט
פערשווענדעט אויף די בעשאפונג פון זאכען, וועלכע ער האלט
פאר אוננויטיג אָדער זאָגאר שעדליך?

עס איז ניט מעגליך אָבצולייקענען, דאָס אונטער די איצ־
טיגע פערהעלטניסע ווערען די העכסט־פערשיעדענארטיגע זאכען
פּראָדוצירט מיט גרויסער עקאָנאָמיע פון אָנשטרענגונג, א דאנק
דער מאשינעריע, און בעזאָנדערס א דאנק דער פערטהיילונג פון
דער ארבייט, וועלכע איז העכסט־פאָלקאָמען; און דאָס דיזע
זאכען ברענגען די פאבריקאנטען א זעהר גוטען פּראָפיט, און
דאָס מיר געפינען זיי פאר זעהר בעקוועם און אנגענעהם פאר
אונזער געברויך. אָבער דער פאקט, דאָס דיזע זאכען זיינען גוט
געמאכט, און ווערען בעשאפען מיט א קליינער פערשווענדונג
פון כח, דאָס זיי זיינען זעהר פּראָפיטאבעל פאר דעם פאבריקאנט
און פאר אונז זעהר אנגענעהם, בעווייזט נאָך ניט, דאָס פרייע
מענשען, ניט געצוואונגענערהייט, וועלען אלץ אָנגעהן מיט דער
בעשאפונג פון דיזע זאכען. עס איז קיין צווייפעל, דאָס קרופּ,
מיט דער איצטיגער ארבייט־צוטהיילונג, מאכט וואונדערבארע

קאנאָנען זעהר שנעל און זעהר קינסטליך. א. ב. בעשאַפט זעהר שנעל און שעהן זיידענשטאָף; ג. ד. מאַכט זעהר גוטע פאַר־פומען, פוידערס, אום צו פערשאַנעווען דעם קאָליר פון פּנים; און וו. ז. מאַכט טהייערען שנאַפּס. און קיין צווייפעל, אַז סאַי די פאַבריקאַנטען און סאַי די געברויכער פון דיזע זאַכען האָבען פון זיי שטארק הנאה. אָבער קאַנאָנען, פּאַרפומען און פוידערס און שנאַפּס ווערען פערלאַנגט פון די, וועלכע ווילען קריגען די קאָנטראָלע איבער דעם כינעזישען מארק, אָדער וועלכע ווילען זיך אָנ'שכור'ן, אָדער וועלכע זיינען שטארק פעראינטערעסירט אין דעם קאָליר פון זייער הויט. אָבער עס וועלען דאַן זיין מאַנכע, וועלכע וועלען דענקען, אַז די פּראָדוקציאָן פון אַזעלכע זאַכען איז שעדליך. און עס וועלען אימער זיין מענשען, וועלכע וועלען דענקען, דאָס — א חוץ דיזע זאַכען — אויסשטעלונגען, אקאַדעמיען, ביער און פליישׁ זיינען ניט נויטיג און זאָגאַר שעדליך. ווי אַזוי וועלען דיזע מענשען געמאַכט ווערען צו נעהמען אַנטהייל אין דער פּראָדוקציאָן פון אַזעלכע זאַכען?

אָבער, ווען מען זאָל שוין זאָגאַר געפינען א מיטעל צו מאַכען אַלע איינפערשטאַנען צו פּראָדוצירען געוויסע זאַכען (כאָטש עס איז ניטאָ אַזאַ מיטעל, און עס קען ניט זיין אַזעלכער, אויסער צוואַנג), ווער אָבער, אין א פרייער געזעלשאַפט, אָהן דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, קאָנקורענץ און איהר געזעץ פון נאכפראַגע און אָנבאָט, וועט בעשליסען וועלכע זאַכען זיינען בילכער? וועלכע דאַרפען געמאַכט ווערען צוערשט און וועלכע נאַכהער? דאַרפען מיר צוערשט בויען די סיבירישע אייזענבאַהן און בעפעסטיגען פּאָרט אַרטהור און דאַן אויס־פּלאַסטערען די גאַסען אין אונזער שטעדטעל, אָדער פערקעהרט? וואָס זאָל קומען צוערשט: עלעקטרישע בעלייכטונג אָדער די בעוואַסערונג פון די פעלדער? און דאַן קומט אַנאַנדער פראַגע, וואָס איז אונלייזבאַר מיט פרייע אַרבייטער: וועלכע מענער זאָלען טהון וועלכע אַרבייט? געווים וועלען אַלע בעסער שניי־דען היי אָדער מאָלען, ווי הייצען דעם אויוועז אָדער אויסרייניגען שמוץ. ווי, ביי דער בעשטימונג פון דער אַרבייט, וועלען מענשען געמאַכט ווערען צו קומען צו אַן איינפערשטענדניס?

קיינע סטאַטיסטיקס קענען ניט פערענטפערן דיזע פראגען. די לייזונג קען נור זיין אַ טהעאָרעטישע: עס קען געזאָגט ווערען, אַז עס וועלען זיין מענשען, וועמען עס וועט געגעבען ווערען די מאַכט צו רעגולירען אַלע דיזע ענינים. מאַנכע מענשען וועלען בעשליסען, און אנדערע וועלען פאָלגען.

אבער אַ חוץ די פראגען פון צוטהיילונג און פיהרונג פון דער פראָדוקציאָן און פון אויסוועהלען די אַרבייט, ווען אַלע פראָדוקציאָנס־מיטעל וועלען ווערען קאָמונאַליזירט, וועט זיין נאָך אַנאַנדערע און זעהר וויכטיגע פראגע: ווי ווייט זאָל געהן די צוטהיילונג פון דער אַרבייט אין אַ סאָציאַליסטיש־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. די איצט־עקזיסטירענדע אַרבייט־צוטהיילונג ווערט בעשטימט דורך די בעדירפניסע פון די אַרבייטער. אַן אַרבייטער איז נור איינפערשטאַנען צו לעבען זיין גאַנצען לעבען אונטער דער ערד, אָדער צו מאַכען אַ הונדערטען טהייל פון א זאַך זיין גאַנצען לעבען, אָדער צו בעוועגען זיינע הענד ארויף און אראָב צווישען דעם געפילדער פון דער מאַשינערי, זיין גאַנצען לעבען, ווייל, ווען ער זאָל זיך ענטזאגען דערפון, וועט ער ניט האָבען פון וואַנען צו לעבען. אָבער עס קען דאָך נור זיין דורך צוואַנג, דאָס אַן אַרבייטער, וועלכער איז דער אייגענטהימער פון די פראָדוקציאָנס־מיטלען, זאָל געמאַכט ווערען איינצואוויליגען צו אַרבייטען אונטער אַזעלכע אָבשטומפּפענדע און גייסט־פערניכטענדע אַרבייטס־אומשטענדען, ווי די אונטער וועלכע מענשען אַרבייטען איצט. אַרבייט־צוטהיילונג איז אָהן צווייפעל זעהר פראָפיטאַבעל און גאַנץ נאַטירליך פאַר מענשען. אבער, ווען מענשען זיינען פריי, איז די אַרבייט־צוטהיילונג נור מעגליך ביז צו אַ געוויסען, זעהר בעשטימטען גראַד, וועלכער איז שטאַרק איבערשטיעגען געוואָרען אין אונזער געזעלשאַפט.

אויב איין בויער בעשעפטיגט זיך הויפּטזעכליך מיט שטיוועל־מאַכעריי און זיין פרוי וועבט, און אַנאַנדער בויער אַקערט, און אַ דריטער איז אַ שמיעד, און זיי אַלע, האָבענדיג געקראָגען אַ ספּעציעלע געשיקטקייט אין זייער אייגענע אַרבייט, בייטען זיך אין דעם, וואָס זיי האָבען פראָדוצירט — איז אַרבייט־צוטהיילונג ניצליך פאַר אַלע, און פרייע מענשען וועלען

נאַטירליך צוטהיילען זייער ארבייט אויף אַזאַ אופן. אבער אַן ארבייט־צוטהיילונג, ביי וועלכע איינער מאַכט אַ הונדערט־חלק פון אַ זאַך, אָדער אַ הייצער־ארבייט אין 140 גראַד (פאַה־רענהייט) פון היץ, אָדער ער ווערט דערשטיקט פון שעדליכע גאַזען — אַזאַ ארבייט־צוטהיילונג איז שעדליך, ווייל כאָטש זי העלפט דער פּראָדוקציאָן פון אונבעדייטענדע זאַכען פערניכטעט זי אָבער דאָס, וואָס איז דאָס טהייערסטע — דאָס לעבען פון מענשען, און דאַרום, אזא ארבייט־צוטהיילונג, ווי זי עקזיסטירט איצט, קען נור עקזיסטירען דאָרט, וואו עס איז דאָ צוואַנג. ראָדבערטוס זאָגט, דאָס די קאָמונאַלע צוטהיילונג פון דער אר־בייט פעראייניגט די מענשהייט. דאָס איז אמת, אבער דאָס איז נור די פרייע צוטהיילונג — אַזאַ, וועלכע מענשען נעהמען אָן פרייוויליג — וועלכע פעראייניגט.

אויב מענשען בעשליסען צו מאַכען אַ וועג, און איינער גראָבט, אַ צווייטער דערלאַנגט די שטיינער, אַ דריטער צוברעכט זיי, און אזוי ווייטער, — אַזאַ סאָרט צוטהיילונג פעראייניגט מענשען.

אבער, ווען אונאַבהענגיג פון זייערע פערלאַנגען, און אַמאָל געגען זייער פערלאַנגען, ווערט געבויט אַ סטראַטעגישע אייזענ־באַהן, אָדער אַן אייפעל־טהורם, אָדער אַזעלכע דומהייטען, וועלכע פילען אָן די פאַריזער אויסשטעלונג, און איין ארבייטער איז געצוואונגען צו קריגען אייזען, אַ צווייטער צו גראָבען קוילען, אַ דריטער צו שמעלצען, אַ פיערטער צו הייבען בוימער און אַ פינפטער צו זעגען זיי, ניט האָבענדיג זאָגאַר דעם מינ־דעסטען בעגריף צו וואָס מען דאַרף די זאַכען וועלכע זיי מאַכען, אַזאַ צוטהיילונג פון דער ארבייט, ניט נור וואָס זי פעראייניגט ניט די מענשען, נור זי צוטהיילט זיי נאָך.

און דערפאַר, מיט קאָמונאַליזירטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווען מענשען זיינען פריי, וועלען זיי אָננעהמען נור די ארבייט־צוטהיילונג, וועמעס גוטע רעזולטאַטען פאַר די ארבייטער וועלען איבערוועגען די שלעכטע. און אזוי ווי יעדער מענש האַלט נאַטירליך פאַר גוט די אויסברייטונג און די פערפיעל־

פאַכונג פון זיינע טהעטיגקייטען, וועט אַזאַ אַרבייט־צוטהיילונג, ווי זי עקזיסטירט איצט, נאַטירליך, זיין אונמעגליך אין אַ פרייער געזעלשאַפט.

צו גלויבען, אַז מיט דער קאָמונאַליזירונג פון די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען וועט קומען אַזאַ איבערפלוס פון זאַכען, ווי דער, וועלכער ווערט איצט בעשאַפען דורך אַ געצוואונגענע ארבייט־צוטהיילונג, איז פונקט ווי צו גלויבען, דאָס נאָך דעם בעפרייאונג פון די לייב־אייגענע בויערען וועלען נאָך אימער עקזיסטירען, ווי פריהער, די היימישע אָרקעסטערס, טהעאַטערע, היימיש־געמאַכטע קאַרפעט און לייסעס און די קינסטליך־געפלאַנצטע גערטנער, וועלכע זיינען אָבגעהאַנגען פון דער אַרבייט פון די לייב־אייגענע. אַלזאָ, דער גלויבען, דאָס ווען דער סאָציאַליסטי־שער אידעאַל וועט פערווירקליכט ווערען, וועט יעדער זיין פריי, און וועט צו דערזעלבער צייט האָבען צו זיין געברויך אַלעס, אָדער כמעט אַלעס וואָס עס האָבען איצט די רייכע, דיזער גלויבען האָט אין זיך אַ קלאָרען, אַ בעשיינפערליכען ווידער־שפרוך.

זיעבעטער קאפיטעל.

קולטור אָדער פרייהייט.

.... די געשיכטע ווידערהאָלט זיך: עס פּאַסירט איצט דאָס זעלבע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון פאַנסטשיזנע. פונקט ווי יעמאָלט האָבען די גרעסטע טהייל פּריצים, ווען זיי האָבען זאָגאַר אַנערקענט די לאַגע פון די לייב־אייגענע אַלס ניט זעהר קיין גוטע, נור פאָרגעשלאָגען אַזעלכע אומענדערונגען, וועלכע זאָלען ניט אָנריהרען די הויפּט־אינטערעסען פון דעם פּריץ, אַזוי אויך איצט שלאָגען פאָר די מענשען פון די וואָהל־האַבענדע קלאַסען, אַנערקענענדיג די לאַגע פון די אַרבייטער אַלס אַ זעהר ניט קיין אַנגענעהמע, נור אַזעלכע מיטעל און פּלענער, וועלכע זאָלען זעהר ווייניג שטערען זייער אייגענע גוטע לאַגע.

פונקט ווי יעמאָלט האָט דער גוטער פּריץ גערעדט פון אַ „פּאָטערליכע“ הערשאַפט, און, ווי גאָגאָל, האָט ער גערעטהען אַלע אַנדערע פּריצים צו זיין גוט און צו זאָרגען פאַר זייערע בויערען, אָבער עס איז איהם גאָר אויפ'ן געדאַנקען ניט געקומען פריי צו לאָזען די בויערען גאָר אין גאַנצען, האַלטענדיג עס פאַר שעדליך און געפעהרליך, אַזוי אויך איצט ראַטהען די וואָהל־האַבענדע מענשען פון אונזער צייט די פאַבריקאַנטען צו דענקען עטוואָס מעהר פון זייערע אַרבייטער, אָבער עס פאַלט זיי גאָר ניט איין צו פאָדערען די אומענדערונג פון די איצטיגע אָרדנונג אויף אַזאַ אופן, אַז דער אַרבייטער זאָל קענען ווערען פריי.

און פונקט ווי יעמאָלט האָבען די ליבעראַלע מענשען, אַנער־קענענדיג די לאַגע פון פאַנסטשיזניקעס אַלס אונפערענדערליך, האָבען געפאָדערט פון דער רעגיערונג, אַז זי זאָל נור בעגרענעצען די הערשאַפט פון די פּריצים און האָבען סימפּאַטיזירט מיט די

בויערען־אויפשטענדע, אזוי איז אויך מיט די ליבעראלען פון אונזער צייט: אנערקענענדיג די איצטיגע אָרדנונג אַלס עטוואָס אייביגעס, פאָדערען זיי נור פון די רעגיערונג, זי זאָל אָנטהאָן א צוים אויף די קאפיטאליסטען, און זיי סימפאטיזירען מיט יוניאָנס, מיט סטרייקס, און איבערהויפט מיט דער ארבייטער־בעוועגונג. און פונקט ווי יעמאָלט האָבען די פּאָרטגעשריטענסטע מענשען געפאָדערט די בעפרייאונג פון דעם מוזשיק, אָבער אין דעם פּראָיעקט האָבען זיי נאָך איהם אַלץ געלאָזען אָבהענגיג פון די לאנד־אייגענטהימער, אזוי אויך איצט פאָדערען די פּאָרט־געשריטענסטע מענער די בעפרייאונג פון ארבייטער פון קאפיטא־ליסט, די פערגעזעלשאפטליכונג פון אלער ארט ווערקצייג, אָבער דערביי לאָזען זיי איהם נאָך אַלץ אַלס שקלאַף פון די צוטהיילונג פון דער ארבייט, וועלכע, נאָך זייער מיינונג, מוז און טאָר ניט אומגעענדערט ווערען.

די לעהרע פון די עקאָנאָמישע וויסענשאפט, וועלכע עס געהען נאָך די אַלע געלעהרטע און געבילדעטע מענשען, שטעלט זיך פאָר ביי אַן אויבערפלעכליכען בליק אַלס עטוואָס זעהר ראדיקאלעס, ווייל זי ענטהאלט אין זיך אטאקעס אויף די רייכע קלאסען פון דער געזעלשאפט, אין איהר עצם אָבער איז דיעזע לעהרע זעהר קאָנסערוואטיוו.

אזוי אָדער אנדערש, אַלע מענער דער וויסענשאפט, און אויך אַלע וואָהלהאבענדע קלאסען פון דער געזעלשאפט ווילען בשום אופן ניט צוגעבען, אז עס קען און דארף זיך אומענדערען די איצטיגע סיסטעמע פון פערטהיילונג פון דער ארבייט, וועלכע גיט די מעגליכקייט פאר די פּראָדוקציאָן פון גרויסע מאסען פון זאכען, מיט וועלכע זיי בענוצען זיך. די איצטיגע עקזיסטירענדע אָרדנונג רופען זיי אַן קולטור, און זיי זעהען אין דיעזע קולטור: אין די אייזענבאהנען, טעלעגראפען, טעלעפאָנען, פאָנאָגראפען, רענטגען־שטראהלען, קליניקס, אויסשטעלונגען, און איבערהויפט אין אַלע מיטלען פון בעקוועמליכקייט — עטוואָס הייליגעס, דאָס זיי לאָזען זאָגאר ניט צו דעם געדאנק וועגען אַן אומענדערונג, וועלכע זאָל אָנריהרען דעם קלענסטען טהייל פון דיעזע עראָבע־

רונגען... אַלעס מעג מען אומבייטען נאָך די לעהרע פון דיעזער וויסענשאַפט, נור ניט דאָס, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען פון קולטור. און דאָך ווערט דאָך אַלע מאָל אויגענשיינליכער, דאָס דיעזע קולטור קען נאָר עקזיסטירען דורך די געצוואונגענהייט פון דעם אַרבייטער צו אַרבייטען. אָבער די וויסענשאַפטס־מענער זיינען אַזוי זיכער, דאָס די קולטור איז דער גרעסטער גליק, דאָס זיי זאָגען זיך: „מעג די גערעכטיגקייט אונטערגעהן, אָבער די קולטור מוז בלייבען.“ און ניט נאָר וואָס זיי ריידען, זיי האַנדלען אויך אַזוי. אַלעס קען מען אומענדערען אין דער פּראַקטיק און אין דער טהעאָריע, נור ניט די קולטור, ניט דאָס, וואָס ווערט געמאַכט אין די פאַבריקען און ווערט פערקויפט אין די מאַגאַזינען.

איך דענק אָבער, דאָס מענשען געבילדעטע, מענשען מיט עטוואָס געפיהל פון ליעבע פאַר זייער שכן, דאַרפען דענקען און האַנדלען פונקט פערקעהרט.

שעהן איז די עלעקטרישע בעלייכטונג, טעלעפאָנען, אויס־שטעלונגען און די אַלע גאָרטענס פון אַרקאַדיע מיט זייערע קאָנ־צערטען און פאָרשטעלונגען, און די אַלע סיגאַרען און די שעהנע שוועבעלעך־פּושקעס, און די שטעקעלעך, און די בייסיקלעך.... נור מעגען זיי אַלע איינזינקען, אויב פאַר זייער בעשאַפונג פאָדערט זיך אַז ניין און נייְנציג הונדערטעל פון די מענשען זאָלען זיין אין שקלאַפעריי און זאָלען טויזענדערוויֵיז אונטערגעהן אין די פאַבריקען, וואָס זיינען נויטיג פאַר די בעשאַפונג פון דיעזע זאַכען!

אויב צוליעב דעם, דאָס לאָנדאָן אָדער פּעטערבורג זאָלען קענען בעלויכטען ווערען דורך עלעקטריציטעט, אום מען זאָל קענען אויפבויען שעהנע געביידען פאַר אַן אויסשטעלונג, אָדער עס זאָלען זיין שעהנע פאַרבען, אָדער מען זאָל גיך און פיעל פאַבריצירען שעהנע שטאָפען, אויב צוליעב דעם איז נויטיג, דאָס עס זאָלען האָבען כרת יאָהרען כאָטש די קלענסטע צאָהל מענ־שען, טו זאָלען בעסער לאָנדאָן און פּעטערבורג בעלויכטען ווערען פון גאַז אָדער, מיינעטוועגען, אויל, זאָל ניט זיין קיין אויסשטע־

לונג, קיין שעהנע פארבען, קיין שעהנע שטאָפען, נור עס זאָל קיין שקלאַפעריי ניט זיין, און אזוי פיעל מענשען זאָלען ניט שטארבען פאר זייער צייט.

אמת־געבילדעטע מענשען װעלען אימער מרוצה װערען זיך צוריקצוקעהרען צו פאָהרען מיט א פוהר, און זאָגאר צו גראָבען די ערד מיט העלצער און מיט די הענד, איידער צו פאָהרען איבער די אייזענבאהנען, װעלכע רויבען די לעבענס פון אזוי פיעל מענשען, און נור דארום, װייל עס לוינט בעסער פאר די בעזיצער פון די באהנען צו בעלוינען די פאמיליען פון די געטויטעטע מיט עטװאָס, איידער צו מאַכען דעם װעג אזוי, אז די באהנען זאָלען ניט דארפען פערניכטען מענשען־לעבענס, װי דאָס קומט פאָר איבעראל. דער אמת־געבילדעטער װעט ניט זאָגען: „לעבען זאָל די קולטור און — מעג די גערעכטיגקייט אונטערגעהן", נור פערקעהרט: „לעבען זאָל די גערעכטיגקייט, און מעג די קולטור אונטערגעהן."

אָבער די קולטור, די ניצליכע קולטור װעט גאָר ניט אונטערגעהן. די מענשען װעלען אין קיין פאַל ניט דארפען זיך צוריקקעהרען צום גראָבען די ערד מיט די הענד און צו בעלייכטונג מיט קינעלעך (שפענדלעך). ניט אומזיסט האָט די מענשהייט אין דער צייט פון שקלאפעריי געמאַכט אזעלכע גרויסע פאָרטשריטע אין דער טעכניק.

װען מענשען װעלען נור פערשטעהן, אז מען טאָר זיך ניט בענוצען פאר דעם אייגענעם פערגעניגען מיט דעם לעבען פון מענשען, װעלען זיי קענען די אלע ערפאָלגען פון דער טעכניק אזוי אָנװענדען, דאָס זיי זאָלען ניט דארפען פערניכטען די לעבענס פון זייערע ברידער, זיי װעלען קענען אזוי איינאָרדנען דעם לעבען, אום זיך צו בענוצען מיט די אלע אויסגעארבייטע װערקצייג, דורך װעלכע די נאטור איז בעהערשט געװאָרען, און מיט װעלכע מען מעג זיך בענוצען, ניט פערשקלאפענדיג אין דער זעלבער צייט זייערע ברידער.

אכטער קאפיטעל.

שקלאַפעריי עקזיסטירט צווישען אונז.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַ מענשען פון אַ גאַנץ פרעמדע וועלט, אַ מענשען, וואָס האָט קיין אַהנונג ניט פון אונזער געשיכטע, אונזערע געזעצע, אונזערע מנהגים, ארונטערקומען אויף אונזער ערד, און ווייזענדיג איהם דעם לעבען אונזערען אין אַלע זיינע ערשיינונגען, זאָל מען איהם פרעגען — אין וואָס זעהט ער דעם הויפּט־אונטערשיעד אין דעם לעבען פון די מענשען פון אונזער וועלט?

דעם הויפּט־אונטערשיעד, אויף וועלכען אַזאַ מענש וועט אָנווייזען, וועט זיין דער, דאָס איינגיגע — אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון מענשען — מיט ריינע, ווייסע הענד, עסען גוט, טהוען זיך אָן שעהן, וואוינען גראַס, אַרבייטען זעהר ווענינ און לייכט, אָדער אָפּט טאַקע גאָר ניט, און זיי האַלטען נור אין איין אמוזירען זיך, אויסגעבענדיג אויף זייערע שמחות, בעלער און אַלערליי אַנדערע פערגעניגענס מיליאָנען פון שווערע ארבייטס־טעג פון אַנדערע מענשען, די אַנדערע, די מעהרצאָהל פון די מענשען, זיינען אימער בלאָטיג, זיינען אָנגעטהאָן אין טראַנטעס, וואוינען אין אָרעמע שטיקענדע צימערען, עסען דאָס ערגסטע, און פון פריהען מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט און אָפט גאַנצע נעכט, אַרביי־טען זיי אויף די, וועלכע אַרבייטען גאָר ניט, און האַלטען זיך אימער אין איין אַמוזירען.

אויב צווישען די איצטיגע הערען און שקלאַפען איז שווער צו מאַכען אַזאַ קענטיגען אונטערשיעד, ווי דער, וועלכער האָט אַמאָל אָבגעטהיילט די אַמאָליגע שקלאַפען פון זייערע הערען און ווען צווישען די שקלאַפען פון אונזער צייט זיינען איצט דאָ אַזעלכע, וועלכע זיינען נור שקלאַפען פאר א צייט,

און דאַן ווערען זיי אַליין די הערךען, אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען הערךען און שקלאַפען צו גלייכער צייט — דאָך דיעזע צונויפמישונג קען דאָך ניט בלינד מאַכען די מענשען, אום ניט צו זעהן, אַז אונזער געזעלשאַפט איז געטהיילט אין שקלאַפען און הערךען, פונקט אַזוי גוט, ווי אַ מעת־לעת ווערט צוטהיילט אויף טאָג און נאַכט, טראָץ דעם, וואָס אין דעם מעת־לעת גיט אַ מאָמענט, ווען עס איז נאָך ניט קיין נאַכט, און דאָך איז עס שוין ניט מעהר טאָג.

ווען ביי דעם הערר פון אונזער צייט איז שוין ניטאָ אַ שקלאַף איוואַן, וועמען ער זאָל קענען בעפעהלען ריין מאַכען זיין שמוציגען אָבטרעט, זיינען דערפאַר דאָ דריי דאָלאַרדיגעס, אין וועלכע הונדערטע פון איוואַנעס נויטיגען זיך, און דער שקלאַפען־האַלטער פון אונזער צייט קען אויסקלייבען דעם בעסטען פון די הונדערטע פון איוואַנעס, און בעגליקען איהם דערמיט, דאָס פון אַלע אַנדערע האָט ער איהם אויסגעקליבען צו רייניגען זיין אָבטרעט.

די שקלאַפען פון אונזער צייט זיינען ניט נאָר די פאַבריק־ארבייטער, וועלכע, אום צו עקזיסטירען, מוזען זיך פערקויפען מיט ל י י ב און ל ע ב ע ן צו די בעזיצער פון די פאַבריקען, נור עס זיינען אויך שקלאַפען כמעט אַלע לאַנד־ארבייטער, וואָס ארבייטען אונערמיעדליך אויף פרעמדע פעלדער פרעמדע קאָרן, אויפזאַמלענדיג איהם אין פרעמדע שייערען, אָדער, די וואָס בעאַרבייטען זייערע אייגענע פעלדער אום צו בעצאָהלען די באַנקירען די פּראָצענטען אויף זייערע אייביג־שטייגענדע שול־דען, — אַזעלכע שקלאַפען זיינען אויך די אַלע, אָהן אַ שיער און אָהן אַ צאָהל דיענער, לאַקייען, קוכערס, דיענסטמיידלעך, הויז־האַלטערס, קוטשערס, בעדער, וועלכע זייער גאַנצען לעבען טהוען זיי זאַכען, וואָס זיינען ניט געאייגנעט פאַר אַ מענשליכען וועזען, און ערפילען פליכטען, וואָס זיינען זיי צו־ווידער.

שקלאַפעריי עקזיסטירט ביי אונז איז פולער קראַפט. אָבער מיר זיינען זיך ניט בעוואוסט איבער דעם, פונקט אַזוי גוט, ווי מענשען האָבען ניט פערשטאַנען די שקלאַפעריי פון לייב־אייגענטהום ביי די ענדע פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט.

די מענשען פון יענער צייט האָבען געדענקט, דאָס די לאַגע פון די יעניגע, וועלכע מוזען בעארבייטען די לאַנד פאַר די הערען, און פאָלגען זיי אין אַלעמען, איז געווען אַ נאַטירליכע, אונפער־מיידליכע עקאָנאָמישע בעדינגונג פון לעבען, און זיי האָבען דאָס ניט אָנגערופען מיט דעם נאָמען שקלאַפעריי, פונקט דאָס זעלבע פאַסירט איצט: די מענשען פון אונזער צייט האַלטען די לאַגע פון די אַרבייטער פאַר נאַטירליך, פאַר אונפערמיידליך, און דאָס ווערט גאָר ניט בעטראַכט פון זיי אַלס שקלאַפעריי.

און פונקט, ווי צו ענדע פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען מענשען ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז דאָס, וואָס האָט פריהער געשיינט צו זיין אַ נויטווענדיגע, אַן אונפער־מיידליכע לעבענס־פאָרמע, איז ניט גוט, איז אונגערעכט, איז פערברעכעריש און מוז אומגעענדערט ווערען, אַזוי אויך הויבען אָן די מענשען פון אונזער צייט צו פערשטעהן, דאָס די לאַגע פון די געדונגענע, פון די אַרבייטער, איז ניט אַזאַ, ווי זי האָט בעדאַרפט זיין, און דאַרף ווי עס איז אַנדערש ווערען.

די שקלאַפעריי פון אונזער צייט הויבט אָן פערשטאַנען צו ווערען נור פון די פאָרטגעשריטענסטע מענשען פון אונזער געזעלשאַפט, די מעהרצאָהל איז אָבער נאָך אימער איבערצייגט, דאָס ביי אונז איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי שקלאַפעריי.

אויכער פיעלע אַנדערע אורזאַכען, וואָס פערבלענדען זיי, עקזיסטירט נאָך אַן אומשטאַנד, וואָס לאָזט זיי איבער אין זייער בלינדהייט: מיר האָבען דאָך אייגענטליך ניט לאַנג אָבגעשאַפט די שקלאַפעריי אין רוסלאַנד און אין אַמעריקאַ. אין אמת'ן אָבער איז דיעזע אָבשאַפונג פון שקלאַפעריי געווען בלויז אַן איבערבייטונג פון די אַלט־געוואָרענע פאָרמע פון שקלאַפעריי, אויף אַ נייע, אַ פעסטע, וועלכע האָט אַריינגענומען אין זיך אַ פיעל גרעסערע צאָהל מענשען. די אָבשאַפונג פון פאַנס־טשיזנע אין רוסלאַנד און פון די שקלאַפעריי אין אַמעריקאַ איז געווען עהנליך צו דעם, וואָס די טאַטאַרען האָבען געטהאָן מיט זייערע געפאַנגענע, ווען זיי האָבען אויסגעקלעהרט אויפצושניי־דען זיי די פיאַטעס פון די פיס, און אָנשיטען דאָרט זאַמד און שטיינער. האָבענדיג אויסגעפיהרט אויף זיי דיעזע אָפעראַציע,

האָבען זיי אַראָבגענומען דאַן פון זיי די קייטען. די אָבשאַפונג פון פּאַנסטשיזנע אין רוסלאַנד און נעגער־שקלאַפעריי אין אמע־ריקא, האָט ניט נאָר ניט אָבגעשאַפט די שקלאַפעריי; ניט נאָר האָט זי ניט פערניכטעט איהר סאַמע וועזען, נאָר זי האָט ערשט אויפגעבליהט, ווען די שטיינער אין די צוהאַקטע פּיאַטעס האָבען אָנגעריסען גרויסע מכות און מען האָט געקענט זיין זיכער, דאָס אויך אָהן קייטען וועלען די געפאַנגענע ניט אנטלויפען און וועלען אַרבייטען. די נאָרד־שטאַאַטען אין אמעריקא האָבען אזוי מוטהיג געפאָדערט די פערניכטונג פון די אַלטע שקלאַפעריי, ווייל ביי זיי איז שוין די נייע שקלאַפעריי — די שקלאַפעריי פון געלד — געווען אין פולען שוואונג. די זידליכע־שטאַאַטען האָבען אָבער נאָך ניט געזעהן קיין קלאָהרע סמנים פון די אָנקומענדע נייע שקלאַפעריי און דארום האָבען זיי ניט געוואָלט אָבשאַפען די אַלטע.

ביי אונז אין רוסלאַנד איז נור דאַן אָבגעשאַפט געוואָרען פּאַנסטשיזנע, ווען דאָס גאַנצע פּרוכטבאַרע לאַנד איז שוין געווען פערכאַפּט פון די פּריצים. און ווען מען האָט די בויערען געגעבען לאַנד, האָט מען אויף זיי אָנגעלעגט די צאָהלונג פון טאַקסעס, וועלכע האָבען פערנומען די שטעלע פון לאַנד־שקלאַפעריי. אין אייראָפּאַ זיינען די טאַקסעס, וואָס האָבען געהאַלטען דאָס פאָלק אין געבונדענהייט, נור דאַן אָבגעשאַפט געוואָרען, ווען מען האָט איהם גערויבט פון דאָס לאַנד, אַוועקגעריסען פון זיין לאַנד־אַרבייט, און מען האָט איהם געצוואונגען צו ווערען אָבהענגיג פון דעם קאַפּיטאַליסט; נור דאַן האָט מען אָבגעשאַפט די טאַקסע אויף ברויט אין ענגלאַנד. איצט הויבט מען אָן אַראָבצונעהמען די טאַקסעס פון די אַרבייטער אין דייטשלאַנד און אין אנדערע לענדער, און מען מאַכט די רייכע זיי צו צאָהלען נור דארום, ווייל די מעהרצאָהל פון פאָלק געפינט זיך אין די געוואַלד־מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטען. איין מיטעל פון שקלאַפעריי ווערט אָבגעשאַפט, ווען אַן אַנדערער, אַ נייער, האָט שוין פערנומען זיין פּלאַץ. און ווען ניט איין מיטעל, איז אַ צווייטער און אָפט עטליכע צוזאַמען ווערען אָנגעווענדעט אום צו האַלטען דאָס פאָלק אין שקלאַפעריי, דאָס הייסט, מען שטעלט איהם אין אַזאַ לאַגע, דאָס

די ווענינגע האָבען די פּוילע מאַכט, די פּוילע געוואַלד איבער די פּיעלע, דאָס הייסט, אַז אין אונזער געזעלשאַפט עקזיסטירט שקלאַפעריי ניט אין דעם בילדליכען זין פון וואָרט, נור טאַקע אמת'ע, איינפאַכע שקלאַפעריי.

ניינטער קאפיטעל.

וואָס איז שקלאַפעריי.

אין וואָס בעשטעהט די שקלאַפעריי פון אונזער צייט? וועלכע זיינען עס די כחות, וועלכע מאַכען מאַנכע מענשען פאַר די שקלאַפען פון אַנדערע? אויב מיר פרעגען אַלע אַרבייטער אין רוסלאַנד און אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקא — גאַנץ גלייך ביי וואָס זיי אַרבייטען — וואָס האָט זיי געמאַכט אויסקלייבען די לאַגע, אין וועלכער זיי לעבען? וועלען זיי אַלע ענטפערען, דאָס זיי זיינען געבראַכט געוואָרען דערצו: אָדער, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין לאַנד, אויף וועלכען זיי וואָלטען געקענט און געוואונשען צו לעבען און צו אַרבייטען (דאָס וועט זיין דער ענטפער פון אַלע רוסישע אַרבייטער, און פון זעהר פיעלע פון די אייראָפּעאישע). אָדער דאָס שטייערען, דירעקטע און איג־דירעקטע זיינען געפאָדערט געוואָרען פון זיי, וועלכע זיי האָבען נור געקענט בעצאָהלען, פערקויפענדיג זייער אַרבייט, אָדער דאָס זיי זיינען פערבליעבען ביי דער פאַבריק־אַרבייט, ווייל זיי זיינען געפאַנגען געוואָרען פון די פיעלע לוקסוס־געוואוינהייטען, וועלכע זיי האָבען אָנגענומען, און וועלכע זיי קענען נור בעפריעדיגען, פערקויפענדיג זייער אַרבייט און זייער פרייהייט.

די ערשטע צוויי בעדינגונגען — דער מאַנגעל אין לאַנד און די טאַקסען — טרייבען די מענשען צו געצוואונגענע אַר־בייט, ווערענד די דריטע — זיינע גרעסערע און אונבעפריע־דיגטע בעדירפניסע — פערנאַרען איהם און האַלטען איהם ביי איהר.

מיר קענען זיך פאָרשטעלען, אַז דאָס לאַנד קען בעפרייט ווערען פון די פּרעטענזיע פון די פּריוואַט־אייגענטהימער, דורך דעם פּלאַן פון הענרי דזשאָרדזש, און דאָס ראַן וועט די ערשטע

אורזאכע, וואָס טרייבט מענשען צו שקלאַפערײַ, אַבגעשאַפט ווערען. מיר קענען אויך, א חוץ דעם סיגנעל־טעקס פלאַן, פאָר־שטעלען זיך די דירעקטע אַבשאַפונג פון טאַקסען, אָדער דאָס זיי זאָלען ארויפגעלעגט ווערען אויף די רייכע, אנשטאַט אויף די אָרימע, ווי דאָס ווערט איצט געטהאָן אין מאַנכע לענדער. אבער אונטער דער איצטיגער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן קען זיך איינער זאָגאר ניט פאָרשטעלען א צושטאַנד, אונטער וועלכען מעהר און מעהר לוקסוריעזע, און אָפט שעדליכע לעבענס־געוואוינהייטען זאָלען ניט אָנגענומען ווערען פון די רייכע, און דאָס דיזע געוואוינהייטען זאָלען ניט ביסלעכווייז אויך אריבערקלייבען זיך צו די פון די ניעדריגע קלאַסען, וועלכע קומען אין בעריהרונג מיט די רייכע, אזוי אונפערמיידליך, ווי וואַסער פערזינקט אין דער ערד, און דאָס דיזע געוואוינהייטען זאָלען ניט ווערען אזוי נויטיג פאַר די ארבייטער, דאָס אום זיי צופריעדענצושטעלען, זאָלען זיי ניט זיין אימער פערטיג צו פערקויפען זייער פרייהייט.

אַלזאָ, די דריטע בעדינגונג, כאָטש זי איז א פרייוויליגע (ד. ה., עס מעג שיינען, דאָס א מענש קען זיך וועהרען געגען דעם נסיון) און כאָטש די וויסענשאַפט אנערקענט איהר ניט, אַלס די אורזאַכע פון דער עלענדער לאַגע פון די ארבייטער, איז אבער אין דער ווירקליכקייט די שטאַרקסטע און די, וועלכע עס איז אם שווערסטען אבצושאַפען, אורזאַכע פון שקלאַפערײַ.

ארבייטער, לעבענדיג נאָהענט צו די רייכע, ווערען אימער אַנגעשטעקט פון נייע פאָדערונגען, און זיי קריגען נור דאַן די מיטלען צופריעדענצושטעלען דיזע פאָדערונגען, ווען זיי ווענדען אָן פאַר דעם די שטאַרקסטע, די אנגעשטרענגסטע ארבייט. אזוי דאָס ארבייטער אין ענגלאַנד און אַמעריקא, קריגענדיג מאַנכע מאָל צעהן מאָל אזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג צום לעבען, בלייבען פון דעסטוועגען פונקט אזעלכע שקלאַפען, ווי זיי זיינען פריהער געוועזן.

דריי אורזאַכען, לויט די ארבייטער אַליין ערקלערען, ברײַנגען די שקלאַפערײַ, אין וועלכער זיי לעבען. און די

געשיכטע פון זייער פערשקלאפטקייט און די פאקטען פון זייער לאגע בעשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דיזער ערקלערונג.

אלע ארבייטער ווערען געבראכט צו דיעזען צושטאנד און ווערען געהאלטען אין איהם דורך דיזע דריי אורזאכען. דיזע אורזאכען, ווירקענדיג אויף די מענשען פון פערשיעדענע זייטען, זיינען אזעלכע, דאס קיינער קען זיך פון זייער פערשקלאפענדער ווירקונג ניט ראטעווען. דער לאנד־ארבייטער, וועלכער האט ניט קיין לאנד אדער האט ניט גענוג, וועט אימער זיין געצוואונגען צו געהן אין אן אייביגע אדער צייטליכע שקלאפעריי צו לאנד־אייגענטהימער, אום צו האבען די מעגליכקייט זיך צו ערנעהרען פון לאנד. זאל ער, אויף אזא אדער אנאנדער אופן, קריגען לאנד גענוג, אום זיך צו קענען ערנעהרען דורך זיין אייגענע ארבייט, ווערען פון איהם געפאדערט אזעלכע טאק־סען, דירעקטע אדער אינדירעקטע, דאס ער ווערט וויעדער געטריעבען אין שקלאפעריי, אום צו קענען זיי בעצאהלען.

אויב, אום צו ענטלויפען פון דער שקלאפעריי אויפ'ן לאנד, הערט ער אויף צו קולטיווירען לאנד, און, לעבענדיג אויף דעם לאנד פון אנאנדערען, הייבט ער אן זיך בעשעפטיגען מיט א מלאכה, און בייט עס אויס אויף די זאכען, וועלכע ער דארף, דאן קומען פון איין זייט די טעקסעס, און פון דער אנדערער זייט די קאנקורענץ פון די קאפיטאליסטען, וועלכע ארבייטען אויס עהנליכע ארטיקלען צו די, וועלכע ער מאכט, אבער מיט בעסערע ווערקצייג, און ער איז וויעדער געצוואונגען אין א שטענדיגע אדער א צייטליכע שקלאפעריי ביי א קאפיטא־ליסט. ארבייטענדיג פאר א קאפיטאליסט, וואלט ער געקאנט בלייבען אונאבהענגיג פון איהם און ניט זיין געצוואונגען צו פערקויפען זיין פרייהייט, דאך די נייע בעדירפניסע, צו וועלכע ער ווערט צוגעוועהנט, מאכען עס פאר איהם אונמעגליך צו בלייבען אזוי אונאבהענגיג. אזוי דאס, צי אויף אזא, צי אויף אנאנדער אופן, דער ארבייטער איז אימער אין שקלאפעריי ביי די יעניגע, וועלכע קאנטראלירען די טעקסעס, דאס לאנד און די זאכען, וועלכע זיינען נויטיג פאר די בעפריעדיגונג פון זיינע בעדירפניסע.

צעהנטער קאפּיטעל.

געזעצע וועגען טעקסעס, לאַנד און אייגענטהום.

די אַלע איצטיגע פערהעלטניסע צוזאמען, וועלכע מאכען צו זיין דעם אַרבייטער אונטערוואָרפען צום קאפּיטאַליסט, האָבען די דייטשע סאָציאַליסטען אָנגערופען מיט'ן נאָמען „דער אייזערנער לוין־געזעץ“. אָבער אין דער אמת'ן איז אין דיעזע פערהעלט־ניסע גאָר ניט קיין אייביגעס, אונפערענדערבאַרעס. דיעזע פערהעלטניסע זיינען בלויז דער רעזולטאַט פון די געזעצגעבונג איבער טאַקסעס, איבער לאַנד, און הויפּטזעכליך, איבער אייגענ־טהום. דיעזע געזעצמאַכעריי ווערט אויסגעפיהרט פון מענשען. דאַרום זיינען עס ניט אירגענד וועלכע אייזערנע געזע־צע, סאָציאַלאָגישע געזעצע, וועלכע זיינען שולדיג אין די מענשליכע שקלאַפעריי, נור די פון מענשען־געמאַכטע געזעצע. עס עקזיסטירט אַ געזעץ, אז דאָס לאַנד קען זיין דער אייגענטהום פון פּריוואַט־פּערזאָנען, מאכט ניט אויס, צו דיעזע פּערזאָנען בענוצען אָדער דאַרפען גאָר אַזוי פיעל לאַנד, און דאָס עס קען אַריבערגעהן פון פּערזאָן צו פּערזאָן אָדער בירושה אָדער דורך פערקויף אָדער דורך פערשענקען. עס איז דאָ אַ צווייטער געזעץ וועגען דעם, דאָס יעדער מענש מוז צאָהלען די טאַקסעס, וועלכע מען פאָדערט פון איהם; און עס עקזיסטירט אַ דריטער געזעץ, דאָס אַ מענש קען האָבען אַלס זיין אייגענטהום אַלעס, וואָס איז דאָ אין דער וועלט, מאכט גאָר ניט אויס, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלעס געקראָגען. אָט דיעזע געזעצע זיינען די אמת'ע אורזאַכען פון שקלאַפעריי.

מיר זיינען אַזוי שטאַרק צוגעוועהנט צו דיעזע געזעצע, דאָס מיר האַלטען זיי פאַר גאַנץ נאַטירליכע, און פאַר גאַנצע יאָהר־טויזענדע ערוועקט זיך ניט קיין צווייפעל ביי אונז אין זייער

נויטווענדיגקייט און גערעכטיגקייט, אָבער דאָך ענדליך קומט די צייט, ווען מען פרעגט זיך: איז עס גערעכט אַז מענשען זאָלען זיך קענען בענוצען מיט די לאַנד, וואָס אַנדערע האַלטען פאַר זייער אייגענטהום? איז עס גערעכט, אַז מענשען זאָלען אװעקגעבען אַ טהייל פון זייער אַרבייט צו אַנדערע אַלס טאַקסעס, וועלכע מען צווינגט פון זיי אַרוים? איז עס גערעכט, אַז מענשען זאָלען זיך ניט טאָרען בענוצען מיט די זאַכען, וואָס ווערען בעטראַכט אַלס דער אייגענטהום פון אַנדערע?

א י ז ע ס א מ ת, ד אָ ס מ ע נ ש ע ן ד אַ ר פ ע ן ז י ך ב ע נ ו צ ע ן מ י ט ד ע ם ל אַ נ ה, ו ו אָ ס ו ו ע ר ט ג ע ה אַ ל ט ע ן א ל ס ד ע ר א י י ג ע נ ט ה ו ם פ ו ן מ ע נ ש ע ן, ו ו אָ ס ב ע אַ ר ב י י ט ע ן ע ס ג אָ ר נ י ט?

מען זאָגט, דאָס דיעזער געזעץ איז געמאַכט געוואָרען צוליעב דעם, ווייל לאַנד־אייגענטהום איז אַ נויטווענדיגע בעדינגונג פאַר די בליהונג פון אַקערבוי; דאָס ווען עס וואָלט ניט געווען קיין לאַנד־אייגענטהום, וואָס קען איבערגעהן בירושה פון איינעם צום אַנדערען, וואָלטען מענשען אַראָבגעטריבען איינע די אַנדערע פון די פערכאַפּטע לאַנד, קיינער וואָלט ניט געאַרבייט, און ניט פערבעסערט דעם טהייל פון לאַנד, אויף וועלכען ער האָט זיך בעזעצט. איז עס אמת?

אַן ענטפער אויף דיעזע פראַגע גיט די געשיכטע און די איצטיגע ווירקליכקייט. די געשיכטע דערצעהלט אונז, דאָס לאַנד־אייגענטהום איז גאָר ניט געקומען דערפון, וואָס מען האָט געוואָלט, אַז די לאַנד־אַרבייט זאָל בליהען, נור דערפון, וואָס די הערשענדע קריעגס־פיהרער האָבען עס פערכאַפּט און עס איז צוטהיילט געוואָרען צווישען די, וועלכע האָבען זיי געהאָלפען אין דיעזען רויב. די ווירקליכקייט וויעדער בעווייזט דעם ליגען פון דער בעהויפּטונג, דאָס לאַנד־אייגענטהום פערזיכערט די לאַנד־אַרבייטער אין דעם, דאָס מען וועט ביי זיי ניט אָבנעהמען די לאַנד, וועלכע זיי בעאַרבייטען. אין דער ווירקליכקייט פּאַסירט גראַדע דאָס אומגעקעהרטע. דאָס רעכט אויף לאַנד־אייגענטהום, מיט וועלכען עס האָבען זיך בענוצט און בענוצען

זיך הויפּטזעכליך די גרויסע אייגענטהימער האָט אויפגעטהאָן דאָס, וואָס אַלע אָדער כמעט אַלע, ד. ה. אַ גרויסע צאָהל פון לאַנד־אַרבייטער, געפינען זיך אין דער לאַגע פון מענשען, וואָס בעאַרבייטען פרעמדעס לאַנד, פון וועלכע עס קענען זיי פּערטריי־בען נאָך זייער קאַפּריז די, וועלכע בעאַרבייטען ניט דאָס לאַנד. הייסט עס אַלזאָ, אַז דאָס רעכט אויף אייגענטהום אין לאַנד איז פאַר קיין פאַל ניט אַ בעשיצונג פון דעם רעכט פון דעם לאַנד־אַרבייטער, ער זאָל זיך קענען בענוצען מיט דער פּרוכט פון זיין האָרעוואַניע, וועלכע ער האָט אַוועקגעלעגט אויף די בעאַרביי־טונג פון לאַנד.

וועגען טאַקסעס זאָגט מען, אַז מענ־שען דאַרפען זיי צאָהלען דאַרום, ווייל אַלע זיינען דערמיט איינפערשטאַנען און ווערען פערברויכט אויף עפענט־ליכע אַנגעלעגענהייטען פאַר דעם נוצען פון אַלע.

איז עס אמת?

אַן ענטפער אויף דיעזע פראַגע גיבען די געשיכטע און די עקזיסטירענדע ווירקליכקייט. די געשיכטע דערצעהלט, אַז טאַק־סעס זיינען קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרען מיט דער איינפער־שטענדניס פון אַלע, נור געראַדע אומגעקעהרט, אימער נור דאַדורך, דאָס איניגע מענשען, דורך קריעג, אָדער דורך אַנדערע מיטעל, האָבען אַריינגעכאַפּט די הערשאַפט איבער אַנדערע מענשען, און האָבען געמאַכט זיי צאָהלען צינזען ניט פאַר עפענט־ליכע אַנגעלעגענהייטען, נור טאַקע פאַר זיך. דאָס זעלבע ווערט אויך איצט אַזוי געטהאָן. די טאַקסעס נעהמען די, וועלכע האָבען די מאַכט דאָס צו טהאָן. און ווען איצט, אַ געוויסער טהייל פון די טאַקסעס, ווערט יאָ געברויכט אויף עפענטליכע זאַכען, איז דאָס מייסטענס אַזעלכע עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען, וועלכע זיינען מעהר שעדליך ווי ניצליך פאַר די מעהרצאָהל פון די מענשען.

אַזוי, צום ביישפּיעל, אין רוסלאַנד, ווערט אַוועקגענומען פון פאָלק אַ דריטעל פון די גאַנצע איינקונפט, און אויף בילדונג

ווערט נור פערברויכט אַ פופציגט־חלק פון דיעזע איינקונפט; און דאַן איז עס אַ בילדונג, וועלכע שאַדעט דעם פאָלק מעהר — מאַכענדיג איהם מעהר נאַריש — ווי זי ברענגט איהם אירגענד וועלכע נוצען. די איבעריגע חלקים פון די טאַקסעס ווערען פער־ברויכט גראַדע אויף זאכען, וואָס זיינען אוננויטיג און שעדליך פאַר'ן פאָלק, ווי די בעוואַפענונג פון די אַרמעע, דער בויען פון סטראַטעגישע וועגען, פון קריעפּאָסטען, פון געפענגניסע, די אויפהאַלטונג פון די גייסטליכע, די קייזערליכע משפּחה, געהאַל־טען פאַר גענעראַלען, פּאָלקאָווניקעס און אַלע שטאַאַטס־בעאַמטע, ד. ה. די טאַקסעס ווערען פערברויכט אויף די אויפהאַלטונג פון אַזעלכע מענשען, וועלכע העלפען אין דעם אַוועקנעהמען פון פאָלק אַ גרויסען טהייל פון זיין אַרבייט.

דאָס זעלבע קומט פאָר ניט נור אין פּערסיען, טירקיי, אינדיען, נאָר אויך אין אַלע קריסטליכע קאָנסטיטוציאָנעלע שטאַאַטען און דעמאָקראַטישע רעפּובליקען. דאָס געלד ווערט גענומען פון פאָלק, ניט וויפיעל מען בעדאַרף, נאָר וויפיעל מען קען, און מען אינטערעסירט זיך זעהר ווענינ מיט דעם איינפער־שטענדנים פון די געטאַקסטע (אַלע ווייסען, ווי פּאַרלאַמענטען ווערען צוזאַמענגעשטעלט, און ווי ווענינ זיי שטעלען מיט זיך פאָר דעם ווילען פון פאָלק). דיעזע טאַקסעס ווערען געברויכט אויף דאָס, וואָס די רעגיערענדע קלאַסען האַלטען פאַר נויטיג: אויף די מלחמה אין קיובאַ און אין די פיליפּינען, אויף די בערוי־בונג פון די רייכטהימער פון טראַנסוואַאַל און עהנליכע זאכען.

איז עס אמת, דאָס מענשען דאַרפען זיך ניט בענוצען מיט די זאַכען, וואָס זיינען זיי נויטיג פאַר די בעפריעדי־גונג פון זייערע בעדירפניסע, אויב דיעזע זאַכען ווערען גערעכענט אַלס דער אייגענטהום פון אַנדערע מענשען?

מען זאָגט, אַז פּריוואַט אייגענטהום איז צוליעב דעם איינ־געפיהרט געוואָרען, אום צו פערזיכערען דעם אַרבייטער אין דעם, אַז קיינער וועט ביי איהם ניט אָבנעהמען די פּרוכט פון זיין אַרבייט.

איז עס אמת?

מען דאַרף נור וואַרפען אַ בליק אויף דאָס, וואָס קומט פאָר אין אונזער וועלט, וואו דער אייגענטהום ווערט אזוי שטרענג פערטהיידיגט, אום זיך צו איבערצייגען, ווי ניט אמת איז דיעזע ערקלעהרונג.

אין אונזער געזעלשאַפט פאַסירט געראַדע דאָס אומגע־קעהרטע: אַלע זאַכען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען און וואָס ווערען פאָרטוועהרענד געמאַכט פון די אַרבייטער, ווערען אימער אַוועקגענומען פון די, וועלכע בעשאַפען זיי.

די בעהויפטונג אַלזאָ, אַז דאָס רעכט אויף אייגענטהום פער־זיכערט דעם אַרבייטער די מעגליכקייט זיך צו בענוצען מיט דעם, וואָס ער שאַפט, איז פונקט אַזוי פאַלש, און נאָך פיעל אויגענ־שיינליכער, ווי די פּריטענזיעס אויף דאָס רעכט אויף אייגענטהום אין לאַנד און דאָס רעכט צו נעהמען טאַקסעס מיט געוואַלד. פריהער האָט מען פון די אַרבייטער מיט געוואַלד אַוועקגענומען אַלעס, וואָס זיי האָבען געשאַפען, און נאכהער האָט מען געמאַכט געזעצע, נאָך וועלכע עס קומט אויס, אַז דיעזע אַלע גערויבטע זאַכען פון די רויבער זיינען הייליגער אייגענטהום.

דער אייגענטהום, צום ביישפּיעל, פון אַ פאַבריק, וועלכע איז געקראָגען געוואָרען דורך אַלערליי שווינדעל און בעטרוג איבער די אַרבייטער, ווערט געהאַלטען פאַר הייליגעס אייגענ־טהום. דער לעבען אָבער פון די אַרבייטער, וועלכע געהען צו גרונד ביי דער אַרבייט אין דיעזער פאַבריק, און זייער אַרבייט, ווערען ניט בעטראַכט אַלס זייער אייגענטהום, נאָר אַזוי ווי דאָס וואָלט געוועזען דעם פאַבריקאַנט'ס אייגענטהום, ווען ער, בענוצענדיג זיך מיט די נויט פון די אַרבייטער, האָט זיי געבונדען די הענד און די פיס.

הונדערטע, טויזענדע פודען פון קאָרן, אויפגעקליבען דורך דעם שענדליכסטען וואָכער, דורך אַ רייהע פון צוואַנג פון די בויערען, ווערען געהאַלטען אַלס דעם סוחר'ס אייגענטהום. דער קאָרן אָבער, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען פון דעם בויער אויפ'ן לאַנד, ווערט בעטראַכט אַלס דאָס אייגענטהום פון אַ צווייטען, ווען דיעזער מענש האָט געקראָגען דאָס לאַנד בירושה

פון זיידעס אָדער עלטער־זיידעס, וועלכע האָבען עס דאַן גערויבט פון פאָלק.

מען זאָגט, אַז דער געזעץ בעשיצט גלייך דאָס אייגענטהום פון פאַבריקאַנט, ווי פון אַרבייטער. די גלייכקייט פון דעם קאַפּי־טאַליסט און דעם אַרבייטער איז פּונקט אַזאַ, ווי די גלייכקייט פון צוויי פייטערס, פון וועלכע איינעם וואָלט מען די הענד געבונ־דען און דעם אַנדערען וואָלט מען געגעבען אַ וואַפע אין דער האַנד, און אין דער צייט פון קאַמפף זאָלעןביידע מוזען אָבהי־טען דיעזעלבע גלייכע בעדינגונגען.

אַלזאָ, אַלע דיעזע דריי געזעצע זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נור אַ נייע פאָרמע פון שקלאַפעריי. פּונקט ווי פריהער האָבען מענשען געמאַכט אַזעלכע געזעצע, נאָך וועלכע געוויסע מענשען האָבען געמענגט קויפען און פערקויפען אַנדערע, האָבען געקאָנט זיי צווינגען צו אַרבייטען, און דאַן איז געווען שקלאַ־פעריי; אַזוי אויך איצט האָט מען געמאַכט די געזעצע פון אייגענ־טהום, פון טאַקסעס — און דאָס איז די שקלאַפעריי פון אונזער צייט.

עלפטער קאפיטעל.

די געזעצע — די אורזאכע פון דער שקלאפעריי.

די שקלאפעריי פון אונזער צייט האט איהר אורזאכע אין דריי געזעצע; אין דעם געזעץ וועגען לאנד־אייגענטהום, אין דעם געזעץ וועגן טעקסעס און אין דעם געזעץ איבר אייגענ־טהום איבערהויפט. און דאריבער וועלען אלע פערזוכע פון די, וואס ווילען פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער, געריכ־טעט, ניט ווילענדיג, חאטש אונבעוואוסט, אויף דיזע דריי גע־זעצע.

איינע ווילען זעהען אבגעשאפט די טאקסעס, וועלכע ליגען אלס א לאסט אויף דעם ארבייטענדען פאלק, און ארויפלייגען זיי אויף די רייכע. אנדערע שלאגען פאר די אבשאפונג פון אייגענטהום־רעכט אויף לאנד, און עס זיינען שוין דא פערזו־כען צו פערווירקליכען דיעזען פארשלאג אין ניוזילאנד, ווי אויך אין איינעם פון די שטאאטען אין אמעריקא. די דריי־טע, די סאציאליסטען, פארשלאגענדיג די אבשאפונג פון איי־גענטהום אויף די ווערקצייג, שלאגען פאר א געזעץ פון טאקסעס אויף אלע פריוואט־איינקינפטע, ירושות, און איבערהויפט א בע־גרענצונג פון די רעכטע פון די קאפיטאליסטען.

דאכט זיך דאך, אז וויבאלד מען שאפט אב די געזעצע, וואס זיינען די אורזאכע פון שקלאפעריי, קען מען דאך אויך ער־ווארטען, אז די שקלאפעריי זאל אבגעשאפט ווערען אויף אזא אופן. אבער מען דארף זיך נור נעהענטער צוקוקען צו די פער־העלטניסע און בעדינגונגען, מיט וועלכע מען שלאגט פאר אב־צושאפען דיזע געזעצע, אום זיך צו איבערצייגען, דאס די אלע, פראקטישע ווי טהעארעטישע פלענער צו פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער מיינען נור אין דער אמת'ן די איבערבייטונג

פון איין סאָרט געזעצע, וואָס פעראורזאכען א געוויסע פאָרמע פון שקלאַפעריי, אויף אן אַנדער סאָרט געזעצע, וואָס מוזען ברענגען א נייע פאָרמע פון שקלאַפעריי.

אזוי, צום ביישפיעל, די, וואָס פּלאַנעווען די בעפרייאונג פון די אָרימע פון טאַקסעס־צאָהלען, אָבשאַפענדיג פריהער פון אַלץ די דירעקטע טאַקסעס און דאַן איבערטראָגען די טאַקסעס, פון די אָרימע אויף די רייכע, מוזען זיי דאָך אונפערמיידליך בלייבען ביי דעם געזעץ איבער דעם אייגענטהום אין לאַנד, אין ווערקצייג און אַנדערע זאַכען, אויף וועלכע עס טראָגט זיך אריי־בער די גאַנצע לאַסט פון די טאַקס־צאָהלעריי. אָבער, ווי באַלד דער געזעץ פון אייגענטהום בלייבט, איז עס דאָך שוין קיין פעולה ניט, וואָס די ארבייטער ווערען בעפרייט פון די טאַקסעס, ווייל דאַן מוזען זיי דאָך אריינפאַלען אין שקלאַפעריי צו די לאַנד־אייגענטהימער און קאַפיטאַליסטען!

און די, ווידער, וועלכע, ווי הענרי דזשאָרדזש און זיינע אנהענגער, שאַפען אָב אייגענטהום אין לאַנד, שלאָ־גען זיי אָבער גלייך פאָר א נייעם געזעץ איבער א פליכטמעסיגען טעקס פאַר לאַנד. דיזער געזעץ וועט אָבער באַלד אַרויסברענ־גען א נייע פאָרמע פון שקלאַפעריי, ווייל דער מענש, וואָס איז געצוואונגען צו בעצאָהלען זיין רענט אָדער דעם „סינגעל־טעקס", וועט מוזען ביי יעדע אונגערעטעניש, ביי יעדען אונגליק, באָרגען געלד פון די, וואָס האָבען געלד, און ער וועט אויף אזא אופן ווידער אריינפאַלען אין שקלאַפעריי.

און די, ווידער, וועלכע — ווי די סאָציאַליסטען — האָבען א פּלאַן אָבצושאַפען אייגענטהום אין לאַנד און ווערקצייג, מו־זען (?, דער איבערזעצער) דאָך אונפערמיידליך איינפיהרען א געזעץ פון געצוואונגענע ארבייט; הייסט עס דאָך, אז זיי פיה־רען איין די שקלאַפעריי אין איהר ערשטער פאָרמע.

אַלזאָ, די אַלע געזעצע, וואָס ברענגען ארויס שקלאַפעריי אין איין פאָרמע, זיינען שטענדיג אויסגעביטען געוואָרען און ווערען נאָך איצט איבערגעביטען אויף נייע געזעצע, וואָס פיה־רען צו א שקלאַפעריי אין א נייע פאָרמע.

עס פאַסירט עטוואָס גאַנץ עהנליכעס צו דעם, וואָס דער

געפענגנים־וועכטער טהוט, איבערלייגענדיג די קייטען פון ארעסטאנט פון האלז אויף די הענד, פון די הענד אויף די פיס, אדער נעהמט זיי ארונטער גאר אין גאנצען, נור ער פארריגעלט די געפענגנים־טיר נאך פעסטער, ווי געווען.

די אלע ביז יעצטיגע פערבעסערונגען פון די ארבייטער זיינען געווען בלויז אט פון אזא סארט: דער געזעץ פון דעם רעכט פון די הערן צו צווינגען צו דער ארבייט האט זיך פער־ביטען מיט דעם געזעץ, אז די גאנצע ערד געהערט צו די הער־ען. דער געזעץ, אז דאס געזעץ געהערט בלויז צו די פריצים, איז פערביטען געווארען מיט געזעצע וועגען טאקסעס, די אויס־פיהרונג פון וועלכע ליגט אין די הענד פון דיזעלבע פריצים. די געזעצע וועגן טאקסעס זיינען אויסגעביטען געווארען אויף די געזעצע פון די בעגרענצונג פון רעכט אויף דעם אייגענטהום, און איצט שלאגט מען פאר, אז דער געזעץ פון אייגענטהום זאל פערביטען ווערען אויף דעם געזעץ פון געצוואונגענע ארבייט.

די ערשטע פארמע פון שקלאפעריי איז געווען דירעקטער צוואנג צו דער ארבייט. דורכמאכענדיג דעם גאנצען צירקעל פון די אלע בעהאלטענע פארמען: פון לאנד־אייגענטהום, פון טאקסעס און ז. וו., קעהרט זיך אום צוריק די שקלאפעריי צו איהר ערשטער פארמע, חאטש אין אן עטוואס אומגעענדערטע געשטאלט — צו דעם דירעקטען ארבייטס־צוואנג.

דארום איז עס אויגענשיינליך, דאס די אבשאפונג פון איי־נעם פון די געזעצע, וואס פערורזאכען שקלאפעריי, ווי, צום ביישפיעל, די אבשאפונג פון טאקסעס, פון אייגענטהום אין לאנד אדער פון אייגענטהום אין די ווערקצייג און אין די זאכען פון געברויך, וועט נאך ניט אבשאפען די שקלאפעריי. דאס וועט נור אבשאפען א געוויסע פארמע איהרע, וועלכע וועט גלייך פערביטען ווערען אויף א נייע פארמע. די אבשאפונג זאגאר פון אלע דריי געזעצע צוזאמען, פערניכטעט נאך ניט די שקלא־פעריי, נור רופט ארויס א נייע, נאך א גאנץ אונבעקאנטע פאר אונז פארמע, וועלכע צייגט זיך שוין איצט ארויס דערמיט וואס דער ארבייטער ווערט בעגרענעצט אין זיין פרייהייט דורך די בעגרענצונג פון די ארבייטס־שטונדען, אינ׳ם צוואנג צו בעזוכען

א שולע, אין דעם אוועקנעהמען א געוויסען פראָצענט פאר די בעזאָרגונג פון אלטע און צוראַניעטע, און אין די אלע געזעצע און מאסרעגעלען פון די פאבריק־אינספעקציאָנען, אין די רולס פון די קאָאָפעראטיווע געזעלשאפטען און ז. וו. דיזעס אלעס איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די פאָרלויפיגע געזעצען, וואָס גרייטען אָן א נייע, נאָך ניט קיין אויספּרובירטע, פאָרמע פון שקלאַפעריי.

עס איז, אלזאָ, קלאָר, דאָס דער עצם פון שקלאַפעריי איז ניט אין די דריי געזעצע, אויף וועלכע זי האלט זיך איצט, און זאָגאר ניט אין די אָדער אנדערע געזעצע, נור אין דעם, ד אָ ס ע ס ז י י נ ע ן א י ב ע ר ה ו י פ ט ד אָ ג ע ז ע צ ע; וואָס עס זיינען דאָ מענשען, וואָס האָבען די מעגליכקייט צו מאַכען פאר זיך לוינענדע געזעצע, און דאָס אזוי לאנג ווי מענשען וועלען האָבען דיזע מעגליכקייט, וועט אויך זיין שקלאפעריי.

פריהער האָט עס געלוינט פאר מענשען צו האָבען די רעקטע שקלאפען, האָבען זיי דאן געמאכט געזעצע פון פערזענליכע שקלאפעריי. דאן האָט זיך זיי בעסער געלוינט צו האָבען אייגענע לאנד, נעהמען טאקסעס, צו בלייבען ביי דעם, וואָס זיי האָבען פערכאפט, און זיי האָבען געמאכט פאסענדע געזעצע. יעצט לוינט זיך פאר מענשען אויפצוהאלטען די איצטיגע סיסטעמע פון די ארבייט־פערטהיילונג, און זיי מאכען געזעצע, דורך וועלכע מענשען זאָלען זיין געצוואונגען אזוי צו ארבייטען, ווי עס לוינט זיך פאר זיי. און דארום, די גרונד־אורזאכע פון שקלאַפעריי בעשטעהט אין דעם, וואָס עס זיינען דאָ מענשען, וואָס קענען מאכען און ארויפצווינגען זייערע געזעצע.

צוועלפטער קאפיטעל.

דער עיקר פון געזעצגעבונג איז די אָרגאַניזירטע געוואַלד.

עס איז דאָ א גאַנצע וויסענשאַפט, נאָך א פיעל עלטערע, א פיעל פאַלשערע און א פיעל דונקעלערע, ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די דיענער פון וועלכע האָבען אין דעם משך פון יאהרהונדערטע אָנגעשריבען מיליאָנען פון ביכער, אום צו ענט־פערען אויף דיזער פראגע. אָבער אזוי ווי דער צוועק פון דיזע וויסענשאַפט, ווי פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, בעשטעהט ניט אין דעם צו ערקלעהרען וואָס איז דאָ און וואָס בעדארף זיין, נור אין דעם, אום צו בעווייזען, אַז דאָס, וואָס איז דאָ, דארף זיין, קען מען אין דיזע וויסענשאַפט געפינען זעהר פיעל ארגו־מענטען וועגען „רעכט", וועגען „אָביעקט און סוביעקט", וועגען דער „שטאַאטס־אידעע" און נאָך אַזעלכע עהנליכע זאכען, וועל־כע זיינען אונפערשטענדליך ניט נור פאר די שילער, נור אויך פאר די לעהרער פון דיזע וויסענשאַפט. אָבער א קלאָהרער ענטפער, וואָס איז דאָס אַזעלכעס געזעץ, איז ניטאָ.

לויט די וויסענשאַפט זאָגט אונז, איז א געזעץ דער אויס־דרוק פון דעם ווילען פון גאַנצען פאָלק, אָבער אזוי ווי די, וואָס פערברעכען געגען דעם געזעץ, אָדער די, וואָס וואָלטען געוואָלט פערברעכען געגען געזעץ, נור טהוען עס ניט אויס פורכט פאר די בעשטראָפונגען, וואָס זיי וועלען מוזען ליידען, זיינען אימער דאָ מעהר, ווי די, וואָס וואָלטען געוואונשען, אַז דער געזעץ זאָל אויסגעפיהרט ווערען, קען דאָך א געזעץ פאר קיין פאל ניט אויפ־געפאַסט ווערען אלס דער אויסדרוק פון דעם ווילען פון גאַנצען פאָלק.

עס איז דאָ, צום ביישפּיעל, א געזעץ, אז מען זאָל ניט קאַליע מאַכען דעם טעלעגראַף, אז מען זאָל געוויסע פערזאָנען

אָבגעבען כבוד, אז יעדער מענש זאָל דיענען א געוויסע צייט אלס סאָלדאַט אָדער א דזשורי־מאַן, דאָס ער זאָל ניט אריבער־טראָגען געוויסע זאכען ווייטער פון א געוויסען פּלאַץ, דאָס ער זאָל זיך ניט בענוצען מיט'ן לאַנד, וואָס רעכענט זיך, אלס דער איי־גענטהום פון אַן אנדערען, דאָס ער דאָס זאָל ניט מאַכען קיין געלד, דאָס ער זאָל ניט געברויכען די זאכען, וואָס ווערען בע־טראַכט אלס אַן אנדערענס אייגענטהום.

דיזע אַלע געזעצע און פיעלע אנדערע זיינען זעהר פער־שיעדען־ארטיג און זיי קענען האָבען זייערע פערשיעדענע גרינדע, אָבער קיין איינציגער פון זיי דריקט ניט אויס דעם ווילען פון דעם גאַנצען פאָלק. דאָס געמיינשאַפטליכע, וואָס מען קען בעמערקען אין אַלע דיזע געזעצע, איז נור איין זאַך, און נעמליך דאָס: אויב אימיצער וועט זיך ענטזאַגען צו פאָל־גען זיי, וועלען די, וואָס האָבען זיי געמאַכט, שיקען מענשען מיט געוועהר, און דיעזע בעוואפענטע מענשען וועלען שלאָגען, פערהאַפטען און זאָגאַר הרג'ענען די, וואָס וועלען ניט פאָלגען דיעזע געזעצע.

זאָל א מענש זיך ענטזאַגען אָבצוגעבען א טייל פון זיין ארבייט אין די געשטאַלט פון א טעקס, וועלען קומען בעוואַ־פענטע מענשען און אוועקנעהמען פון איהם דאָס, וואָס ווערט פון איהם געפאָדערט; און זאָל ער זיך איינשפּאַרען און ניט וועלען געבען, וועלען זיי איהם שלאָגען, ארעסטירען, און גאַנץ אָפט אויך טוידטען. דאָס זעלבע וועט מען טהאָן מיט א מענ־שען, וואָס זאָל זיך אונטערשעטלען צו בענוצען זיך מיט דעם לאַנד, וואָס רעכענט זיך אלס דער אייגענטהום פון אַן אנדע־רען. דאָס זעלבע וועט פּאַסירען מיט א מענשען, וועלכער זאָל זיך בענוצען מיט די זאכען, וואָס זיינען נויטיג פאַר די בע־פרידיגונג פון זיינע בעדירפניסע אָדער פאַר זיין ארבייט, ווען זיי ווערען בעטראַכט אלס דער אייגענטהום פון אַן אנדערען; עס וועלען קומען בעוואפענטע מענשען, מען וועט ביי איהם צו־נעהמען דאָס, וואָס ער וועט האָבען גענומען, און זאָל ער ניט וועלען געבען, וועט מען איהם שלאָגען, בערויבען איהם פון זיין פרייהייט אָדער זאָגאַר טוידטען. דאָס זעלבע וועט פּאַסירען

מיט אַ מענשען, וואָס וועט ניט אָבגעבען קיין כבוד די, וועלכע, נאָכ'ן געזעץ, דארף מען יא געבען כבוד. דאָס זעלבע מיט די, וואָס דארפען נאָכ'ן געזעץ דיענען אַלס סאָלדאַטען און ווילען ניט. פאר יעדעס מאָל ניט־פאָלגען דעם געזעץ וועלען די ניט־פאָלגער ווערען בעשטראָפט פון די מענשען, וועלכע האָבען גע־מאַכט דיזע געזעצע.

עס זיינען אויסגעקלערט געוואָרען פיעלע קאָנסטיטוציאָנען, אָנפאַנגענדיג פון די ענגלישע און אמעריקאנער, און ענדיגענ־דיג מיט דער יאפאנישער און טערקישער, לויט וועלכע מענשען דארפען גלויבען, אז אלע געזעצע, וואָס ווערען געמאַכט פון זיי־ערע רעגיערער, ווערען גאָר געמאַכט נאָך דעם ווילען פון זיי אליין. אָבער אַלע ווייסען, דאָס ניט נור אין די דעספאָטישע לענדער, נור זאָגאר אין די כלומר'שט פרייע, ווי ענגלאַנד, אמע־ריקא, פראַנקרייך און אַנדערע, ווערען די געזעצע ניט געמאַכט נאָך דעם ווילען פון אַלע, נור נאָך דעם ווילען פון די, וואָס האָ־בען די מאַכט, און דארום ווערען אימער און איבעראַל געמאַכט נור אזעלכע געזעצע, וועלכע זיינען גוט פאר די, וואָס האָבען די מאַכט — מעגען דאָס זיין פיעלע מענשען, עטליכע אָדער זאָגאר איין מענש. און אין ערפילונג ווערען געבראַכט דיזע געזעצע שטענדיג און איבעראַל מיט דיזעלבע מיטעל, מיט וועלכע מען האָט אימער און איבעראַל געצוואונגען דאָס איניגע מענשען זאָלען אויספיהרען דעם ווילען פון אַנדערע, ד. ה., דורך קלעפּ, דורך אַרעסטען, דורך מאָרד, ווי דאָס קען גאָר אַנדערש ניט זיין.

און אנדערש קען עס ניט זיין דארום, ווייל די געזעצע זיי־נען דאָך נור די פאָדערונג צו ערפיללען געוויסע באַשטימונגען. צו צווינגען מענשען אויסצופיהרען געוויסע בעשטימונגען, ד. ה., דאָס, וואָס אַנדערע ווילען פון זיי. און דאָס קען מען ניט אַנ־דערש ווי נור דורך קלעפּ, דורך פערהאַפטונגען און דורך מאָרדען זאָגאַר. אויב עס זיינען דאָ געזעצע, מוז זיין אַ מאַכט, וועלכע קען צווינגען מענשען זיי צו פאָלגען. די מאַכט אָבער, וואָס קען צווינגען מענשען צו פאָלגען די געזעצע, קען נור זיין איינע — דאָס איז געוואַלד. ניט די איינפאַכע געוואַלד, וועלכע מענ־שען געברויכען איינער געגען צווייטען אין די מינוטען פון ליי־

דענשאפט, נור אן אָרגאַניזירטע געוואַלד, א געוואלד, וועלכע ווערט געברויכט אין פולען בעוואוסטזיין, גאַנץ קאַלטבלוטיג, פון די מענשען, וואָס האָבען די מאַכט, אום צו צווינגען אנדע־רע, צו פאָלגען די געזעצע, וואָס זיי מאַכען, ד. ה., דאָס, וואָס זיי ווילען.

און דאַרום איז דער וועזען פון די געזעצע גאָר ניט אין דעם „סוביעקט" אָדער „אָביעקט" פון רעכטע, ניט אין די שטאַאטס־אידעע, אויך ניט אין דעם געמיינשאַפטליכען ווילען פון פאָלק, און אין נאָך אַזעלכע גאַנץ דונקעלע און פערפּלאָנטער־טע בעגריפע, נור אין דעם, דאָס עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע האָבענדיג צו זאָגען איבער די אָרגאַניזירטע געוואַלד, האָבען זיי די מעגליכקייט צו צווינגען מענשען, צו פאָלגען דאָס, וואָס זיי הייסען זיי.

אַלזאָ, די ריכטיגע, פאַר אַלעמען פערשטענדליכע, אונבע־שטרייטבאַרע פערטייטשונג פון געזעץ איז די פאָלגענדע:

געזעצע, דאָס זיינען אַזעלכע כללים, געמאַכט פון מענשען, וואָס האָבען צו זאָגען איבער די אָרגאַניזירטע געוואַלד, פאַר דעם ניט פאָלגען פון וועלכע, ווערען די ניט־פאָלגער בעשטראָפט מיט קלעפּ, פערהאַפטונג און זאָגאַר מיט'ן טויט.

אין דיעזע פערטייטשונג איז שוין אויך ענטהאַלטען דער ענטפער אויף די פראַגע: וואָס גיט מענשען די מעגליכקייט צו מאַכען געזעצע? די זעלבע מאַכט, וואָס גיט זיי די מעגליכקייט אויסצופיהרען די געזעצע, גיט זיי אויך די מעגליכקייט זיי צו מאַכען; און דאָס איז די אָרגאַניזירטע געוואַלד.

דרייצעהנטער קאפיטעל.

וואס איז רעגיערונג? איז עס מעגליך צו עקזיסטירען אהן רעגיערונג?

די אורזאכע פון די קלאגעדיגע לאגע פון די ארבייטער איז שקלאפעריי; די אורזאכע פון שקלאפעריי זיינען די געזעצע; די געזעצע וויעדער זיינען געגרינדעט אויף די ארגאניזירטע געוואלד, און דארום איז די פערבעסערונג פון די מענשליכע לאגע נור מעגליך, ווען די ארגאניזירטע געוואלד וועט ווערען פערניכטעט.

די ארגאניזירטע געוואלד איז אבער די רעגיערונג, און קען מען דען לעבען אהן א רעגיערונג? אהן א רעגיערונג וועט דאך זיין א תוהו ובוהו, אנארכיע, די גאנצע ציוויליזאציאן וועט אונטערגעהן און מענשען וועלען צוריק ווערען ווילדע. ריהרט נור אן די עקזיסטירענדע ארדנונג — זאגען געוועהנליך ניט נור די, פאר ווענמען דיעזע ארדנונג איז וויגאדנע, נור אפילו די, פאר ווענמען זי איז זעהר שלעכט, נור זיי זיינען צוגעוועהנט צו איהר און זיי קענען זיך ניט פארשטעלען א לעבען אהן די געוואלד פון דער רעגיערונג — און די גרעסטע אונגליקען וועלען פאסירען: רויב, מארד, און דער סוף וועט זיין, דאס אלע גוטע מענשען וועלען זיין פערשקלאפט. אבער, שוין ניט ריידענדיג פון דעם, דאס דיעזע אלע שרעקען: רויב, מארד און דער סוף פון וועלכע איז, דאס די אמת־גוטע מענשען זיינען אין שקלא־פעריי — עקזיסטירען דוקא איצט, אבער דער פאקט, אז עס וועלען זיין אונרוהען, בעווייזט נאך גאר ניט אז דיעזע ארדנונג איז גוט.

„ריהרט נור אן די עקזיסטירענדע ארדנונג און די גרעסטע אונגליקען וועלען פאסירען".

ריהרט נור איין ציגעל פון טויזענד ציגעל, וועלכע זיינען אויפגעלעגט אין א הויכען שמאָלען זייל, און אַלע ציגעל וועלען צופאַלען און צוברעקלען זיך. אָבער דער פאַקט, דאָס איין ארויסגענומענער ציגעל, אָדער דאָס רער קלענסטער שטויס קען אומוואַרפען דעם גאַנצען זייל, בעווייזט נאָך ניט פאַר קיין פאַל, אַז עס איז פערנינפטיג צו האַלטען די ציגעל אין אַן אונגאַטיר־ליכע און אַן אונבעקוועמע לאַגע. אומגעקעהרט, דאָס בעווייזט, דאָס די ציגעל דאַרף מען ניט האַלטען אין אזא לאַגע, און דאָס מען בעדאַרף זיי אַזוי אויסלעגען, דאָס זיי זאָלען זיך האַלטען פעסט, און דאָס מען זאָל זיי קענען געברויכען, ניט פערניכטענ־דיג די גאַנצע געביידע. דאָס זעלבע איז מיט רי יעצטיגע רעגיע־רונגס־אָרדנונג. דיעזע שטאַטס־אינסטיטוציאָן איז א גאַנץ קינסטליכע און זעהר טרייסעלדיגע; דער קלענסטער שטויס ברענגט עס אין געפאַהר. און דאָס בעווייזט, דאָס ניט נאָר איז א רעגיערונג ניט נויטיג, נאָר אויך שעדליך און געפעהרליך.

זי איז שעדליך און געפעהרליך דערפאַר, ווייל דורך איהר ווערט אַל דאָס בייזע, וואָס איז דאָ אין דער געזעלשאַפט, ניט נאָר פערקלענערט, נאָר פערקעהרט, ווערט נאָך פערשטאַרקט און פערפעסטיגט. דאָס בייזע ווערט פערשטאַרקט און פער־פעסטיגט צוליעב דעם, ווייל אָדער עס ווערט גערעכטפערטיגט און נעהמט אָן אַן אַנציהענדע פאָרמע, אָדער עס בעהאַלט זיך.

דיעזער פעלקער־גליק, וועלכער שטעלט זיך אונז פאָר אין די געזעלשאַפטען, וואָס ווערען רעגיערט פון די אָרגאַניזירטע געוואַלד, איז דאָך נאָר אַן איינגריידעניש, א חלום. אַלעס, וואָס קען צושטערען די אויסערליכע אויף־מיר אַנשטענדיגקייט, אַלע וואונדען זיינען פערבעהאַלטען אין אַזעלכע ערטער, וואו מען קען זיי ניט זעהן; אָבער דאָס, וואָס מען זעהט זיי ניט, איז דאָך נאָך ניט קיין בעוויז, אַז זיי זיינען ניטאָ. אומגעקעהרט, דאָס מעהר זיינען זיי דאָ, וואָס מעהר מען פערבעהאַלט זיי, און וואָס גרויזאַמער עס זיינען געגען זיי די, וועלכע בעשאַפען זיי. אמת, דאָס ווען די רעגיערונגס־טהעטיגקייט זאָל אויפהערען, וועט די אויסערליכע אַנשטענדיגקייט טאַקע צושטערט ווערען, אָבער דאָס וועט ניט צושטערען דעם לעבען, נאָר עס וועט אַרויסצייגען!

אַל דאָס בייז, וואָס איז ביז דאַן געווען פערבעהאַלטען, און דאַן וועט ערשט זיין די מעגליכקייט צו פערבעסערען עס.

מענשען האָבען געדענקט און געגלויבט ביז די לעצטע צייט, ביז דעם סוף פון דעם היינטיגען יאָהרהונדערט, דאָס זיי קענען ניט לעבען אָהן רעגיערונגען, אָבער דאָס לעבען שרייטעט פאָר־ווערטס, די פערהעלטניסע און מיינונגען פון די מענשען ענדע־רען זיך אום, און טראָץ דעם וואָס די רעגיערונגען מאַכען אַלע אָנשטרענגונגען צו האַלטען די מענשען נאָך אימער אין אַ קינדישען צושטאַנד, ווען דעם בעליידיגטען דוכט זיך אויס צו זיין לייכטער, ווען ער האָט פאַר וועמען זיך צו קלאָגען, הויבען אָן די מענשען, און איבערהויפט די אַרבייטער, ניט נאָר אין אייראָפּאַ, נאָר אויך אין רוסלאַנד אַרויסצוגעהן פון דיעזען קינדער־צושטאַנד, און זיי הויבען אָן צו בעגרייפען די אמת'ע פערהעלטניסע פון לעבען.

„איהר זאָגט אונז, דאָס אָהן אייך וועלען אונז בעפאַלען די נאַכבאַר־פעלקער: די כינעזער, יאַפּאַנעזער — זאָגען איצט די מענשען פון פאָלק — אָבער מיר לעזען די צייטונגען, און מיר ווייסען, דאָס קיינער סטראַשעט אונז ניט מיט קיין קריעג, און דאָס נור איהר, די רעגיערער, צוליעב וועלכע־עס־איז פאַר אונז אונפערשטענדליכע צוועקען, מאַכט איהר אימער קריעג און שנאה צווישען זיך, און דאַן, אונטער דעם אויסרייד פון די פערטהיידיגונג פון אייערע פעלקער, רואינירענדיג אונז מיט טאַקסעס אויף סטראַטעגישע וועגען, פערפיהרט איהר מלחמות איינער מיט'ן אַנדערען, ווי איהר האָט עס געטהאָן איצט מיט די פריעדליכע כינעזער."

„איהר זאָגט, דאָס צוליעב אונזער גליק האָט איהר געמאַכט אַ געזעץ וועגען אייגענטהום אין לאַנד, אָבער אייער געזעץ האָט געמאַכט דאָס, וואָס די גאַנצע לאַנד איז אַריבערגעגאַנגען אָדער געהט נאָך ערשט איבער אין די מאַכט פון די ניט־אַרבייטענדע קאָמפּאַניעס, פון באַנקירען, פון מיליאָנערען, און מיר, די מאַיאָ־ריטעט פון פאָלק, זיינען געבליבען אָהן אַ פּיצעל לאַנד און געפינען זיך אין די מאַכט פון די, וואָס אַרבייטען ניט. איהר מיט אייערע געזעצע וועגען לאַנד־אייגענטהום פערזיכערט ניט

דאָס לאַנד צו די, וועמעס אייגענטהום זי האָט בעדאַרפט זיין, נור איהר נעהמט זי אַוועק פון די, וואָס אַרבייטען.

„איהר זאָגט, דאָס איהר פערזיכערט יעדען די פרוכט פון זיין אַרבייט: אין דער אמת'ן טהוט איהר פונקט קאַפויר. אַלע די, וואָס בעשאַפען ווערטהפאָלע זאַכען, אַ דאַנק אייער פאַלשען שוץ, זיינען געשטעלט אין אַזאַ לאַגע, דאָס זיי קענען קיינמאָל ניט קריגען דעם ווערטה פון זייער אַרבייט, און זייער גאַנצער לעבען געפינט זיך אין פולער אַבהענגיגקייט און אין די געוואַלד פון די, וואָס אַרבייטען ניט."

אַזוי הויבען אָן צו פערשטעהן און צו ריידען די מענשען איצט, און דיעזע אויפוואַכונג פון די איינשלעפערונג, אין וועלכע די רעגיערונגען האָבען געהאַלטען די מענשען, געהט פאָר זעהר שנעל. אין די לעצטע פינף־זעקס יאָהר האָט זיך די עפענטליכע מיינונג פון פאָלק ניט נאָר אין די שטעדט, נאָר אויך אין די דערפער, ניט נאָר אין אייראָפּאַ, נאָר אויך אין רוסלאַנד, איבער־ראַשענד אומגעענדערט.

מען זאָגט, דאָס אָהן אַ רעגיערונג וועלען ניט זיין די ערציהונגס־אַנשטאַלטען, די לעהר־אַנשטאַלטען און די אַלע אַנ־דערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציאָנען, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַלע.

אָבער פאַר וואָס זאָל מען דאָס אַזוי רעכענען? וואָס פאַר אַ גרונד איז דאָ צו דענקען, דאָס מענשען, וואָס זיינען ניט געטריבען און געדריקט פון אַ רעגיערונג וועלען ניט קענען איינ־אָרדנען פאַר זיך דאָס לעבען אַזוי גוט, ווי עס אָרדנען איין פאַר זיי די רעגיערונגען?

מיר זעהען, פערקעהרט, דאָס אין די פערשיעדענאַרטיגסטע לעבענס־פעלע אין אונזער צייט אָרדנען מענשען איין זייער לעבען גאָר אָהן ערך בעסער, ווי דאָס טהוען פאַר זיי די מענשען, וואָס רעגיערען איבער זיי. מענשען, אָהן אירגענד וועלכע אַריינ־מישונג פון דער רעגיערונג, מאַכען גאַנץ אַליין פערשיעדענע געזעלשאַפטליכע אונטערנעהמונגען: אַרבייטער־פעראיינען, קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס, אַרטע־

לען, יוניאָנס. ווען עס זיינען נויטיג מיטלען פאַר אַ געזעלשאַפט־ליכע אונטערנעהמונג, ווארום זאָל מען דענקען, אַז פרייע מענשען אָהן געוואַלד וועלען ניט קענען פרייוויליג צוזאַמענקלייבען די נויטיגע מיטעל, און איינאָרדנען דאָס אַלעס, וואָס ווערט איצט געמאַכט דורך טאַקסעס, ווען נור די אינסטיטוציאָנען זיינען פאַר אַלעמען ניצליך? ווארום זאָל מען דענקען, אַז עס קען ניט זיין אַ געריכט אָהן געוואַלד? דער פסק פון די מענשען, וועמען די פראָצעסירענדע פערטרויען זיך, האָט קיינמאָל ניט און וועט אויך קיינמאָל ניט נויטיגען זיך אין געוואַלד. מיר זיינען אַזוי פערדאָרבען דורך די לאַנגע שקלאַפעריי, דאָס מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען אַן אָרדנונג אָהן געוואַלד. אָבער דאָס איז ניט אמת. — די רוסישע אָבשטשינעס, אריבערזעצענדיג זיך אין די ווייטע לענדער, וואו אונזער רעגיערונג מישט זיך ניט אריין אין זייער לעבען, מאַכען אַליין די זאַמלונג פאַר די נויטיגע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציאָנען, זיי האָבען זייער אייגענעם געריכט, זייער פאָליציי און זיי זיינען אימער גוט אָב, ביז די רעגיערונגס־געוואַלד מישט זיך ניט אריין אין זייער לעבען. פונקט אַזוי איז אויך קיין גרונד ניטאָ צו דענקען, דאָס מענשען זאָלען נאָך אַן אַלגעמיינעם איינפערשטענדניס ניט קענען בע־שטימען צווישען זיך, ווי זיך צו בענוצען מיט'ן לאַנד.

— איך האָב געקאָנט מענשען — קאָזאַקען פון אוראַל — וועלכע האָבען געלעבט, ניט אנערקענענדיג קיין אייגענטהום אין לאַנד, און אין יענע געזעלשאַפט האָבען געהערשט אַזאַ וואויל־האבענהייט און אָרדנונג, וועלכע זיינען ניט צו געפינען אין אַ געזעלשאַפט, וואו דער אייגענטהום אין לאַנד ווערט בעשיצט דורך געוואַלד. איך קען אויך איצט אָבשטשינעס, וועלכע לעבען, ניט אנערקענענדיג דאָס רעכט פון אירגענד וועלכען איינצעלנעם מענשען אויף אייגענטהום אין לאַנד. דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק, אַזוי ווייט ווי איך געדענק, האָט ניט אנערקענט קיין אייגענטהום אין לאַנד.

די בעשיצונג פון אייגענטהום דורך די רעגיערונגס־געוואַלד, ניט נאָר וואָס דורך דעם ווערט ניט אָבגעשאַפט דער קאַמפף פאַר אייגענטהום, נאָר פערקעהרט נאָך, ער ווערט דורך דעם מייסטענס

נאָך שטאַרקער. יאַ, דער קאַמפּף איז אָפּט דער רעזולטאַט פון אַזאַ בעשיצונג.

וואָלט ניט געווען דער רעגיערונגס־שוץ פון אייגענטהום אין לאַנד, און אַלס רעזולטאַט דערפון, איהר אויפהויבען זיך אין פּרייז, וואָלטען מענשען זיך ניט געשפּאַרט אין אייניגע ערטער בלויז, נאָר זיי וואָלטען זיך פונאַנדערגעזעצט איבער די פרייע לענדער, וועלכע זיינען נאָך דאָ אַזוי פיעל אויף דעם ערד־קוגעל. איצט אָבער קומט פאָר אַ שטענדיגער קאַמפּף פאַר לאַנד־אייגענטהום, און אין דיעזען קאַמפּף זיינען אימער די זיעגער ניט די, וואָס בעאַרבייטען דאָס לאַנד, נאָר די וואָס נעהמען אַנטהייל אין דער רעגיערונגס־געוואַלד.

דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען די אַלע זאַכען, וואָס זיינען דער פּראָדוקט פון מענשליכע אַרבייט. זאַכען, וועלכע זיינען ווירקליך געמאַכט געוואָרען פון מענשען און זיינען איהם נויטיג צום לעבען, ווערען אימער בעשיצט פון די עפענטליכע מיינונג, פון דעם מנהג, פון דעם גערעכטיגקייטס־געפיהל, און זיי נויטיגען זיך ניט אין די בעשיצונג, וועלכע די געוואַלד קען געבען.

צעהנדליגע טויזענדע דעסיאַטינעס וואַלד, געהערענדיג צו איין מענשען, ווערענד טויזענדע מענשען דערביי האָבען ניט אַ שטיקעל האָלץ, מיט וואָס זייערע אָרעמע כאַטקעס אויסצו־הייצען, נויטיגען זיך אודאי אין די בעשיצונג פון געוואַלד.

אַזאַ בעשיצונג פון געוואַלד איז אויך נויטיג פאַר די פאַבריקען, אויף וועלכע פיעלע, פיעלע דורות זיינען בערויבט געוואָרען, און ווערען נאָך בערויבט ביז היינטיגען טאָג.

נאָך מעהר נויטיגען זיך אין בעשיצונג הונדערטע טויזענדע פודען פון קאָרן פון איין בעזיצער, וועלכער האָט זיך דערוואַרט אויף אַ הונגער, אום צו פערקויפען איהם פאַר דריי מאָל אַזוי פיעל, ווי ער איז ווערטה, צו דעם הונגערענדען פאָלק. אָבער קיין איינציגער מענש, מעג ער זיין ווי פערדאָרבען — אַחוץ דעם רייכען אָדער דעם מענשען וואָס געהערט צו דער רעגיערונג — וועט ניט אַוועקנעהמען ביי דעם ערד־אַרבייטער, וואָס ער־נעהרט זיך מיט די פראַצע פון זיינע הענד, די שטיקעל לאַנד,

אויף וועלכע זיין קאָרן איז אויפגעוואקסען, אָדער זיין בהמה, מיט די מילך פון וועלכע זיינע קינדער ווערען ערנעהרט אָדער זיין סאָכע, זיין קאָסע, זיין לאָפּעטע, וועלכע ער האָט געמאכט און געברויכט.

טאָמער אָבער וועט זיך געפינען אזא מענש, וואָס וועט וועלען אוועקנעהמען ביי א צווייטען די זאכען, וואָס ער האָט געשאַפען און וואָס זיינען איהם נויטיג, וועט אזא מענש ארויסרופען געגען זיך דעם צאָרן פון אַלע אַנדערע מענשען, וואָס געפינען זיך אין אַזעלכע פערהעלטניסע, און עס וועט איהם קוים לוינען אזוי צו האַנדלען. ווען אָבער דער מענש איז אזוי פערדאָרבען, דאָס ער וועט עס דאָך טהאָן, אזא מענש וועט עס טהאָן און נאָך מיט פיעל מעהר זיכערהייט ביי די שטרענגסטע בעשיצונג פון אייגענטהום דורך די רעגיערונגס־געוואַלט.

געוועהנליך זאָגט מען: פּרובירט נאָר פערניכטען דאָס רעכט אויף אייגענטהום פון לאַנד און ארבייטס־פּראָדוקטען — און קיינער וועט ניט וועלען ארבייטען, ווייל קיינער וועט ניט זיין זיכער, אז מען וועט ניט אוועקנעהמען פון איהם דאָס, וואָס ער ארבייט אויס. זאָגען אָבער דאַרף מען פּונקט פערקעהרט: די בעשיצונג דורך די רעגיערונגס־געוואַלט פון ניט רעכטמעסיגעם אייגענטהום, וועלכע ווערט איצט פּראַקטיצירט, אויב זי האָט נאָך געגצליך ניט פערניכטעט, האָט זי אָבער שטאַרק אָבגעשוואַכט אין דעם מענשען דעם נאַטירליכען בעוואוסטזיין פון גערעכטיגקייט אין שייכות צו דעם געברויך פון זאכען, ד. ה., דעם נאַטירליכען און אַנגעבאָרענעם רעכט פון אייגענטהום, אָהן וועלכען די מענשהייט וואָלט ניט געקאָנט לעבען, און וועלכע האָט אימער עקזיסטירט און עקזיסטירט אויך איצט אין דער געזעלשאַפט.

דאַרום איז קיין גרונד ניטאָ צו רעכענען, אז אָהן אָרגאַניזירטע געוואַלד וועלען מענשען ניט זיין אימשטאַנד איינצואָרדנען זייער אייגענעם לעבען.

פיערצעהנטער קאפיטעל.

ווי ווערט מען פטור פון רעגיערונג?

עס איז פיליכט בעגרייפליך, ווען מען זאגט, אז פערד און אקסען מוזען זיך לאזען פיהרען פון די קליגערע בעשעפעניסען, פון מענשען. אבער וואָרום זאָלען מענשען ניט קענען לעבען אהן די געוועלטיגונג איבער זיי — ניט פון העכערע וועזענס — נאָר פון פונקט אזעלכע בעשעפעניסע, ווי זיי אליין זיינען? וואו איז דער בעוויין, אז די הערשער, די געוועלטיגער, זיינען קליגער פאר די, וועמעס פרייהייט ווערט פערגעוואלדיגט?

דער פאקט, דאָס אייניגע ערלויבען זיך צו פערגעוואלדיגען די פרייהייט פון די אנדערע בעווייזט, אז זיי זיינען פיעל וועניגער קלוג, ווי די וועלכע זיינען אונטערטהעניג צו זיי. די כינעזישע עקזאמענס אויף די שטעלע פון א מאנדארין זיינען נאָך ניט קיין גאראנטיע, ווי מיר וויסען עס, דאָס די מאכט זאָל זיך געפינען אין די הענד פון קליגערע און בעסערע מענשען. פונקט אזוי וועניג פערזיכערט אונז אין דעם די פערערבונגס־סיסטעם, אָדער די גאנצע מאשינעריע, ווי טשינאָווניקעס ווערען געמאכט אָדער זאָגאר די וואהל־סיסטעמע, ווי זי ווערט פראק־טיצירט אין די קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער. אומגעקעהרט, עס זיינען אימער די וועניגער געוויסענהאפטע, די וועניגער עהרליכע, וואָס פערכאפען די מאכט.

מען זאָגט, ווי קענען מענשען לעבען אָהן רעגיערונגען, ד. ה., אהן געוואלד? זאָגען דארף מען גאנץ אנדערש: ווי קענען מענ־שען, פערנינפטיגע בעשעפעניסע, לעבען, אנערקענענדיג אלס די אינערליכע פרוזשינע פון זייער לעבען געוואלד, און ניט א פער־נינפטיגע איינפערשטענדניס?

איינס פון די ביידע: די מענשען זיינען אָדער פערנינפטיגע

אָדער אונפּערנינפטיגע ווערנינפטיגע ווערנינפטיגע ווערנינפטיגע ווענגס. זיינען זיי אונפּערנינפטיגע וועזענס, זיינען זיי עס דאָך אַלע, און דאַן ווערט אַלעס ביי זיי געמאַכט דורך געוואַלד, און עס איז קיין אורזאַכע ניטאָ, דאָס אייניגע זאָלען יע האָבען דאָס רעכט צו פערגעוואַלדיגען און אַנדערע ניט. די געוואַלד פון דער רעגיערונג האָט דאַן קיין רעכטפערטיגונג ניט; ווען אָבער די מענשען זיינען פערנינפטיגע וועזענס, מוז זייער שייכות צווישען זיך זיין געגרינדעט אויף די פערנונפט, און ניט אויף די געוואַלד פון מענשען, וואָס האָבען דורך אַ צופאַל אַריינגעכאַפּט די מאַכט. און דעריבער האָט וויעדער אין דיזען פאַל די געוואַלד פון דער רעגיערונג קיין רעכטפערטיגונג.

אָבער ווי פערניכטעט מען רעגיערונגען?

אַלערליי פערזוכע צו פערניכטען די רעגיערונגען דורך געוואַלד, האָבען נור געפיהרט דערצו, דאָס אויף דעם פּלאַץ פון די אומגעשטירצטע רעגיערונגען האָבען זיך געגרינדעט אימער נייע, אָפט נאָך מעהר גרויזאַמע, ווי די, וועמעס פּלאַץ זיי האָבען פערנומען.

און אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין. געוואַלד ווערט געברויכט פון אייניגע מענשען איבער אַנדערע (אויסער אין די מינוטען פון צאָרן און ראַכע) נור מיט דעם צוועק, אום צו צווינגען אייניגע מענשען צו ערפילען דעם ווילען פון אַנדערע געגען זייער וואונש. און דער מ ו ז צו האַנדלען, ווי יענער וויל, געגען דעם אייגענעם ווילען, איז דאָך שקלאַפעריי. און דאַרום אַזוי לאַנג, ווי עס וועט זיין אירגענד וועלכע געוואַלד, וואָס זאָל צווינגען מענשען צו האַנדלען געגען זייער ווילען, וועט זיין שקלאַפעריי.

אַלערליי פּראָבען צו פערניכטען שקלאַפעריי דורך געוואַלד זיינען ענליך צו דעם לעשען פון פייער מיט פייער, צו די אָבהאַלטונג פון וואַסער מיט וואַסער, אָדער צו פערשיטען איין גרוב מיט ערד, אויסגעגראָבען פון אַ צווייטע.

און דאַרום איז דער מיטעל צו בעפרייען זיך פון שקלאַ־פעריי — אויב אַזעלכער איז נאָר דאָ — ניט צו מאַכען אַ נייע געוואַלד, נור צו פערניכטען דאָס, וואָס גיט די רעגיערונג אַ מעגליכקייט צו געברויכען געוואַלד. און די מעגליכקייט פון דער

רעגיערונג צו געברויכען געוואַלד בעשטעהט אין דעם, דאָס זי האָט אַ קליינע צאָהל בעוואָפענטע מענשען, ווערענד די גרויסע צאָהל איז אָהן וואָפען, אָדער די קליינע צאָהל איז בעסער בעוואָפענט, ווי די גרויסע.

אין די אַמאָליגע אַלטע צייטען האָבען די קריעגס־מענשען מיט זייערע פיהרער אָנגעפאַלען אויף שוצלאָזע מענשען, האָבען זיי געמאַכט זיך אונטערטהעניג, פריהער בעראַבעווענדיג זיי, און אַלע, לויט זייער אַרבייט, זייער מוטה, זייער גרויזאַמקייט האָבען זיך געטהיילט מיט דאָס אָנגעראַבירטע. פאַר יעדען בלוט־פערגיסער איז דאַן געווען בעשיינפערליך, דאָס די בעגאַנגענע געוואַלד בעצאָהלט זיך איהם. איצט אָבער געהען די בעוואָפענטע מענשען, מייסטענס, גענומען פון די אַרבייטער, אויף שוצלאָזע מענשען, סטרייקער, בונטאָווטשיקעס, אָדער איינוואוינער פון פרעמדע לענדער — בעזיעגען זיי, רויבען פון זיי אַלעס וואָס זיי האָבען, און דאָס אַלעס טהוען זיי ניט פאַר זיך, נאָר פאַר מענשען, וואָס האָבען גאָר קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דיעזע איידעלע אַרבייט.

דער אונטערשיעד צווישען די קריעג־פיהרער פון אַמאָל און די רעגיערונגען פון איצט בעשטעהט נור אין דעם, דאָס אַמאָל זיינען די קריעגס־פיהרער זעלבסט בעפאַלען מיט זייערע מיט־העלפער הילפלאָזע מענשען און האָבען אַליין אויסגעפיהרט אַלערליי גרויזאַמקייטען איבער די, וואָס האָבען ניט געלאָזען זיך אַזוי גיך פערשקלאַפען. די רעגיערונגען פון איצט מוטשען און מאָרדען אַליין קיינעם ניט, נור זיי צווינגען דאָס צו טהאָן די בעשווינדעלטע און ספּעציעל צו דיעזען צוועק פערברוטאַליזירטע מענשען, גענומען פון דעם זעלבען פאָלק, איבער וועלכען זיי בעגעהען אַלערליי געוואַלד־טהאַטען. זאָ דאָס די פריהערדיגע געוואַלד איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך פערזענליכע אָנ־שטרענגונג: דורך כוואַטסטוואָ, גרויזאַמקייט, שנעלקייט פון די קריעגס־פיהרער זעלבסט. די יעצטיגע געוואַלד אָבער ווערט אויס־געפיהרט דורך בעטרוג.

און דאַרום, ווען פריהער, אום לויז צו ווערען פון די געוואַלד פון די בעוואָפענטע מענשען, איז נויטווענדיג געווען זיך צו

בעוואפענען און געגענשטעלען א בעוואפענטע מחנה, איז איצט, ווען דאס פאלק ווערט ניט פערשקלאפט דורך דירעקטע געוואלד, נור דורך שווינדעל און בעטרוג, אום צו פערניכטען די געוואלד, נור נויטיג די בלויז־שטעלונג, די אויפדעקונג פון דעם שווינדעל, וועלכער גיט די מעגליכקייט א קליינע צאהל פון מענשען צו פערגעוואלדיגען די גרעסערע צאהל.

דער שווינדעל, דורך וועלכען דאס ווערט געמאכט, בע־שטעהט אין דעם, דאס די קליינע צאהל הערשער, וואס האבען געקראגען זייער מאכט פון די פארגענגער, זאגען צו די מעהר־צאהל: איהר זייט פיעל, איהר זייט נאריש, איהר זייט אונגע־בילדעט, איהר קענט ניט איינארדנען אייערע עפענטליכע אנגע־לעגענהייטען, און דארום נעהמען מיר אויף זיך דיעזע זארג: מיר וועלען אייך בעשיצען פון די אויסערליכע שונאים, מיר וועלען אויפפאסען, דאס צווישען אייך אליין זאל הערשען ארדנונג, מיר וועלען איינפיהרען ביי אייך געזעצע, ריכטער, שולען, גאסען, פאטשטען און איבערהויפט זארגען פאר אייער גליק; און פאר דאס אלעס דארפט איהר נור נאכגעבען די קליינע פאדערונגען וועלכע מיר וועלען אייך ערקלעהרען, און צווישען אנדערע זאכען אויך אוועקגעבען אין אונזער פאלמאכט א ניט גרויסען טהייל פון דעם, וואס איהר פערדיענט, און אליין ווערען סאלדאטען אין די ארמעען, וועלכע זיינען נויטיג פאר אייער אייגענע זיכערהייט.

און די מענשען ווערען מרוצה אויף דעם, ניט ווייל זיי האבען זיך איבערלעגט, אויב עס לוינט זיי צי ניט (דאס האבען זיי קיינמאל ניט די מעגליכקייט צו טהאן), נור, ווייל, ווי זיי ווערען געבארען, געפינען זיי זיך שוין אין דיעזע פערהעלטניסע. און ווען עס שטייגען אמאל אויף אין מענשען צווייפעל איבער דעם, אויב עס דארף אזוי זיין, האט יעדער, דענקענדיג נור פון זיך, מורא צו ליידען ווען ער זאל זיך ענטזאגען פון דיעזע פער־העלטניסע, יעדער האפט צו בענוצען זיך מיט דיעזע פערהעלט־ניסע פאר זיין אייגענע וויגאדע און אלע ווערען מרוצה, רעכע־נענדיג, דאס דער אוועקגעבען פון א קליינעם טהייל פון די פערדיענסטען צו דער רעגיערונג און זיין איניגע יאהר א סאל־

דאט קען ניט שטאַרק שאַדען זיין לעבען, און דערווייל, ווי נאָר דאָס געלד און די סאָלדאַטען זיינען שוין אין די מאַכט פון די רעגיערונגען, טהוען די רעגיערונגען, וואָס זיי ווילען. ניט זיי בעשיצען זייערע אונטערטהאַנען פון אירגענד וועלכע אויסער־ליכע פיינד, ניט זיי מאַכען אָרדנונג צווישען זייערע אונטער־טהאַנען, נאָר זיי טהוען אַלעס מעגליכע, אום צו דערצאָרנען די נאַכבאַר־פעלקער, אום אָנצופיהרען מלחמות, און ניט נאָר וואָס זיי העלפען ניט זייערע אונטערטהאַנען צו פיהרען אַ גליקלי־כערען לעבען, נאָר זיי רואינירען און פעראונגליקען זיי קערפער־ליך און מאָראַליש.

אין טויזענד און איין נאַכט ווערט דערצעהלט אַ מעשה, ווי אַ רייזענדער, אָנקומענדיג אויף אַן אונבעקאַנטען אינזעל, גע־פינט אויפ׳ן ברעג פון טייך אַן אַלטיטשקען מיט אויסגעטרי־קענטע פיס, זיצענדיג אויף דער ערד. דער אַלטיטשקער בעט דעם רייזענדען אריבערצוטראָגען איהם איבער׳ן טייך אויף די פלייצעס. דער רייזענדער ווערט מרוצה. אָבער אזוי שנעל, ווי דער אַלטער זיצט ביי דעם רייזענדען אויף די פלייצעס, דרעהט ער זיך אַרום מיט די פיס איבער׳ן האַלז, און לאָזט איהם ניט ארויס.

ער טהוט דאַן מיט דעם רייזענדען, וואָס ער וויל: ער טרייבט איהם, ווי מען טרייבט אַ פערד; ער רייסט אָב די פרוכט פון די בוימער, עסט זיי אַליין, גאָר ניט געבענדיג דעם, וואָס טראָגט איהם, און נאָך אויף פיעלע אַנדערע אופנים מאַכט ער חוזק און טהוט אָן געברענטע צרות דעם, וואָס טראָגט איהם.

דאָס זעלבע פּאַסירט מיט די פעלקער, וואָס האָבען געגע־בען זייערע רעגיערונגען סאָלדאַטען און געלד. פאַר דאָס געלד קויפען די רעגיערונגען געוועהר און זיי דינגען אָדער פערפער־טיגען דורך ערציהונג אונפעראַנטוואָרטליכע, פערברוטאַליזירטע קריעגס־פיהרער. דיזע פיהרער מאַכען פון די מענשען, וואָס מען האָט גענומען פאַר סאָלדאַטען, אַ דיסציפּלינירטע ארמיי. די דיסציפּלינע בעשטעהט אין דעם, דאָס די מענשען, וואָס קו־מען אָן אויף דיזע לעהרע, און וועלכע האָבען איהר שוין אַ בי־סעל דורכגעמאַכט, פערלירען גענצליך אַלעס, וואָס איז דאָס

טהייערסטע פאר'ן מענשען, — די הויפּט־מעלה פון מענשען — זיין פרייהייט און ווערען אונטערטהעניגע, מאשין־עהנליכע מאָרד־געוועהר אין די הענד פון זייערע נאַטשאַלניקעס.

ניט אומזיסט האַלטען אַלע קעניגע, אימפּעראַטאָרען, פּרעזידענטען די דיסציפּלינע אַזוי טהייער; זיי שרעקען זיך פאר איהר אָבשאַפונג און האַלטען פאר די וויכטיגסטע זאַך: סמאָטרעס, מאַנעווערען, פּאַראַדען, מאַרשען און עהנליכע נאַרישקייטען. זיי ווייסען, אַז דאָס אַלעס האַלט אויף די דיסציפּלינע, און אויף די דיסציפּלינע איז ניט נאָר געגרינדעט זייער הערשאַפט, נור אויך זייער עקזיסטענץ. א דיסציפּלינירטע ארמיי איז דער מיטעל, מיט די הילפע פון וועלכען זיי (די רעגיערונגען) קענען אויספיהרען מיט פרעמדע הענד די גרעסטע פערברעכענס, דורך וועלכע זיי מאַכען די פעלקער אונטערטהעניג.

אָט אין דיעזע דיסציפּלינירטע ארמעע ליעגט דער גאַנצער שווינדעל, דורך וועלכען די רעגיערונגען פון דער נייער צייט הערשען איבער די פעלקער. ווען אין דער מאַכט פון די רעגיערונגען געפינט זיך דיזער ווילענלאָזער ווערקצייג פון געוואַלד און מאָרד, מוז דער גאַנצער פאָלק זיין אין זייער מאַכט; זיי לאָזען איהם שוין ניט ארויס, און ניט נור, וואָס זיי רואינירען איהם, נור זיי מאַכען נאָך פון איהם חוזק, איינרעדענדיג איהם דורך א פאַלשע רעליגיעזע און פאַטריאָטישע ערציהונג, דאָס ער דאַרף זיין ערגעבען, געטריי און פול מיט אכטונג צו דיזעלבע מענשען, וועלכע האַלטען דאָס גאַנצע פאָלק אין שקלאַפעריי און קוועלען איהם.

פונקט אַזוי האָט געהאַנדעלט דער שרעקליכער אַלטינקער, וואָס איז געזעסען אויפ'ן רייזענדען: ער האָט פון איהם חוזק געמאַכט, וויסענדיג, דאָס אַזוי לאַנג ווי ער זיצט ביי איהם אויפ'ן האַלז, איז דער רייזענדער געפאַנגען אין זיין געוואַלד.

און דארום איז דער איינציגער מיטעל אָבצושאַפען רעגיערונגען ניט קיין געוואַלד, נור די בלויז־שטעלונג פון דעם שווינדעל. עס איז נויטיג, אַז די מענשען זאָלען, ערשטענס, פערשטעהען, דאָס איצט איז ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט, אַז די

פעלקער זאָלען זיך פערטהיידיגען איינער געגען צווייטען, דאָס אַלע פיינדשאַפטען פון די פעלקער צווישען זיך ווערען נור ארויסגערופען פון די רעגיערונגען זעלבסט און די ארמייען דארף מען נור פאר די קליינע צאָהל מאַכטהאָבער און הערשער, אָבער פאר די פעלקער זיינען זיי ניט נור ניט נויטיג, נור אין העכסטען גראד שלעכט, ווייל זיי דיענען, אלס א ווערקצייג פאר די פער־שקלאַפונג פון די מענשען.

צווייטענס איז נויטיג, דאָס מענשען זאָלען פערשטעהן, אז די דיסציפלינע, וועלכע ווערט געשעצט פון די רעגיערונגען אזוי הויך, איז דער גרעסטער פערברעכען, וואָס א מענש קען בעגעהן, און וועלכער איז א קלאָרער בעווייז פאר די פערברעכערישע צוועקען פון די רעגיערונגען. דיסציפלינע מיינט די פערניכ־טונג פון דעם פערשטאנד און פרייהייט אין דעם מענשען און זי קען ניט האָבען קיין אַנדער צוועק, ווי נור די פערפערטיגונג צו די אויספיהרונג פון אזעלכע פערברעכענס, צו וועלכע קיין מענש איז ניט פעהיג אין א נאָרמאַלען צושטאנד. פאר א פאָלקס־קאמפף, אום זיך צו פערטהיידיגען — ווי דאָס האָט ניט לאנג בעוויזען דער העלדישער קאמפף פון די בורען — איז זי ניט נויטיג. די דיסציפלינע דארף מען נור האָבען צו דאָס, פאר וואָס עס האָט איהר בעשטימט ניט לאנג ווילהעלם דער צווייטער, פאר די אויספיהרונג פון די גרעסטע פערברעכענס — ברודער־און פאָטער־מאָרד.

אָט דיזער שרעקליכער שווינדעל דארף אויפגעדעקט ווערען, כדי עס זאָל זיין מעגליך צו מאכען א סוף צו רעגיערונג און צו די שקלאַפעריי, וועלכע שטאמט פון איהם.

א דייטשער שרייבער יעוועגני שמידט, וואָס האָט אין בו־דאפעסט ארויסגעגעבען א צייטונג „אָהן שטאאט“, האָט אין איהר אָבגעדרוקט א ריכטיגען און מוטהיגען — ניט נור נאָכ׳ן אויסדרוק, נור אויך אין זיין גדאנק — ארטיקעל, אין וועלכען ער ערקלעהרט, דאָס די רעגיערונגען. רעכטפערטיגענדיג זייער עקזיסטענץ דערמיט, וואָס זיי פערזיכערען זייערע אונטערטהא־נען א געוויסע סאָרט זיכערהייט, אונטערשיידען זיי זיך מיט גאָר־ניט פון א געוויסען ראזבאָיניק, וועלכער האָט געמאכט

צאָהלען אַ געוויסען צינז די אַלע, וואָס האָבען געוואָלט רייזען אונגעשטערט. שמידט איז דער פאַר געריכטליך פּראָצעסירט געוואָרען, אָבער די דזשורי האָט איהם בעפרייט.

מיר זיינען אזוי פערהיפּנאָטיזירט פון די רעגיערונגען, דאָס אזא פערגלייך שיינט אונז צו זיין אן איבערטרייבונג, אַ שפּאַס, און דאָך איז עס ניט נור קיין שפּאַס, נור דיזער פערגלייך איז ניט ריכטיג, ווייל די טהעטיגקייט פון די רעגיערונגען איז פיעל מאָל אונמענשליכער, און הויפּטזעכליך געפעהרליכער, ווי די טהעטיגקייט פון דעם ראזבאָיניק.

דער ראזבאָיניק האָט הויפּטזעכליך געמאכט צאָהלען די רייכע; די רעגיערונגען נעהמען אָבער מייסטענס פון די אָרימע, און בעשיצען די רייכע, וועלכע העלפען זיי אין זייערע פערברע־כענס. דער ראזבאָיניק ריזיקירט מיט זיין אייגענעם לעבען, און די רעגיערונגען ריזיקירען מיט גאָר־ניט, בויענדיג זייער געוואַלד־מאכט אויף ליגען און שווינדעל; דער ראזבאָיניק נעהמט קיי־נעם ניט אריין מיט געוואַלד אין זיין באַנדע; די רעגיערונגען נעהמען זייערע סאָלדאַטען מייסטענס מיט געוואַלד. ביי דעם ראזבאָיניק האָבען די אַלע, וואָס האָבען איהם געצאָהלט, גע־קראָגען דיזעלבע מאָס פון זיכערהייט; ביי די רעגיערונגען אָבער, ווער עס העלפט זיי אין זייער שווינדעל, ווערט בעסער פערזי־כערט און בעסער בעלוינט. מעהר פון אלע ווערט געהיט דער אימפּעראַטאָר, דער קעניג, דער פּרעזידענט, און מעהר פון אלע גיט ער אוים דאָס געלד, וואָס איז גענומען געוואָרען פון די גע־טעקסטע אונטערטהאַנען. דאַן קומען די פעלד־מארשאַלען, מי־ניסטאָרען, גובערנאַטאָרס, פּאָליציי ביז צום שטאָדט־וועכטער, וועלכער קריעגט די קלענסטע געהאַלט. דער אָבער, וועלכער האָט גאָר קיין חלק ניט אין די פּערברעכענס פון די רעגיערונג, ניט ווילענדיג וויסען פון דיענען, פון טעקסעס, פון געריכט, דער ווערט פערגעוואַלדיגט פּונקט ווי פון אַ ראזבאָיניק. דער ראז־באָיניק פערדארבט ניט די מענשען ווילענדיג, איבערלייגט — די רעגיערונגען אָבער, אום צו דערגרייכען זייערע צוועקען, פּער־דארבען דעם גייסט און געוויסען פון גאנצע דורות פון קינדער און ערוואַקסענע מיט פאַלשע רעליגיעזע און פּאטריאָטישע לעה־

רען. די הויפּט־זאַך איז אָבער, דאָס דער גרויזאַמסטער ראַז־באָיניק קען ניט דערגרייכען דעם גראַד פון גרויזאַמקייט און פערדאָרבענהייט פון אונזערע הערשער.

צו רעגיערונגען, ווי צו די קירכען, קען מען זיך אַנדערש ניט צוטראָגען ווי אָדער מיט אַ הייליגען פורכט אָדער מיט עקעל. ביז דער מענש האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַ רעגיע־רונג, וואָס דאָס איז אַ קירכע, קען ער ניט פיהלען, ווי נור אַכ־טונג פאַר זיי. ביז ער לאָזט זיך פיהרען פון זיי, מוז ער, צוליעב זיין זעלבסט־ליעבע, דענקען, אַז דאָס, פון וואָס ער לאָזט זיך פיהרען, איז עטוואָס גרויסעס, הייליגעס, וויכטיגעס. אָבער, ווי ער האָט נור פערשטאַנען, אַז דאָס אַלעס איז נור אַ גרויסער שווינדעל, קען ער ניט פיהלען צו דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר גרויס און גוט, קיין אַנדער זאַך, ווי נור עקעל און האַס. און דאָס גרעסער איז זיין האַס צו זיי, וואָס מעהר ער האָט די רעגיערונג און קירכע געהאַלטען פאַר גוט און ערהאַבען.

אָט דיזען געפיהל פון עקעל און האַס הויבען אַלץ אָן מעהר און מעהר מענשען צו דערשפּירען. די צייט, ווען מען האָט גע־האַלטען דיזע פערברעכערישע אינסטיטוציאָנען פאַר עטוואָס גו־טעס, אונגעאַכטעט אויף דעם היפּנאָטיזירענדען איינפלוס, וואָס די רעגיערונגען געברויכען, אום צו בלייבען ביי זייער מאַכט, געהט אַלץ מעהר און מעהר אַוועק. און עס איז שוין צייט, אַז מענשען זאָלען פערשטעהן, דאָס די רעגיערונגען זיינען ניט נור ניט נויטהיג, נור זיי זיינען געפעהרליכע און העכסט פערדאָר־בענע אינסטיטוציאָנען, אין וועלכע אַן עהרליכער מענש, אַ מענש, וואָס אַכטעט זיך זעלבסט, קען ניט און טאָר ניט אַנ־טהייל נעהמען, און מיט די ווינגאָדעס פון וועלכע ער דאַרף ניט און טאָר זיך ניט בענוצען.

און אַזוי שנעל, ווי מענשען וועלען דאָס קלאָר פערשטעהען, וועלען זיי, נאַטירליך, אויפהערען נעהמען אַנטהייל אין יענע זאַכען, ד"ה, געבען די רעגיערונגען סאָלדאַטען און געלד. און ווי נור די מעהרצאָהל מענשען וועט עס אויפהערען צו טהאָן, וועט פון זיך אַליין אָבגעשאַפט ווערען דער שווינדעל, וואָס פער־שקלאַפט די מענשען.

רעליגיאָן —
דער קוואַל פון אַלע צרות

רעליגיאָן—דער קוואַל פון אַלע צרות

.1

אין מיטען פעלד שטעהט א פאבריק, וואו עס ווערט אייזען געגאָסען. אויף דיעזע פאבריק און אין זיינע מינען ארבייטען מענשען, אייניגע שלאָגען ארוים די רודע אויף הונדערט ארשין אונטער דער ערד אין פינסטערע, שמאָלע, שטיקענדע, פייכטע, אייביג מיט׳ן טויט סטראַשענדע, דורכגענגע. אַנדערע, אין דער פינסטער, איינגעבויגען אין דרייען, פיהרען אַוועק דיעזע אייזען אין קליינע וועגעלעך, קומען באלד מיט זיי צוריק פוסמע, און פילען זיי ווידער אָן. אזוי אַרבייטען זיי 12, 14 שטונדען א טאָג.

אזוי אַרבייט מען אין די מינען. אין סאַמע פאבריק אַרביי־טען אייניגע ביי די אויוועגס ביי א דערשטיקענדער היץ, אַנדערע ביי דעם אַראָבלאָזען פון דעם צושמאָלצענעם אייזען, די דריטע — מאשיניסטען, שלאָסערס, מולארעס — אַרבייטען צוועלף, פערצעהן שטונדען א טאָג די גאַנצע וואָך.

זונטאָג קריגען דיעזע מענשען בעצאָהלט. און אָבוואַשענדיג זיך, און אמאָל גאָר אונגעוואַשען, שכור׳ען זיי זיך אָן אין די שיינקען, וועלכע זיינען פון אַלע זייטען אַרום די פאבריק און נאַרען אַריין צו זיך די אַרבייטער. מאָנטאָג גאַנץ פריה זיינען שוין אַלע ווידער ביי דער אַרבייט.

דאָ, אַרום די פאבריק, אַקערען מוזשיקעס מיט אויסגעמו־טשעטע, אויסגעמאָגערטע פערדלעך, א פרעמדע פעלד. דיעזע בויערען זיינען אויפגעשטאַנען א בלאַסק אויף טאָג, אויב זיי האָבען ניט פערבראַכט די גאַנצע נאַכט ביי דער בלאָטע — דער איינצי־גער פלאַץ, וואו זיי קענען קריגען עטוואָס פאַשע פאַר׳ן פערד — זיי זיינען אויפגעשטאַנעו גאַנץ פריה, זיינען געקומען אַהיים,

האָבען איינגעשפּאַנט דעם פערד און אַ כאַפּ טהוענדיג אַ שטיק ברויט, זיינען זיי אוועקגעפאָהרען צו אַקערען אַ פרעמדע פעלד.

אַנדערע בויערען, אויך ניט ווייט פון פאַבריק, זיצען אויף דעם שאָסעע און ברעכען שטיינער. די פיס ביי די מענשען זיינען צוקלאַפּט, זייערע הענד זיינען אין וואונדען, דער גאַנצער קערפּער איז בלאָטיג, און ניט נאָר דאָס געזיכט, די האָר און באָרד, נור אויך זייערע לונגען זיינען אָנגעפּילט מיט דעם שטיין שטויב.

נעהמענדיג פון די הורבע גרויסע שטיינער איין גרויסען שטיין, אוועקלעגענדיג איהם צווישען זייערע פיס, וואָס זיינען איינגעוויקעלט אין שמאַטעס, שלאָגען דיעזע מענשען איבער'ן שטיין מיט אַ גרויסען האַמער ביז דער שטיין ווערט צושפּאָלטען; דאַן נעהמען זיי די צושפּאָלטענע שטיקער און קלאַפּען אַזוי לאַנג ביז זיי ווערען ניט צוהאַקט אין גאַנץ קליינע שטיקלעך. און ווידער נעהמען זיי גאַנצע שטיינער און ווידער דאָס זעלבע. אַזוי אַרבייטען דיעזע מענשען פון גאַנץ אין דער פריה ביז ביי נאַכט, פופצעהן, זעכצעהן שטונדען, אָברוהענדיג נור אַ שטונדע צוויי נאָכמיטאָג, און צוויי מאָל פאַר דיעזער צייט האַלטען זיי אויף זייערע כחות מיט ברויט און וואַסער.

אַזוי לעבען דיעזע מענשען, ווי אין די מינען, אַזוי אויפ'ן פאַבריק, ווי די פעלד־אַרבייטער, אַזוי די שטיין־האַקער פון זייערע יונגע יאָהרען ביז אויף דער עלטער: אַזוי לעבען, שווער האָרעווענדיג, זייערע פרויען און מוטערס, ליידענדיג פון אַלערליי קראַנקהייטען, און אַזוי לעבען זייערע טאַטעס און קינדער אייביג ניט דערעסען, אייביג האַלב־נאַקעט, אַרבייטענדיג איבער זייערע כחות פון פריהמאָרגען ביז ביי נאַכט, פון דער יוגענד ביז אויף דער עלטער.

און אָט לעבען פאַבריק, פערביי די שטיין־קלאַפּער, פערביי די אַקערענדע מוזשיקעס, בעגעגענענדיג און איבעריאָגענדיג די אָבגעריסענע מענער און פרויען מיט טאָרבעס, וואָס וואַנדערען פון אָרט צו אָרט און לעבען פון בעטעל־ברויט — פאָהרט דורך אַ שעהנע קאָליאַסקע איינגעשפּאַנט מיט פיער פערד, דער ערג־סטער פון וועלכע קאָסט מעהר ווי דער גאַנצער פערמעגען — זיין הויף, זיין הייזעל, זיין פערד און זיין קוה — פון יעדען פון

די מוזשיקעס, וואָס קוועלען גאָר פון דעם אָנבליק אויף דיעזע טהייערע פערדלעך. אין קאַליאַסקע זיצען צוויי פריילינס, בלישטשענדיג מיט די העלע קאָלירען פון זייערע פּאַראַסאָנען, סטיינגעס און פעדערען פון זייערע היט, פון וועלכע יעדע קאָסט פיעל מעהר, ווי דער אָרעמער פערדעל, מיט וועלכען דער מוזשיק אַקערט דאָס פעלד. אין פראָנט זיצט אַן אָפּיצער, וועלכער פער־בלישטשעט די זון מיט זיינע עפּאָלעטען. און אויף די קאָזלען זיצט אַ פעטער קוטשער, אויסגעפּוצט אין סאַמעט און אין זיידען. ער איז שיער ניט איבערגעפאָהרען די אָרעמע בעטלערקעס, און האָט שיער ניט אומגעוואָרפען אַ מוזשיק, וואָס איז פערבייגע־פאָהרען אין אַ ליידיגען וואָגען.

„און דאָס זעהסטו ניט?" שרייט דער קוטשער, ווייזענדיג איהם דעם בייטש דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט אַזוי גיך אָבגעקירעוועט פון וועג. און דער מוזשיק שלעפּט מיט איין האַנד פאַר די לייצע און מיט דער אַנדערער ציהט ער אַראָב די היטעל פון דער לייזיגער קאָפּ. נאָך דער קאָליאַסקע פליהען צוויי יונגע הערען און איין מיידעל אויף בייסיקעלס, זיי לאַכען, זיי פרעהען זיך, איבעריאָגענדיג איינע די אַנדערע און איבערשרע־קענדיג די וואַנדערענדע בעטלער.

עטוואָס אָן אַ זייט פון שאָסע, פאָהרען אויף צוויי טהייערע פערד רייטענדיג אַ הערר און אַ דאַמע. ניט ריידענדיג שוין פון דעם פּרייז פון די פערד, איז די איין שווארצע הוט מיט'ן וואואל קאָסט זיכער צוויי מאָנאַטען ארבייט פון אַ שטיין־קלאַפּער. פאַר דעם בייטשעל, מיט וועלכען ער טהוט אַ פּיק דעם פערד, איז בעצאָהלט געוואָרען אַזוי פיעל, וויפיעל עס קריגט אַ וואָך אַ מינען־ארבייטער. ניט ווייט פון דיעזער גאַנצער קאָמפּאַניע פאָהרען אויף אַ וואָגען אַן אויסגעפּוצטע מיידעל און אַ רויטער דיקער מאַן, מיט אַ פּאַפּיראָס צווישען די צייהן. אין וואָגען זעהט מען אַ סאַמאָוואַר, בינטלעך געבעקס, אייז־קרים און אַזוי ווייטער.

דאָס איז די דיענערשאַפט פון יענע מענשען, וואָס מיר האָבען געזעהן פערבייפאָהרען אין קאָליאַסקע, רייטענדיג אויף פערד און אויף די בייסיקלעך. דער היינטיגער טאָג איז פאַר זיי גאָר ניט קיין אויסנאַהמע. זיי לעבען אַזוי כמעט דעם גאַנצען

זומער, און כמעט יעדעז טאָג מאַכען זיי זיך שפּאַצירפּאַרטען — און אָפּט, ווי היינט — מיט טהעע, מיט געטרענקע, כדי ניט צו עסען און טרינקען אַליין אין איין און דעם זעלבען, נור אין עפּעס אַ נייעם פּלאַץ. דיעזע מענשען געהערען צו די דריי רייכסטע פאַמיליען, וואָס לעבען אין דאָרף. איין פאַמיליע איז פון דעם פאַמיעשציק, וואָס פערמאָגט צוויי טויזענד דעסיאַטינעס לאַנד, די צווייטע פון דעם טשינאָווניק, וואָס קריגט דריי טויזענד רובעל יעהרליך געהאַלט, די דריטע — די רייכסטע פון זיי — איז די פאַמיליע פון דעם פאַבריקאַנט.

דיעזע אַלע מענשען זיינען גאָר ניט ערשטוינט אָדער גע־ריהרט פון דעם אָנבליק פון די אָרעמקייט און קאַטאָרזשנע אַרבייט, וואָס איז אַרום זיי. זיי רעכענען, אַז דאָס דאַרף אַזוי זיין. זיי זיינען גאָר בעשעפטיגט מיט עטוואָס אַנדערעס.

„ניין, דאָס טאָר מען ניט", זאָגט די רייטענדע דאַמע, אַרומ־קוקענדיג זיך אויף איהר שעהנעם הינטעל, וואָס לויפט נאָך — „איך קען עס ניט צוזעהן."

2.

פאַר וואָס זשע איז עס אַזוי? האָבען דיעזע אַרבייטער בע־גאַנגען וועלכען עס איז גרויסען פערברעכען, דאָס מען בעשטראָפט זיי אַזוי גרויזאַם? אָדער איז עס פּילייכט גאָר דער מזל פון אַלע מענשען? אָבער דאָן, וואָס איז וועגען די, וואָס זיינען נאָר־וואָס פערבייגעפאָהרען אין זייערע קאַרעטען, אויף זייערע בייסיקלעך — האָבען זיי געטהאָן אָדער טהוען נאָך איצט עטוואָס ניצליכעס, וואָס זיי ווערען אַזוי שעהן בעלוינט? הויבט זיך גאָר ניט אָן! עס איז גאָר קאַפּויר די מעשה; די וועלכע אַרבייטען אַזוי שווער, אַזוי אָנגעשטרענגט, זיינען מייסטענטהיילס זיטליכע, שפּאַרזאַמע, עניות'דיגע, אַרבייטזאַמע מענשען. יענע אָבער, וואָס זיינען נאָר־וואָס פערבייגעפאָהרען אין אַזאַ לוקסוס און פּראַכט, זיינען מייסטענטהיילס פערדאָרבענע, בעגעהרליכע, חוצפּה'דיגע שאַרלאַטאַנעס! דאָס אַלעס איז נור אַזוי דאַרום, ווייל אַזאַ לעבענס־אָרדנונג ווערט בעטראַכט פון אונז אַלס עטוואָס גאַנץ נאַטירליכעס!

אזא אָרדנונג עקזיסטירט ניט נור אין א געוויסען ווינקעל פון א געוויסע גובערניע, נור איבעראל — ניט נור אין רוסלאנד, פון פעטערבורג ביז באטום, נור אויך אין פראנקרייך, פון פאריז ביז אָווערן, אין איטאליען, פון רוים ביז פאלערמאָ, אין דייטשלאנד, אין שפאניען, אין אמעריקא, אין אויסטראליען און אפילו אין אינדיען און כינא.

איבעראל לעבען צוויי דריי מענשען אויף יעדע טויזענד אויף אזא אופן, דאָס גאָר ניט טהוענדיג פאר זיך, עסען זיי אויף און טרינקען אוים אין איין טאָג אזי פיעל, וויפיעל עס וואָלט געווען גענוג זאט צו מאכען הונדערטע פון מענשען פאר א גאנץ יאָהר; זיי טראָגען אויף זיך קליידער, וואָס קאָסטען טויזענדער, זיי לעבען אין פאלאצען, וועלכע וואָלטען געהאט פלאץ גענוג פאר טויזענדע ארבייטער; גיבען אוים אויף זייערע תאוות טויזענדער, מיליאָנען ארבייטס־טעג. די אנדערע אָבער, ניט דער־עסענדיג און ניט דערשלאָפענדיג, ארבייטען איבער די קרעפטען און מאכען חרוב זייער קערפערליכע און גייסטיגע געזונדהייט פאר די עטליכע אויסערוועהלטע.

פאר אייניגע מענשען, ווי זיי קלייבען זיך נור צו געבאָרען ווערען, רופט מען אן אקושאָרין, א דאָקטאָר, אמאָל גאנצע צוויי פאר איין געווינערין, מען גרייט אָן טהייערע העמדלעך, ווינ־דעלעך מיט זיידענע בענדער, מען גרייט אָן שלאָף־וועגעלעך אויף פרוזשינעס. די אנדערע אָבער — דער גרעסטער טהייל — האָבען זייערע קינדער וואו און ווי עס טרעפט זיך, גאָר אָהן אימיצענס הילף; וויקלען איין די ערשט־געבאָרענע אין א בינטעל שמאטעס, לעגען זיי אוועק אויף שטרוי און די אונ־גליקליכע מאמעס פרעהען זיך, ווען זייערע קינדער שטארבען אוועק.

אויף די קינדער פון אייניגע, אזוי לאנג ווי די מוטער ליעגט אין בעט ניין טעג, פאסען אויף א באבקע, א ניאנקע און א זויגערין. אויף די אנדערע — פאסט קיינער ניט אויף, ווייל עס איז טאקע ניטאָ ווער; די מוטער אליין שטעהט אויף גלייך נאָכ'ן האָבען, הייצט איין דעם אויוועז, מעלקט אוים די קוה, און אמאָל צואוואשט זי נאָך די וועש פאר זיך, דעם מאן און די קינדער.

איינינע קינדער וואקסען אויף צווישען שפיעל־זאכען, לוס־טיגע און ניצליכע שפיעלערייען, די אנדערע קריכען מיט די היילע בייכער איבער די שוועלען, ווערען צוקיילט און צובייילט, עסען צוזאמען מיט די חזירים, און זייענדיג פינף יאהר אלט, הויבען זיי שוין אן צו ארבייטען.

איינינע לערענט מען די אלע וויסענשאפטליכע לעהרען, וואס פאסען פאר זייער עלטער; די אנדערע לערענט מען צו גלויבען אין די ווילדעסטע דומהייטען.

איינע פערליעבען זיך, פיהרען ראמאנען, און דאן ערשט האָבען זיי חתונה, ווען זיי האָבען שוין אויספּרובירט די אלע פערגעניגענס פון ליעבע; די אנדערע האָבען חתונה מיט די, וואס פאסען פאר די עלטערען, אום צו העלפען אין דער ארבייט פון זעכצעהן ביז צוואנציג יאהר. איינע עסען און טרינקען דאס בעסטע און דאס טהייערסטע, וואס איז נאר דא אויף דער וועלט, פיטערענדיג זייערע הינד מיט וויים־ברויט און פלייש, די אנדערע עסען בלויז ברויט מיט קוואס, און דאס ניט גענוג און ניט קיין פרישען ברויט, אום ניט צו עסען צו פיעל. איינינע, זיך גאר ניט פריהער מאכענדיג שמוציג, בייטען זייערע טהייערע דינע וועש יעדען טאג; אנדערע, אימער טהוענדיג פרעמדע ארבייט, בייטען איבער די גראָבע, די צוריסענע, די לייזיגע וועש איינמאל אין צוויי וואכען, און אמאל בייטען זיי עס גאר ניט איבער; זיי טראגען עס אזוי לאנג, ביז עס ווערט ניט צופאלען אויף זיי. איינע שלאפען אין ריינע לייליכער, אויף פוכענע פערענעס; אנדערע שלאפען אויף דער ערד צודעקענדיג זיך מיט א פאר שמאטעס.

איינע פאהרען אויף זאטע, אויף אויסגעפאשעטע פערד, גאר ניט האבענדיג וואס צו טהאן, אנדערע ארבייטען שווער מיט זייערע דארע פערדלעך און ווען זיי דארפען ווירקליך וואו געהן, געהען זיי צו־פוס. איינע האלטען אין איין טראכטען, וואס זיי זאלען טהאן, אום צו פערברענגען זייער ליידיגע צייט; די אנדערע האָבען קיין צייט ניט זיך אביסעלע אָבפוצען, אָבוואשען, אָברוהען, מיט א וואָרט זיך א־בערצובייטען, צו זעהן זיך מיט פריינד. איינע לעזען אויף פיער שפּראכען, האָבען יעדען טאָג

אנדערע שמחות; אַנדערע קענען גאָר ניט לעזען און ווייסען ניט פון קיין אַנדער געַנוס, ווי זיך אָנצו'שכור'ען. איינע ווייסען אַלעס און גלויבען אין גאָר ניט; די אַנדערע ווייסען גאָר ניט און גלויבען אין יעדען אונזין, וואָס מען וועט זיי זאָגען. איינע, ווען זיי ווערען קראַנק, האָבען די בעסטע אויפפּאַסונג, פאָהרען אין פערשיעדענע בעדער, קלייבען זיך אויס דעם פּלאַץ, קלימאַט, וואָס פּאַסט אַמבעסטען פאַר זייער געזונדהייט; אַנדערע לעגען זיך אַוועק אין דער רויכערדיגער שטוב אויפ'ן אויוועז, מיט ניט דורכגעוואַשענע וואונדען, אָהן אירגענד וועלכע שפּייז, אויסער טרוקענעם ברויט, אין אַ לופט, וואָס איז פערפּעסטעט פון די צעהן מענשען, פון די קעלבער, די שעפּסען — אַזוי פוילען זיי לעבעדיגערהייד און שטאַרבען.

איז עס מעגליך, אַז עס דאַרף טאַקע אַזוי זיין?

אויב עס איז דאָ אַ העכערע פערנונפט און ליעבע, וואָס רעגיערען די וועלט, אויב עס איז דאָ אַ גאָט, האָט ער גאָר ניט געקאָנט וועלען, אַז צווישען מענשען זאָל זיין אַזאַ שרעקליכער אונטערשיעד, דאָס איינע זאָלען ניט ווייסען, וואָס צו טהאָן מיט דעם איבערפלוס פון זייערע רייכטהימער, און זאָלען אָהן אַ זין פערשווענדען די פּראַצע פון אַנדערע מענשען, און דאָס די אַנדערע זאָלען אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט ווערען, שטאַרבען פאַר דער צייט, אָדער זאָלען פיהרען אַ לעבען, וואָס איז פיעל ערגער, ווי דער טויט.

אויב עס איז דאָ אַ גאָט, קען עס ניט און דאַרף עס ניט זיין. ווען עס איז אָבער ניטאָ קיין גאָט, איז דאָך פון דעם איינפאַכסטען מענשליכען שטאַנדפּונקט אַזאַ אָרדנונג, דורך וועלכע דער גרעסטער טהייל מענשען מוז זיך רואינירען, כדי איינינע מענשען זאָלען לעבען אין אַן איבערפלוס, וואָס פערדאַרבט זיי גאָר, איינפאַך אַן אונזין, אַ משוגעת, ווייל אַזאַ אָרדנונג איז פאַר קיינעם ניט בעקוועם.

.3

אָבער פאַר וואָס לעבען אַזוי די מענשען?

עס איז בעגרייפליך, וואָרום די רייכע, וואָס האָבען זיך צוגע־

וואוינט צו זייער רייכטהום, און וואָס זעהען ניט קלאָהר, דאָס רייכטהום גיט ניט קיין גליק, ווענדען אָן אַלע מיטעל צו בלייבען ביי דאָס, וואָס זיי רופען „זייערע“. אָבער וואָרום יענע גרויסע מעהרהייט, אין די הענד פון וועלכע געפינט זיך טאַקע די אמת׳ע מאַכט, וואָרום יענע גרויסע מעהרהייט, וועלכע רעכענט טאַקע אַז רייכטהום ברענגט גליק — וואָרום לעבט זי אין נויט און לאָזט זיך בעהערשען פון אַ מינאָריטעט?

אין דער אמת׳ן, וואָרום זיינען די אַלע וואָס זיינען אַזוי שטאַרק מיט זייערע מוסקולען, מיט זייער קונסט אין די אַלע פערשיעדענע מלאכות — די גרויסע צאָהל דער מענשהייט — וואָרום אונטערוואַרפען זיי זיך צו אַ קליין הייפעלע פון שוואַכינקע מענשען, וואָס זיינען מייסטענטהיילס ניט פעהיג, וואָרום אונטערוואַרפען זיי זיך צו פערצערטעלטע און אויסגעהולטאַיעטע אַלטע, און איבערהויפּט צו פרויען.

געהט דורך אַ פּאַר יום־טוב פאַר די פערשיעדענע קראָמען. איהר וועט בעמערקען, אַז זיי אַלע זיינען אָנגעפילט מיט פערשיעדענע טהייערע וואַארען — אויסשליסליך פאַר פרויען; דער שטאָף, די קליידער, די קרייזלעך, די טהייערע שטיינער, די הויזציערונגען, די פוטערוואַרג א. ז. וו. דיעזע אַלע זאַכען קאָסטען מיליאָנען און מיליאָנען; דיעזע אַלע זאַכען זיינען געמאַכט געוואָרען אויף פאַבריקען פון אַרבייטער, וואָס פערלירען זייערע לעבענס דערביי, און דיעזע אַלע זאַכען טויגען גאָר ניט, ניט נאָר פאַר די וואָס האָבען זיי געמאַכט, נאָר אפילו פאַר רייכע מענער; דאָס זיינען אַלץ זאַבאַוואָקעס, פוין־זאַכען. לעבען פראָנט פון אַ רייכע הויז שטעהען פערשיעדענע קאַרעטען. ביין טהיר שטעהען שווייצאַרען אויסגעפוצט אין גאַלונען. די קוטשערס, אָנגעטהאָן אין טהייערע קליידער, זיצען אויפ׳ן פראָנט פון די קאָטשען, אין וועלכע עס זיינען איינגעשפּאַנט פערד, וואָס האָבען אָבגעקאָסט טויזענדער. מיליאָנען אַרבייטס־טעג זיינען אויסגעגעבען געוואָרען אויף די פאַבריקאַציאָן פון די פּרעכטיגע געשפּאַנען. אַלטע, יונגע אַרבייטער, מענער און פרויען האָבען זייערע לעבענס אוועקגעגעבען פאַר די בעשאַפונג פון דיעזע אַלע זאַכען. און דיעזע אַלע זאַכען זיינען אין די הענד פון עטליכע הונדערט

פרויען, וואָס לויפען אַרום איבער די מאַגאַזינען, אום איינצוקויי־
פען דאָס אַלעס פון דער לעצטער, לעצטער מאָדע.

עטליכע הונדערט פרויען האָבען אין זייער מאַכט צו טהאָן,
וואָס זיי ווילען מיט די פּראַצע פון מיליאָנען אַרבייטער, וואָס
האָרעווען, אום צו ערנעהרען זיך און זייערע פאַמיליען. פון דעם
קאַפּריז פון דיעזע פרויען העננט אָב דער שיקזאַל, דער לעבען
פון מיליאָנען מענשען.

ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט?

פאַרוואָס אונטערוואַרפען זיך די מיליאָנען שטאַרקע מענער,
וואָס האָבען אויפגעאַרבייט דיעזע אַלע זאַכען, צו די עטליכע
הונדערט שוואַכע ווייבער?

אָט פאָהרט צו אויף אַ פּאָר טהייערע פערד אַ פרוי אין אַ
סאַמעטענעם פוטער און אַ הוט פון די לעצטע מאָדע. אַלעס איז
אויף איהר ניי און פון דעם טהייערסטען בעסטען סאָרט. דער
שווייצאַר טהוט זיך אַ וואָרף, ווי משוגע, צו עפענען די טהיר פון
איהר שליטען, און מיט גרויס עהרערדיגקייט כאַפּט ער איהר
אונטער אונטער'ן עלענבויגען און זעצט איהר אַרויס. זי געהט
איבער דעם פאַסאַזש, ווי איבער איהר קעניגרייך, זי געהט אַריין
אין מאַגאַזין און קויפט זיך פאַר פינף טויזענד רובעל שטאָף
אויף דעם גאַסט־צימער, און הייסענדיג זיך עס צושיקען אַהיים,
געהט זי ווייטער. דיעזע פרוי איז שלעכט, נאַריש און זאָגאַר
העסליך; זי האָט ניט קיין קינדער און טהוט גאָר ניט אין איהר
לעבען פאַר אַנדערע. וואַרום־זשע דרעהען זיך אַרום איהר אַרום
אַזוי שקלאַפיש דער שווייצאַר, דער קוטשער און די אָנגעשטעלטע
אין מאַגאַזין? און וואַרום איז דאָס אַלעס, איבער וואָס טויזענדע
מענשען האָבען געאַרבייט, געוואָרען איהר אייגענטהום? דערפאַר,
ווייל זי האָט דאָס געלד. און דער שווייצאַר און דער קוטשער און
די אָנגעשטעלטע דאַרפען דאָס געלד, אום צו ערנעהרען זייערע
פאַמיליען.

און ווי קומט דאָס געלד צו דיעזע פרוי? דאָס געלד האָט זי
דאַרום, ווייל די מענשען וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון
לאַנד און אָבגעוועהנט זיך פון יעדע אַרבייט, אויסער די וועבעריי
אויף די פאַבריקען, לעבען אויף די פאַבריק פון איהר מאַן. איהר

מאַן גיט זיי נור אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג פאַר זייער ערנעהרונג, און אַלע פערדיענסטען פון דער פאַבריק, עטליכע הונדערט טויזענד נעהמט ער צו פאַר זיך, און ניט וויסענדיג וואו מען טהוט זיי אַהין, גיט ער זיי גערען אוועק זיין פרוי, אַז זאָל זי מיט זיי טהאָן, וואָס איהר פערגלוסט זיך.

און אָט איז אַ צווייטע באַריניע אין נאָך אַ פּרעכטיגערען עקיפּאַזש, אין נאָך אַ שעהנערע קלייד, קויפט פערשיעדענע נויטיגע און ניט־נויטיגע זאַכען אין פערשיעדענע מאַגאַזינען. פון וואַנען האָט זי דאָס געלד? דיעזע איז די סאָדערזשאַנקע, די ליובאָווניצע פון דעם רייכען לאַנד־אייגענטהימער. ער האָט אַלס זיין אייגענס צוואַנציג טויזענד דעסיאַטינעס לאַנד, וואָס איז געשענקט געוואָרען זיין עלטער־זיידען פון דער הולטאַיקע, די צאַריצאַ. דיעזער לאַנד־בעזיצער גיט אוועק זיין לאַנד צו די בויערען, וועלכע לעבען דאָרט, צו 17 דאָלאַר אַ דעסיאַטינע. די בויערען צאָהלען דאָס געלד דאַרום, ווייל אָהן ערד וואָלטען זיי געשטאָרבען פון הונגער. און דיעזעס געלד איז איצט אין די הענד פון דער ליובאָווניצע זיינער, און פאַר דיעזע געלד קויפט זי עס די זאַכען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פון די מענשען, וואָס זיינען מיט געוואַלט פערטריבען געוואָרען פון לאַנד אין די פאַבריקען אריין.

און אָט געהט נאָך אַ דריטע פרוי מיט איהר מאַמע און חתן. זי געהט באַלד חתונה האָבען און קויפט זיך בראָנז און טהייערע געשיר. דיעזע האָט געלד פון איהר טאַטען, אַ וויכטיגען טשינאָווניק, וואָס קריגט צוועלף טויזענד רובעל געהאַלט. נדן גיט ער זיין טאָכטער זיעבען טויזענד. דיעזעס געלד איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען פון אויסערליכע און אינערליכע טאַקסעס און אַלץ פון די בויערען. אָט די זעלבע טאַקסעס האָבען געצוואונגען דעם שווייצאַר, וואָס עפענט די טהירען (ער איז אַ מוזשיק פון קאַלוגער גובערניע, אין דער היים זיינען איהם פערבליבען אַ פרוי און קינדער) און דעם קוטשער (דיעזער איז פון טולסקער גובערניע), ווי אויך הונדערטע און טויזענדע און מיליאָנען אַנדערע מענשען, וואָס אַרבייטען אַלס דיענער און אין די פאַבריקען — אוועקצולאָזען זיך פון זייער געבורטס־פּלאַץ, און טהאָן

די ארבייט, וואָס ווערט פערברויכט פון די פרויען, וואָס האָבען געקראָגען דאָס געלד, וועלכעס איז געזאַמעלט אַלס פּראָפּיט פון די פאַבריקען, פון לאַנד אָדער פון טאַקסעס, פון דעם פאַבריקאַנט, דעם לאַנד־בעזיצער און דעם טשינאָווניק.

אַלזאָ, מיליאָנען ארבייטער אונטערוואַרפען זיך דיעזע שוואַכע פרויען דאַרום, ווייל איין מענש האָט אַריינגעכאַפּט די פאַבריקען, אויף וועלכע מענשען אַרבייטען, אַ צווייטער האָט פערכאַפּט די ערד, און דער דריטער האָט פערכאַפּט די טאַקסעס, וועלכע ווערען גענומען און ווידער פון די אַרבייטער. אָט דערפון איז אַרויסגעקומען דאָס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זעהן אַרום די אייזען פאַבריק.

די בויערען האָבען געאַקערט אַ פרעמדע פעלד דאַרום, ווייל זיי האָבען ניט גענוג א י י ג ע נ ע ערד. און דער, וואָס איז דער בעזיצער פון דער ערד, ערלויבט זיי צו בענוצען זיך מיט איהר נור דאַן, ווען זיי זאָלען ארבייטען אויף איהם. די שטיין־קלאָפּער האָבען געשלאָגען די שטיינער, ווייל נור אויף אַזאַ אופן קענען זיי בעצאָהלען די טעקסעס, וואָס מען פאָדערט פון זיי. אויפ'ן פאַבריק און אין די מינען האָבען מענשען געאַרבייט דאַרום, ווייל אי די ערד, פון וועלכע זיי נעהמען אַרויס דעם אייזען, אי די פאַבריק, אויף וועלכע זיי גיסען דעם אייזען, נעהערט ניט צו זיי.

דיעזע אַלע אַרבייטער אַרבייטען אַ זעהר שווערע פרעמדע ארבייט דאַרום, ווייל די רייכע האָבען פערכאַפּט די ערד, צווינגען מען זאָל זיי צאָהלען טעקסעס און האָבען אַלע פאַבריקען אין זייער מאַכט.

.4

פאַר וואָס זשע האָט די לאַנד ניט דער, וואָס אַרבייט אויף איהר, נור דער, וואָס אַרבייט ניט? פאַר וואָס בענוצט זיך אַ קליינע צאָהל מענשען מיט די טאַקסעס, וואָס ווערען גענומען פון אַלע און ניט די, וועלכע צאָהלען זיי? פאַר וואָס האָבען די פאַבריקען ניט די, וועלכע האָבען זיי אויפגעבויט, נור אַ קליי־נינקע צאָהל מענשען, וועלכע האָבען זיי ניט אויפגעבויט און אַרבייטען ניט אויף זיי?

אויף די פראַגע: „פאַר וואָס האָבען די ניט־אַרבייטענדע די לאַנד פון די, וואָס אַרבייטען", איז דער געוועהנליכער ענטפער, דאָס עס קומט דערפון, וואָס די לאַנד איז זיי געשענקט געוואָרען פאַר וועלכע עס איז מעשים טובים אָדער זיי האָבען זי געקויפט פאַר געלד, וואָס זיי האָבען פערדיענט. אויף די פראַגע: „וואָרום נור אַ קליינע צאָהל מענשען פערברויכט די טאַקסעס, וואָס ווערען געזאַמעלט פון אַלע", איז דער געוועהנליכער ענטפער, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די מענשען וואָס נעהמען די טאַקסעס פון פאָלק פאַר זיך, רעגיערען דערפאַר איבער איהם, בעשיצען איהם און זעהען צו, אַז עס זאָל הערשען אָרדנונג. אויף די פראַגע: „וואָרום האָבען ניט די פאַבריקען די, וואָס האָבען זיי אויסגעבויט און אַרבייטען אויף זיי", איז דער תירוץ דער, דאָס דיעזע פאַבריקען, דיעזע ווערקצייג האָבען אָדער די פאַבריקאַנטען אַליין פערדיענט, אָדער זיי האָבען עס געקראָגען בירושה פון זייערע עלטערען.

און אַלע דיעזע מענשען — די לאַנד־אייגענטהימער, די פאַבריקאַנטען, און די רעגיערונגס־בעאַמטע, גלויבען גאַנץ ערנסט, דאָס זייער בעזיצטהום איז אַ גאַנץ גערעכטע זאַך — דאָס זיי האָבען אַ רעכט אויף זייער אייגענטהום.

אָבער דער אמת איז, אַז די אַלע פּרעטענזיעס אויף אייגענטהום פון לאַנד, טעקסעס און אַרבייטס־מיטעל, זיינען פאַלשע.

דער בעזיץ פון לאַנד פון די, וואָס בעאַרבייטען איהר ניט, איז ניט גערעכט צוליעב דעם, ווייל די ערד, ווי וואַסער, ווי לופט, ווי די זונען־שטראַהלען, איז אַ נויטווענדיגקייט פיר דעם לעבען פון יעדען מענשען און דאַרום קען זי ניט ווערען דער אויסשליסליכער אייגענטהום פון איינעם.

ווען די ערד — און ניט די וואַסער, די לופט אָדער די זונען־שטראַהלען — איז יאַ געמאַכט געוואָרען פאַר אַ זאַך פון אייגענטהום, איז דאָס ניט צוליעב דעם, ווייל די ערד איז ניט אַזוי נויטיג פאַר דעם לעבען פון מענשען, נור ווייל אַוועקרויבען פון מענשען די לופט און די זונען־שטראַהלען איז געוועזען אונמעגליך; צו בערויבען זיי אָבער פון דעם געברויך פון דער ערד איז יאַ געוועזען מעגליך.

לאנד־אייגענטהום, ווי זי איז געקומען דורך געוואלד (דורך מלחמות האט מען צוגענומען די לאנד און דערנאך האט מען איהר פונאנדערגעשענקט אדער פערקויפט) אזוי איז זי אויך פערבליבען, אונגעאכטעט אויף פערשיעדענע מיטלען צו מאכען דערפון א רעכט, און ניט א געוואלט־אקט פון דעם שטארקען און בעוואפענטען איבער דעם שוואכען און אונבעוואפענטען.

זאל א מענש, וואס בעארבייט דאס לאנד, איבערטרעטען דיעזעס איינגערעדטע רעכט, זאל ער אנפאנגען אקערען דאס לאנד, וואס ווערט געהאלטען פאר דאס אייגענטהום פון א צווייטען, און באלד וועט קומען דיעזעס פאלשע רעכט אין דער געשטאלט פון א פאליציימאן, און שפעטער פון א סאלדאט, וועלכע וועלען שטעכען און שיסען די, וועלכע זאלען זיך וועלען בענוצען מיט זייער ווירקליכען רעכט: „צו ערנעהרען זיך פון זייער בעארבייטונג פון דער ערד“. הייסט עס, אז דאס וואס מען רופט איצט לאנד אייגענטהום, איז נור א פערגעוואלדיגונג איבער די אלע מענשען, וועלכע קענען זיך נויטיגען אין דיעזע לאנד. דאס רעכט אויף די ערד איז עהנליך צו דעם רעכט אויפ׳ן וועג, וועלכען רויבער האבען פערכאפט און לאזען קיין מענשען ניט דורך אהן אן אויסקויף.

נאך וועניגער קען מען געפינען עטוואס עהנליכעס צו א בערעכטיגונג פאר דעם צווינגען מיט געוואלד צו צאהלען טאקסעס. מען זאגט, אז די טאקסעס ווערען פערברויכט אויף די בעשיצונג פון דער רעגיערונג פון אויסערליכע שונאים, פאר די אויפהאלטונג פון די אינערליכע ארדנונג און פאר די אויפ־האלטונג פון די אלע נויטיגע עפענטליכע איינריכטונגען.

אבער, ערשטענס, זיינען אויסערליכע שונאים שוין ניטא פון א זעהר לאנגער, לאנגער צייט, ווי די רעגיערונגען אליין ערקלעהרען אונז: זיי אלע פערזיכערען זייערע פעלקער, דאס זיי פערלאנגען פריעדען. דער דייטשער אימפעראטאר פערלאנגט פריעדען, די פראנצויזישע רעפובליק פערלאנגט פריעדען, ענג־לאנד פערלאנגט פריעדען און רוסלאנד פערלאנגט אויך דאס זעלבע. די טראנסוואאלער און די כינעזער ווילען דאך אודאי פריעדען. טו פון וועמען דארף מען זיך דא בעשיצען?

צווייטענס, אום אוועקצוגעבען געלד אויף די אויפהאלטונג פון אָרדנונג און פאַר די אַלע נויטיגע עפענטליכע איינריכטונגען, דארף מען דאָך זיין זיכער, דאָס די מענשען, וועלכע נעהמען זיך אונטער דאָס צו טהאָן, וועלען דאָס טאקע טהאָן, דאָס די אָרדנונג וועט טאקע זיין ווירקליך א גוטע, און די אַלע עפענטליכע איינ־ריכטונגען וועלען טאקע זיין אמת־נויטיג. ווען אָבער, ווי דאָס איז דער פאַל שטענדיג און אומעטום, די וואָס צאָהלען די טאקסעס זיינען גאָר ניט זיכער, אז זייער געלד געהט אויף א גוטע זאַך, ווען זיי גלויבען גאָר ניט אין די עהרליכקייט פון די מענשען, וואָס געהען מאכען די אָרדנונג פאַר זיי, און ווען, אויסער דעם, האַלטען זיי גאָר די אָרדנונג פאַר שלעכט און די אַלע עפענטליכע איינריכטונגען זיינען גאָר ניט אזעלכע, ווי די בעצאָהלער פון די טאקסעס וואָלטען עס געוואָלט, איז עס דאָך אויגענשיינליך, דאָס די זאמלונג פון די טאקסעס איז שוין ניט מעהר קיין רעכט, נור אַן איינפאכע פערגעוואלדיגונג פון רעכט.

איך געדענק א קלוגען וואָרט פון א רוסישען מוזשיק. ער האָט געהאַלטען פאַר גערעכט ניט צו געבען קיין טאַקסעס אויף זאכען, צו וועלכע זיין געוויסען האָט ניט מסכים געווען; און ווען מען פלעגט צו איהם קומען מאָהנען זיין טהייל טאַקסעס, פלעגט ער פרעגען, אויף וואָס דאָס געלד געהט, ערקלעהרענדיג: „אויב מיין געלד געהט אויף א גוטע זאַך, וועל איך גלייך געבען ניט נור דאָס, וואָס איהר פאָדערט, נור נאָך מעהר; אויב אָבער מיין געלד זאָל געהן אויף דאָס, וואָס איך דענק, איז שלעכט, קען איך ניט געבען, און איך וועל אייך פרייוויליג קיין קאָפּיקע ניט געבען.“

עס פערשטעהט זיך, אז מען האָט מיט איהם ניט לאַנג גערעדט, און מען האָט אויפגעבראָכען זיינע טויערען, מען האָט ארויסגעפיהרט זיין איינציגע בהמה און מען האָט איהר פערקויפט פאַר טאַקסעס. הייסט עס דאָך, אז די אמת'ע אורזאכע פון די טאַקסעס איז נור איין און איינציגע — די מאכט וועלכע קלייבט זיי אויף — די מעגליכקייט צו בערויבען די, וואָס גיבען ניט מיט גוטען און צו שלאָגען, ארעסטירען און בעשטראָפען די, וואָס ווילען ניט פאָלגען.

דאָס, וואָס אין ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקא און אין אלגעמיין, אין די קאָנסטיטוציאָנעלע שטאאטען ווערען די טאַק־סעס בעשטימט פון פּארלאמענט, ד. ה. פון די פאלש צוזאמענ־געקליבענע פאָרשטעהער — דאָס ענדערט ניט פיעל דעם תוך פון דער זאך, ווייל די וואהלען זיינען שוין אזוי געמאכט, דאָס די מיטגליעדער פון פּארלאמענט שטעלען מיט זיך ניט פאָר דאָס פאָלק, נור געהערען צו די פּאָליטיקער; און טאָמער, ביז זיי זיינען אריין אין פּארלאמענט, זיינען זיי ניט געווען קיין פּאָלי־טיקער, ווערען זיי עס אזוי שנעל, ווי זיי ווערען פּארלאמענטס־מיטגליעדער. זיי זיינען שוין פון דאן אָן פערנומען מיט זייערע אייגענע קליינע אינטערעסען, מיט זייער פּערזענליכע עהרען־ליעבע און מיט די אינטערעסען פון די געגנערישע פּארטייען.

פונקט אזוי וועניג קען מען בעווייזען די גערעכטיגקייט פון דעם פאלשען רעכט פון אייגענטהום פון די, וואָס ארבייטען ניט אויף די ארבייטס־פּרוכט פון אנדערע מענשען.

דיעזעס רעכט פון אייגענטהום, וואָס מען רופט זאָגאר „הייליגעס רעכט“ ערקלעהרט מען דערמיט, וואָס אייגענטהום איז דער רעזולטאט פון שפּארזאמקייט און פון ארבייטזאמקייט, וואָס ברענגט זעהר פיעל נוצען די מענשען. און דאך, מען דארף נור אויפמערקזאם בעטראכטען די אָבשטאמונג פון די אלע גרויסע פערמעגענס, אום מען זאָל זיך איבערצייגען, אז די מעשה איז פונקט קאפּויר.

גרויסע פערמעגענס ווערען געוועהנליך אָדער דורך געוואלד — דאָס איז זעהר א געוועהנליכע אורזאכע — אָדער פון גרויסע קארגשאפט, אָדער פון א גרויסען שווינדעל אָדער פון א שטענ־דיגען בעטרוג, ווי דער, וועלכער ווערט אימער פּראקטיצירט פון געשעפטס־לייט. וואָס זיטליכער דער מענש איז, דאָס זיכערער וועט ער פערלירען דעם פערמעגען, וואָס ער האָט; וואָס אונ־זיטליכער, דאָס זיכערער וועט ער זיך מאכען און אויפהאלטען א פערמעגען. א פאָלקס־וואָרט זאָגט, דאָס פון עהרליכע ארבייט קען מען זיך ניט מאכען קיין פּאלאצען, — דאָס פון דער ארבייט ווערט מען ניט רייך, נור מען קריגט א האָרב. און אזוי איז עס טאקע אלע מאָל געווען און אזוי איז עס נאך מעהר איצט, ווען

די צוטהיילונג פון די רייכטהימער איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף דעם אונעהרליכען אופן. ווען מען קען שוין צוגעבען, דאָס אין די ערשטע מענשליכע געזעלשאפט האָט א מעהר שפּארזאמער און מעהר ארבייטזאמער געקאָנט מעהר האָבען פאר דעם, וואָס איז ניט שפּארזאם און ניט אזוי ארבייטזאם, קען מען עס אָבער פאר קיין פאל ניט זאָגען וועגען אונזער געזעלשאפט. ווי שפּארזאם עס זאָל ניט זיין איצט א מענש, וואָס בעארבייט פרעמדע לאנד, וואָס קויפט אלעס, וואָס איז נויטיג פאר איהם, אויף פּרייזען, וועלכען מען בעשטימט פאר איהם, וועט ער קיינמאָל קיין רייכטהום זיך ניט ערווערבען. א מענש אָבער, וואָס איז גאָר ניט שפּארזאם, א פּוילענצער, ווי מיר זעהען עס אויף טויזענדע פון מענשען, וועלכער וועט נור ווערען א שטיקעל טשינאָווניק, אָדער וועט ווערען א פּראָצענטניק, א פאבריקאנט, א האלטער פון א באָרדעל, פון א באנק, פון א שענק, — אזא מענש וועט גאָר גיך ווערען באלד א רייכער מענש.

די געזעצע, וועלכע כלומרשט בעשיצען אייגענטהום, בע־שיצען נור דעם אָנגעראַבירטען אייגענטהום, וואָס געפינט זיך שוין אין די הענד פון די רייכע; און ניט נאָר בעשיצען זיי ניט די ארבייטער, וואָס האָבען ניט קיין אייגענטהום אויסער זייער ארבייט, נאָר זיי העלפען נאָך בעסער צו בערויבען זיי פון זייער ארבייט.

.5

מיר זעהען א גרויסע, א זעהר גרויסע צאָהל פון רעגיערער: דעם צאר, זיינע ברידער, פעטער, מיניסטאָרען, ריכטער, פּריס־טער, וועלכע קריגען זעהר גרויסע געהאלטען, וואָס ווערען גענו־מען פון פאָלק, און וועלכע ערפילען ניט אפילו די לייכטע פער־פליכטונגען, וועלכע זיי האָבען זיך אונטערנומען צו טהאָן פאר דיעזע בעלוינונג. איז עס דאָך אייגענטליך דאָס זעלבע, ווי זיי בע'גנב'ענען דאָס פאָלק, וועלכעס האלט זיי אויף אין זייער גרויסארטיגען לעבען, און דאָך פאלט גאָר קיינעם ניט איין צו משפּט'ן זיי.

ווען אָבער דער ארבייטער בעגנוצט זיך מיט א טהייל פון די

געלד, וואָס דיעזע מענשען קריגען אָדער מיט די זאכען, וואָס דיעזע מענשען קויפען פיר דאָס אָנגעראַבירטע געלד, ווערט עס גערעכענט, דאָס ער האָט בעגאַנגען אַ פערברעכען אָן די הייליג־קייט פון אייגענטהום, און פאַר דיעזע פאָר גראָשען, מיט וועלכע ער האָט זיך בענוצט, משפט מען איהם, מען פערשפּאַרט איהם אין געפענגניס, אָדער מען פערשיקט איהם גאָר נאָך סיביר.

דער פאַבריקאַנט־מיליאָנער פערפליכטעט זיך צו געבען דעם אַרבייטער פאַר זיין אַרבייט אַ בעלוינונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר איין צעהנט־מיליאָנדיגע טהייל פון זיין פערמעגען, ד. ה. כמעט ווי גאָר ניט. דער אַרבייטער אָבער פערפליכטעט זיך אוים נויט, צו געבען דעם גאַנצען יאָהר, אויסער יום טוב, אַ צוועלף־שטונדיגע, געפעהרליכע, אַ שעדליכע פאַר זיין געזונד, אַרבייט, ד. ה. ער פערפליכטעט זיך אָוועקצוגעבען דעם פאַברי־קאַנט דעם גרעסטען טהייל פון זיין לעבען, און פיליכט אויך דעם גאַנצען לעבען.

דער פאַבריקאַנט אַלזאָ גנב'עט פון יאָהר צו יאָהר ביי דעם אַרבייטער די גרעסטע טהייל פון זיין פערדיענסט און מאַכט עס פאַר זיין אייגענס. דאַכט זיך, האָט דאָך דער פאַבריקאַנט פאַר אַזאַ אָפענעם רויב בעדאַרפט בעשטראָפט ווערען, אָבער ניין, די רעגיערונג האַלט אַזאַ ערוואָרבענעם פערמעגען פאַר היי־ליגען אייגענטהום, און זי בעשטראָפט דעם אַרבייטער, וואָס האָט אָוועקגעטראָגען אונטער'ן פאָלע צוויי פונט קופּער, וואָס זיינען אַ מיליאַרד־טהייל פון דעם אייגענטהום פון פאַבריקאַנט.

זאָל נור דער אַרבייטער, ווי דאָס ווערט פּראַקטיצירט אַמאָל ביי די אידישע פּאָגראָמען, אָבנעהמען אַ טהייל נור פון דעם רייכען פון דעם, וואָס מען נעהמט ביי איהם אַוועק געזעצליך; זאָל נור פּרובירען דער הונגעריגער, ווי דאָס האָט פּאַסירט ניט לאַנג אין מילאַן, נעהמען דעם ברויט, וועלכען מען פערקויפט צו זעהר הויכע פּרייזען, בענוצענדיג זיך מיט דעם אַרבייטער'ס הונגער; זאָל נאָר דער אַרבייטער דורך אַ סטרייק וועלען אָבנעה־מען אַ טהייל בלויז פון דאָס, וואָס מען האָט ביי איהם אַוועקגע־נומען — בעגעהט ער גליייך אַ פערברעכען געגען די הייליגקייט פון אייגענטהום און די רעגיערונג מיט איהר אַרמעע קומט באַלד

צו הילף דעם לאַנד־בעזיצער, דעם פאַבריקאַנט, דעם געשעפטס־מאַן געגען דעם אַרבייטער. דערפון איז לייכט צו פערשטעהן, אז דיעזעם רעכט, אויף וועלכען די רייכע גרינדען זייער בעזיץ פון לאַנד, זייער קלייבען טעקסעס, און זייער האָבען די אַרבייטס־פּרוכט פון די וואָס אַרבייטען, האָט גאָר ניט געמיינשאַפטליכעס מיט גערעכטיגקייט. אַלעס, וואָס זיי האָבען, האָט נור איין קוואַל, און דאָס איז די געוואַלד, וועלכע ווערט אָנגעווענדעט פון זיי דורך זייערע אַרמעען.

זאָל דעם אַרבייטער איינפאַלען צו בעאַקערען דאָס לאַנד, וואָס איז איהם נויטיג אום זיך צו ערנעהרען; זאָל ער ניט וועלען צאָהלען קיין טעקסעס; זאָל ער וועלען נעהמען דאָס ברויט, וואָס ער האָט אַליין געשאַפען, אָדער די אַרבייטס־אינ־סטרומענטען, אָהן וועלכע ער קען ניט אַרבייטען — וועט גלייך קומען די אַרמעע און וועט מיט געוואַלד שטערען איהם אין דעם.

דאָס אַלעס פיהרט אונז צום שלוס, אז דאָס, וואָס דער בויער האָט ניט דאָס לאַנד, מוז צאָהלען טאַקסעס, און איז אונטערוואָרפען דעם קאַפּיטאַליסט איז ניט די גרונד אורזאַכע פון זיין שלעכטע לאַגע, נור אַ פאָלגע. די גרונד־אורזאַכע איז די, דאָס מיליאָנען אַרבייטער לעבען און אַרבייטען אויף דעם וואונש פון אַ גאַנץ קליינע מינאָריטעט. די אורזאַכע איז ניט די, וואָס די ווענינע מענשען האָבען פערכאַפּט די ערד, די אַרבייטס־מיטעל און נעהמען טאַקסעס, — נור, דאָס זי קען עס טהאָן, דאָס עס איז דאָ געוואַלד, אַן אַרמעע, וואָס געפינט זיך אין די מאַכט פון די ווענינע, און וועלכע איז פערטיג צו טויטען די, וואָס ווילען ניט ערפילען דעם ווילען פון דער מינדערהייט.

ווען די בויערען ווילען האָבען דאָס לאַנד, וועלכע ווערט איצט בעטראַכט אַלס דער אייגענטהום פון דעם ניט־אַרבייטענ־דען מענשען; אָדער ווען אַ מענש וויל ניט בעצאָהלען קיין טאַקסעס; אָדער ווען סטרייקערס ווילען שטערען אַנדערע צו פערנעהמען זייערע פּלעצער, — קומען די זעלבע בויערען, ביי וועלכע מען האָט דאָס לאַנד אַוועקגערויבט, די זעלבע צאָהלער פון טאַקסעס און די זעלבע אַרבייטער, נור דיעזעם מאָל שוין אָנגעטהאָן אין מונדירען מיט ביקסען אין די הענד און צווינגען

זייערע ברידער — די, וואָס זיינען ניט אין מונדירען — אוועק־צוגעהן פון לאַנד, צו בעצאָהלען די צינזען און אויפצוהערען צו סטרייקען.

ווען איהר וועט עס פערשטעהן צום ערשטען מאָל, וועט איהר אַליין ניט גלויבען, ווי ווילד־משוגע דאָס איז. די אַרביי־טער ווילען זיך בעפרייען און די אַרבייטער אַליין צווינגען זיך אונטערצוגעבען און צו בלייבען אין שקלאַפעריי.

פאַר וואָס זשע טהוען זיי דאָס ?

אַט צוליעב דעם, וואָס די אַרבייטער, וועלכע ווערען גענו־מען אָדער געדונגען פאַר סאָלדאַטען, ווערען אונטערוואָרפען אַ גאָר קונציגען פּראָצעס פון פערטומלונג און פערדאַרבונג, און דאַן, ווען מען האָט זיי שוין גענוג פערטומעלט און קאָרומפּירט, קענען זיי גיט ניט פאָלגען בלינד זייערע נאַטשאַלניקעס, וואָס מען זאָל זיי ניט הייסען טהאָן.

דאָס ווערט געטהאָן אויף אַזאַ אופן: עס ווערט געבאָרען אַ אינגעל אין דאָרף אָדער שטאָדט. ווי נאָר דער אינגעל דערגרייכט דעם עלטער, ווען די קראַפט, געשווינדקייט און פלינקייט דער־גרייכען די העכסטע שטופע און די אינערליכע, גייסטיגע קרעפ־טען געפינען זיך נאָך אין אַ זעהר דונקעלע, אונבעשטימטען צושטאַנד (אַרום אַ יאָהר צוואַנציג), נעהמט מען דיעזען אינגעל פאַר אַ סאָלדאַט, מען קוקט איהם אַרום, ווי אַן אַרבייטס־פיה, און ווען ער איז פיזיש געזונד און שטאַרק, גיט מען איהם אָב פאַר אַ סאָלדאַט און מען צווינגט איהם צו שווערען פייערליך, דאָס ער וועט אין אַלעם פאָלגען זיינע נאַטשאַלניקעס; דאַן רייסט מען איהם אוועק פון זיין היים, פון זיינע אַלע פריהערדיגע פערהעלטניסע, מען גיט איהם צו זויפען בראַנפען אָדער ביר, מען טהוט איהם אָן אין קאָלירטע קליידער און צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע אינגלעך ווערט ער איינגעשלאָסען אין קאַזאַרמעס, וואו אין פאָלשטענדיגער פוילענצעריי (ד. ה. ניט טהוענדיג קיין ניצליכע און פערנינפטיגע אַרבייט) לערענט מען איהם די אַלע אונזיניגע סאָלדאַטסקע לעהרען, די נעמען פון די וואַפען, און זייער געברויך צו טויטען. הויפּטזעכליך לערענט מען איהם צו פאָלגען ווי אַ מאַשין דאָס, וואָס דער נאַטשאַלניק הייסט. אַזוי

איז עס אין די לענדער, וואו עס איז דאָ מיליטער־פליכט. און דאָרט, וואו זי איז ניטאָ, האַלט מען שוין אויף די מענשען, וועמעס ארבייט איז אויפצוזוכען מענשען, וואָס האָבען זיך פער־דרעהט, וואָס קענען ניט, אָדער ווילען ניט לעבען פון עהרליכע ארבייט, מייסטענטהיילס שטארקע אָבער פערדאָרבענע מענשען, מען מאַכט זיי שכור, מען קויפט זיי אונטער, און מען נעהמט זיי פאַר סאָלדאַטען, מען פערשליסט זיי אין די קאַזארמען און מען מושטירט זיי אויף דעם אויבען בעשריבענעם אופן. די הויפּט־אויפגאַבע פון די נאַטשאַלניקעס איז צו ברענגען דיעזע מענשען צו דעם צושטאַנד פון יענע זשאַבע, וועלכע מוז א ציה טהאָן מיט'ן פיסעל, ווי מען ריהרט איהר נאָר אָן. א גוטער סאָלדאַט איז דער, וועלכער, ווי יענע זשאַבע, אויף געוויסע געשרייען פון דעם נאַטשאַלניק, ענטפערט גאַנץ אונבעוואוסט מיט דער געפאָ־דערטער בעוועגונג. דיעזעס ווערט דערגרייכט דאַדורך, וואָס דיעזע אונגליקליכע מענשען, אלע אָנגעטהאָן אלץ איינס, צווינגט מען פאַר וואָכען, מאָנאַטען און יאָהרען לאַנג — אונטער דעם קלאַנג פון מוזיק — צו געהן, צו דרעהען זיך, צו שפּרינגען אלע צוזאמען, אין איין מאָל — נאָך דעם בעפעהל. פיר יעדעס מאָל ניט פאָלגען בעשטראָפט מען אויף דעם גרויזאמסטען אופן, זאָגאר מיט טויט. דערביי שכרות, הולטאיסטוואָ, פוילענצעריי, ניבול פּה און מאָרד, ניט נור וואָס זיי ווערען ניט פערוועהרט, נאָר פער־קעהרט, זיי ווערען נאָך גוטגעהייסען. די סאָלדאַטען פּאָיעט מען מיט בראַנפען; מען בויט פאַר זיי באָרדעלען, מען לערענט זיי שמוציגע ליעדער, און מען מושטירט זיי צו זיין גוטע מערדער (דער מאָרד צווישען דיעזע מענשען ווערט בעטראַכט פאַר אזא גוטע זאַך, דאָס עס ווערט געפאָדערט פון די אָפיצערען אין געוויסע פעלע צו ערמאָרדען דעם בעסטען פריינד. דיעזער סאָרט מאָרד רופט זיך מיט דעם נאָמען דועל). אָט אויף אזא אופן ווערט דער שטילער, גוטמוטהיגער אינגעל, ווען ער איז שוין אָבגעוועזען א יאָהר אין דיעזער שולע — פאַר א יאָהר איז נאָך דער סאָל־דאַט רויה, גרין, ד. ה. ער האָט נאָך אין זיך עטוואָס מענשליכ־קייט — אַן אונזיניגער, א גרויזאמער, א מעכטיגער און א

שרעקליכער ווערקצייג פון געוואלד אין די הענד פון זיינע נאטשאלניקעס.

.6

יעדעס מאָל ווען איך געה פערביי ווינטער־צייט לעבען דעם קייזערליכען הויף, און זעה ביי דער בודקע שטעהן דעם יונגען סאָלדאט, וועלכער, אין זיין שווערען פעלץ, שטעהט אָדער געהט איבער'ן טראָטואר, האלטענדיג אויפ'ן אקסעל דעם נייעס־טען ביקס, מיט א פערשארפטען שפיז, קוק איך איהם אימער אין די אויגען, און יעדעס מאָל דרעהט ער זיך אימער אוועק פון מיין בליק, און יעדעס מאָל קלעהר איך מיר: אָט איז דאָך דיעזער מיט א יאָהר אָדער צוויי צוריק געוועזן א לוסטיגער דאָרפס־בחור — א נאטירליכער גוטמוטהיגער יונג, וועלכער וואָלט אימער מיט מיר גערעדט אויף גוט רוסיש, וואָלט מיר דערצעהלט, ווי עס לעבט זיך איהם; איצט אָבער קוקט ער אימער אויף מיר בייז און פינסטער; אויף אלע פראגען קען ער נור ענטפערען: „טאק טאָטשנאָ" און „ניע מאָגו זנאט". ווען איך — וואָס מיר ווילט זיך אימער טהאָן — זאָל צוגעהן צו די טהיר, ביי וועלכע ער שטעהט, אָדער זאָל א כאפּ טהאָן זיך מיט'ן האנד פאר זיין ביקס, וואָלט ער דאָך קיין מינוט ניט געקלעהרט און וואָלט מיר דורכ־געשטאָכען מיט'ן שפּיעז דעם בויך, וואָלט ארויסגעשלעפּט דעם שפּיז פון וואונד, וואָלט אָבגעווישט די בלוט, און וואָלט ווייטער געגאנגען אָדער געשטאנען, ווי א ליימענער גולם, ביז אן אנדע־רער וואָלט איהם ניט געקומען איבערבייטען, איבערגעבענדיג איהם אויפ'ן אויער דעם פּאס־וואָרט.

און דאָס איז דאָך ניט דער איינציגער, קלעהר איך מיר. אזעלכע כמעט נאָך קינדער אומגעוואנדעלטע אין מאשינען און בעוואפענט מיט ביקסען, זיינען דאָך דאָ זייערע טויזענדער אין מאָסקווא אליין. איבער גאנץ רוסלאנד און איבער דער גאנצער וועלט ווערען זיי דאָך געצעהלט אין די מיליאָנען. אָט האָט מען גענומען דיעזע אונדענקענדע אָבער שטארקע און פלינקע קינדער, מען האָט זיי פערדאָרבען, אונטערגעקויפט, און דורך זיי הערשען א קליין צאָהל מענשען איבער דער גאנצער וועלט. דאָס איז דאָך

שרעקליך. עס איז שרעקליך, וואָס שלעכטע מענשען, דורך דיעזע אָבגענאַרטע מענשען, האָבען אין זייער מאַכט די אַלע פּאַלאַצען און דעם גאַנצען רייכטהום, וואָס איז די גערויבטע פּראַצע פון גאַנצען פּאָלק. נור נאָך שרעקליכער איז דאָס, וואָס, אום דאָס אויסצופיהרען, האָבען זיי געמאַכט פאַר בייזע חיות איינפאַכע, גוטע קינדער, און האָבען עס טהיילווייז דערגרייכט.

זאָלען די רייכע אַליין פערטהיידיגען זייער רייכטהום! דאָס וואָלט ניט געוועזען אַזוי עקעלהאַפט. אָבער שרעקליך איז דאָס, וואָס אום צו ראַבירען מענשען און צו פערטהיידיגען דאָס אָנגע־רויבטע, געברויכען זיי געראַדע די זעלבע, וועמען זיי בערויבען.

אַלזאָ די, וואָס צווינגען און פערגעוואַלדיגען די אַרבייטער, זיינען דאָס די אַרבייטער זעלבסט. און דאָס קומט דערפון, ווייל עס איז דאָ אַזאַ מיטעל, דורך וועלכען מען קען מאַכען פון מענ־שען אונפיהלענדע ווערקצייג פון מאָרד, און די רעגיערונג, נעה־מענדיג סאָלדאַטען, געברויכען דיעזען שרעקליכען מיטעל.

.7

נון, קומט די פראַגע: „פאַר וואָס אָבער געהען די מענשען פאַר סאָלדאַטען? פאַר וואָס לאָזען עס זייערע עלטערען צו, אז זייערע קינדער זאָלען עס טהאָן?“

זיי האָבען געקענט געהן פאַר סאָלדאַטען און אונטערוואַר־פען זיך די דיסציפּלינע, ביז זיי האָבען ניט געזעהן, וואָס דערפון קומט אַרויס; אָבער איינמאָל אז זיי האָבען עס דערזעהן, וואַרום אונטערוואַרפען זיי זיך נאָך אימער דיעזען שווינדעל?

דאָס קומט דערפון, וואָס זיי האַלטען דעם מיליטער־דיענסט ניט נאָר פאַר אַ ניצליכע, נאָר אויך פאַר אַ זעהר עהרווירדיגע און גוטע זאַך. און זיי האַלטען די מיליטער־דיענסט פאַר אַ גוטע זאַך, ווייל אַזוי ווערט אַריינגעדרילט אין זייערע קעפּ פון קינד־ווייז אויף, דיעזע לעהרע ווערט מיט אַלע מיטלען געפּרעדיגט און אויפגעהאַלטען אין דעם ערוואַקסענעם מענשען.

אָט צוליעב דעם איז די עקזיסטענץ פון די אַרמעען אויך שוין ניט קיין גרונד־אורזאַכע, נור בלויז אַ פאָלגע. די גרונד־אורזאַכע איז די לעהרע, וועלכע רעדט איין די מענשען, דאָס דער

מיליטער־דיענסט, וועמעס צוועק איז די ערמאָרדונג פון מענשען, איז ניט נאָר ניט קיין שלעכטע זאַך, נאָר אַ גוטע און ליבענס־ווערטהע.

אָנפאַנגס דאַכט זיך, אַז די גאַנצע צרה איז די, וואָס מענשען האָבען פערכאַפּט דאָס לאַנד, די קאַפּיטאַליסטען די ווערקצייג, און דאָס די רעגיערונג נעהמט מיט געוואַלד טאַקסעס. אָבער ווען דו וועסט זיך פרעגען: וואָרום געהערט די לאַנד צו די רייכע, און די אַרבייטער קענען זיך ניט בענוצען מיט איהר, און פאַר וואָס מוזען די אַרבייטער בעצאָהלען טאַקסעס, גאָר ניט קריגענדיג דערפאַר, און פאַר וואָס די קאַפּיטאַליסטען און ניט די אַרבייטער האָבען די ווערקצייג — זעהסטו, אַז דאָס קומט דערפון, ווייל עס איז דאָ אַן אַרמעע, וועלכע מאַכט אַז דאָס לאַנד זאָל בלייבען ביי די רייכע, וועלכע זאַמעלט די טאַקסעס פאַר די רייכע, און זעהט אַז די טהייערע פאַבריקען און מאַשינען זאָלען בלייבען אין די הענד פון די קאַפּיטאַליסטען. ווען דו וועסט זיך אָבער פרעגען, ווי קומט דאָס, אַז די וואָס שטעלען צוזאַמען די אַרמעע זיינען גראַדע די זעלבע אַרבייטער, ביי וועלכע מען נעהמט צו דאָס, וואָס איז נויטיג — און פאַלען אָן אויף זיך אליין, אויף זייערע אייגענע פאָטערס און ברידער, זעהסטו, אַז די אורזאַכע דערפון איז אין דעם, דאָס די גענומענע אָדער געדונגענע סאָלדאַטען לערענט מען דורך פערשיעדענע מיטלען צו ווערען גאַנץ אונבעוואוסטע ווערקצייג פאַר מאָרד אין די הענד פון די נאַטשאַלניקעס. און ווען ענדליך דו פרעגסט זיך, ווי קומט עס, דאָס די מענשען זעהענדיג אזא שווינדעל, לאָזען זיך נאָך אימער נעהמען אין סאָלדאַטען, זעהסטו גלייך, אַז די אורזאַכע דערפון איז די לעהרע, דאָס דער מיליטער־דיענסט איז אַ גוטע זאַך, אַ ליבענסווערטהע זאַך, און דאָס מאָרדען מענשען אויף אַ שלאַכטפעלד מעג מען.

אלזאָ, די גרונד־אורזאַכע פון אַלעס איז די לעהרע, מיט וועלכע מיר האָדעווען אויף די מענשען.

דערפון שטאַמען אָרעמקייט, פערדאָרבענהייט, פיינדשאַפט, בעשטראָפונגען און מאָרד.

וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ לעהרע?

די לעהרע רופט זיך די קריסטליכע רעליגיאָן און זי בעשטעהט אין פאָלגענדעס: עס איז דאָ אַ גאָט, וואָס האָט מיט זעקס טויזענד יאָהר צוריק בעשאַפען די וועלט און דעם מענשען אדם. אדם האָט געזינדיגט און גאָט האָט דערפאַר בעשטראָפט אַלע מענשען, און דארום האָט ער אַרונטערגעשיקט צו אונז אויף דער ערד זיין זוהן, אויך אַזאַ גאָט, ווי דער טאַטע, כדי מען זאָל איהם דאָרט אויפהענגען. אָט דיעזעס אויפהענגען דיענט די מענשען אַלס אַ מיטעל צו רעטען זיך פון די בעשטראָפונג פון אדם'ס זינד.

אויב מענשען גלויבען אין דאָס, וועלען זיי פערגעבען ווערען פאַר אדם'ס פערברעכען; טאָמער גלויבען זיי ניט, וועלען זיי גרויזאַם בעשטראָפט ווערען. אַלס אַ בעווייז, אַז דאָס אַלעס איז אמת, גיט מען אָן דאָס, וואָס דאָס אַלעס איז ענטפּלעקט געוואָרען צו די מענשען פון דעם זעלבען גאָט, די ידיעות איבער וועלכע מיר ווייסען נור פון דיעזע מענשען, וועלכע פריידיגען דיעזע מעשה. ניט ריידענדיג פון די פערשיעדענע קליינע אומענדערונגען אין דיעזער מעשה, פון די פערשיעדענע רעליגיעזע סעקטען, אָבער דער אַלגעמיינער שלוס איז איין און דער זעלבער, דאָס מענשען מוזען גלויבען דאָס, וואָס מען זאָגט זיי, און דאָס זיי מוזען זיך עס אונטערוואַרפען די עקזיסטירענדע הערשאַפטען.

אָט דיעזע לעהרע איז עס די גרונד־אורזאַכע פון דעם שווינדעל, וואָס מענשען האַלטען דעם מיליטער־דיענסט פאַר אַ גוטע און ניצליכע זאַך, לאָזען זיך נעהמען פאַר סאָלדאַטען, ווערענדיג אומגעוואַנדעלט אין מאַשינען אָהן אירגענד וועלכען ווילען, אונטערדריקען און שטיקען זיי זיך זעלבסט. אויב עס זיינען דאָ צווישען די בעשווינדעלטע וועלכע עס איז אונגלויביגע, זיינען דאָס אַזעלכע, וואָס גלויבען איבערהויפּט אין גאָר ניט, און ניט האָבענדיג קיין אונטערשטיצונגס־פּונקט, לאָזען זיי זיך שווימען גלייך מיט אַלעמען און אונגעאַכטעט אויף דעם שווינדעל, וואָס זיי זעהען, אונטערוואַרפען זיי זיך איהם.

דארום, אום צו פערניכטען דעם איבעל, פון וועלכען מענשען ליידען, איז ניט די פריימאַכונג פון די לאַנד, ניט די פערניכטונג פון טאַקסעס, און ניט די פעראַלגעמיינונג פון די אַרבייטס־

מיטעל, און זאָגאר ניט די אָרונטערוואַרפונג פון די עקזיסטי־
רענדע רעגיערונג, נור עס איז נויטיג די פערניכטונג פון יענע
פאַלשע לעהרע, וואָס מען רופט „קריסטענטהום“, „רעליגיאָן“,
אין וועלכע עס ווערען אויפגעצויגען די מענשען פון אונזער צייט.

.8

בעטראַכט נאָר גוט די היינטיגע זאָגענאַנטע קריסטליכע
רעליגיאָן — איז דען דאָ עטוואָס שלעכטעס, עטוואָס פערדאָר־
בענעס, צו וואָס זי גיט ניט איהר ברכה? האָבען שקלאַפען —
מעג מען (אין אייראָפּאַ, ווי אין אַמעריקאַ, איז די קירכע געווען
די פערטהיידיגערין פון שקלאַפעריי). ווערען רייך אויף די פּראַצע
פון די אונטערדריקטע „ברידער אַרבייטער“ — מעג מען. זיין
רייך צווישען אָרעמע־לייט, וואָס קריכען אונטער די טישען פון
די, וואָס פרעסען און זויפען, איז ניט נאָר וואָס מען מעג, נור עס
איז זאָגאר לויבענסווערטה, ווען מען גיט נאָר אַוועק איין טויזענד־
חלק אויף די קירכע און האָספּיטעלער, אַוועקצורויבען פון די
אָרעמע זייער שטיקעל ברויט מיט געוואַלד, אַרעסטירען, שמידען
אין קייטען, צושמידען צו טאַטשקעס, בעשטראָפען — דאָס
אַלעס מעג מען, דערצו גיט די קירכע איהר ברכה. פערהולטאַיע־
ווען דעם גאַנצען יונגען לעבען, און איינע פון דיזע הולטאַי־
סטוואָס אָנצורופען חתונה און קריגען אויף דאָס די ערלויבנים פון
קירכע, מעג מען. איבערהויפּט מעג מען טויטען, פערטהיידיגענ־
דיג ניט נור זיך, נור אפילו אייערע עפּעל פון אייער גאָרטען;
מען מעג אויך טויטען אום צו בעשטראָפען (בעשטראָפען הייסט
מוסר'ן — טויטען אום צו מוסר'ן!), און איבערהויפּט מעג מען,
און עס איז זאָגאר לויבענסווערטה צו טויטען אויפ'ן שלאַכטפעלד
— אויף דעם בעפעהל פון נאַטשאַלסטוואָ. די קירכע ניט נאָר זי
ערלויבט עס, נאָר בעפעהלט עס זאָגאר.

אַלזאָ דער וואָרצעל פון אַלעס איז אין דער פאַלשער לעהרע.
זאָל די פאַלשע לעהרע פערניכטעט ווערען און עס וועט ניט זיין
קיין אָרמעע און גאַנץ פון זיך אַליין וועלען אויפהערען אַלע
געוואַלד־טהאַטען, די דריקונג און די פערדאַרבונג, פון וועלכע
אַלע פעלקער ליידען. אַזוי לאַנג ווי מענשען וועלען אויפגעהאָ־

דעוועט ווערען אין די פאַלשע לעהרע, וועט אימער די אַרמעע זיין אין די הענד פון די מינאָריטעט. דיזע מינאָריטעט וועט זיך אימער בענוצען מיט דער אַרמעע, אום אוועקצורויבען פון פאָלק די פרוכט פון יענעמס אַרבייט. און וואָס איז נאָך ערגער, זי וועט טהאָן אַלעס מעגליכע, אום צו מאַכען דאָס פאָלק שלעכט און קאָרופט, ווייל פון אַן אמת־מאָראַלישען פאָלק וואָלט איהר קיינמאָל ניט געלונגען צו רויבען איהם פון דאָס, וואָס ער האָט אויפגעאַרבייט.

דאַרום האָט דאָך אייגענטליך בעדאַרפט זיין קלאָהר פאַר אַלע, דאָס די פליכט פון יעדען מענשען, וואָס האָט זיך בעפרייט פון דעם רעליגיעזען שווינדעל, און וואָס ווינשט צו דיענען דעם פאָלק, בעשטעהט אין דעם, דאָס ער זאָל מיט וואָרט און טהאַט העלפען די אָבגענאַרטע צו בעפרייען זיך פון דעם שווינדעל, וואָס איז די גרונד־אורזאַכע פון זייער גרויסען עלענד. און דאָך די זעלבע מענשען, וואָס האָבען זיך שוין בעפרייט פון דעם רעלי־גיעזען שווינדעל, מענשען אונאַבהענגיגע, מענשען געבילדעטע — דורך די פּראַצע פון פאָלק, וואָס צוליעב דעם אַליין האָבען זיי שוין בעדאַרפט איהם דיענען — ווילען דאָס ניט איינזעהן.

„די רעליגיעזע לעהרע איז ניט וויכטיג“, זאָגען דיזע מענשען, „דאָס איז אַ פּריוואַט זאַכע פון יעדען בעזונדער. וויכ־טיג און נויטיג איז אַ פּאָליטישע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע געזעל־שאַפטליכע אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט און אויף דעם דאַרפען זיין געריכטעט אַלע אָנשטרענגונגען פון די, וואָס ווילען דיענען דעם פאָלק. די רעליגיעזע לעהרען אָבער זיינען גאָר ניט וויכטיג, און ווי אַלע אַבערגלויבענס וועלען זיי פערשווינדען מיט דער צייט.“

אַזוי ריידען דיזע געבילדעטע מענשען, און ווינשענדיג צו דיענען דעם פאָלק ווערען זיי בעאַמטע פון דער רעגיערונג; זיי טרעטען אַריין אין דער אַרמעע, אין די קירכע, אין פּאַרלאַמענט, ניט אויפווייזענדיג דעם רעליגיעזען שווינדעל, אין וועלכען דאָס פאָלק געפינט זיך מיט דעם, וואָס זיי נעהמען אַנטהייל אין די טהעטיגקייט, אום צו פערבעסערען די אויסערליכע פאָרמען פון דעם לעבען פון דעם אָבגענאַרטען פאָלק. אַנדערע, רעוואָלוציאָנע־

רען, אויך גאָר ניט האָבענדיג צו טהאָן מיט דעם גלויבען פון פאָלק, פאנגען אָן א קאמפף מיט די רעגיערונגען, געבענדיג זיך די מיה צו פערכאפּען די מאכט, ווי די רעגיערונגען, דורך ליגען און געוואלד; די דריטע, סאָציאליסטען, בילדען ארבייטער־פארטייען, סטרייקס, דענקענדיג, דאָס די לאגע פון פאָלק קען פערבעסערט ווערען, ווען ער זאָל זאָגאר פערבלייבען אין דעם זומפּ פון שווינדעל און אבערגלויבען. דיעזע אלע וועלט־פערבע־סערער ניט נאָר וואָס זיי שטערען ניט די פערברייטונג פון דעם פאלשען רעליגיעזען גלויבען, נור ווען עס איז נויטיג, מאכען זיי נאָך אליין מיט דיעזען שווינדעל: זיי שווערען, זיי געהען אין קירכע, זיי נעהמען אנטהייל אין פערשיעדענע רעליגיעזע צערע־מאָניעס. זיי לאָזען צו, אז אין די שולען זאָל מען לערנען זייערע אייגענע און פרעמדע קינדער דעם זאָגענאנטען געטליכען געזעץ, דעם זעלבען געזעץ, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט די פער־שקלאפונג פון די מאסען. אָט דיעזע אונפערשטענדניס איבער די הויפּט־אורזאכע פון די איצטיגע צרות, און דאָס אלע זייערע אָנשטרענגונגען ווערען אָנגעווענדעט אויף גאנץ פאלשע וועגען איז איינע פון די הויפּט־אורזאכען, ווארום די איצטיגע שרעק־ליכע פערדערבליכע אָרדנונג האלט זיך נאָך אזוי לאנג.

זאָלען נור די מענשען פערשטעהן, אז די מענשהייט בעוועגט זיך ניט דורך טהיערישע פאָדערונגען, נור דורך גייסטיגע קרעפּ־טע, און דאָס די הויפּט גייסטיגע קראפט איז די רעליגיאָן, ד. ה. די בעשטימונג פון דעם זין פון לעבען, ד. ה. די מעגליכקייט צו אונטערשיידען פון גוט ביז שלעכט, פון וויכטיגעס ביז ניט וויכ־טיגעס; זאָלען נאָר די מענשען דאָס פערשטעהן, און זיי וועלען גלייך איינזעהן, אז די הויפּט־אורזאכע פון די אונגליקען פון די איצטיגע מענשהייט איז ניט אין אויסערליכע מאטעריעלע אור־זאכען, ניט אין פּאָליטישע און ניט אין עקאָנאָמישע פערהעלט־ניסע, נור אין די פערבייטונג פון די וואהרהייטען, וואָס זיינען נויטיג פאר די מענשהייט, אויף אונזיניגע, אונזיטליכע און משוגענע בעהויפּטונגען, וואָס טראָגען איצט דעם נאָמען פון רעליגיאָן, צוליעב וועלכע דאָס ניט גוטע ווערט געהאלטען פאר

גוט, דאָס ניט וויכטיגע פאַר וויכטיג, און פערקעהרט: דאָס גוטע פאַר ניט גוט, דאָס וויכטיגע פאַר ניט וויכטיג.

זאָלען נור די בעסערע, די אונאבהענגיגע מענשען וואָס ווילען באמת דיענען דעם פאָלק, פערשטעהן, דאָס מען קען בשום אופן ניט פערבעסערען די לאַגע פון דעם מענשען, וואָס דענקט, אַז עס איז אַ זינד צו עסען פלייש אַם פרייטאג, און דאָס עס איז אַ מצוה צו בעשטראָפען מיט'ן טויט אַ מענשען, וואָס האָט זיך אין עטוואָס פערשולדיגט, דאָס מען קען ניט פערבעסערען די לאַגע פון אַ מענשען, וואָס דענקט, אַז עס איז וויכטיג צו בוקען זיך פאַר אַ געטשקע אין קירכע אָדער פאַר דעם אימפּעראַטאָר, און דאָס עס איז גאָר ניט וויכטיג צו שווערען צו פאָלגען יענעם, זיך אונטערוואַרפען צו זיין ווילען און לערנען זיך מאָרדען. זאָלען נור מענשען פערשטעהן, אַז קיינע פּאַרלאַמענטען, קיינע סטרייקס, קיינע פעראיינען, קאָאָפּעראַציאָנען, ערפינדונגען, שולען, אוני־ווערסיטעטען, אקאדעמיעס, רעוואָלוציאָנען וועלען ניט ברענגען קיין ווירקליכען נוצען צו מענשען מיט אַ פאַלשע וועלט־אַנשויאונג, און דאַן וועלען גאַנץ פון זיך אַלע קרעפטען פון די בעסערע זיך ווענדען אויף די אורזאַכע און ניט אויף די פאָלגען.

זאָלען נור די מענשען אַזוי האַנדלען, און די אַלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגען וועלען געלייזט ווערען אַזוי, ווי זיי דאַרפען געלייזט ווערען, און ניט ווי מיר שרייבען עס פאָר אָדער ווילען טרעפען.

עס וועלען געלייזט ווערען דיעזע אַלע פראַגען, זעלבסט־פערשטענדליך, ניט גלייך און ניט נאָך אונזער וואונש, ווי מיר זיינען עס געוואוינט איינצואָרדנען דעם לעבען פון אַנדערע מענשען, זאָרגענדיג זיך נאָר איבער דעם, דאָס דיעזער לעבען אין אויסערליכען זאָל זיין עהנליך צו דאָס, וואָס אונז ווילט זיך (דאָס זעלבע, וואָס אַלע רעגיערונגען טהוען), נאָר דיעזע אַלע פראַגען וועלען פערענטפערט ווערען, ווען עס וועט זיך נאָר אומ־ענדערען די רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג פון די מענשען, און דאָס גיכער וועט עס פּאַסירען, וואָס גיכער מיר וועלען אָנווענדען אַלע אונזערע קרעפטען ניט אויף די פאָלגען נור אויף די אורזאַכע פון אַלע ערשיינונגען.

„אָבער די בלויזשטעלונג פון אַ פאַלשער רעליגיאָן און די פריידיגונג פון אַן אמת׳ער, איז אַ זעהר וויטער און לאַנגזאַמער מיטעל“ — זאָגט מען אונז. אַ וויטער אָדער ניט, אַ לאַנגזאַמער אָדער ניט — דאָס איז אָבער דער איינציגער מיטעל, אָדער, ווענינסטענס איז דאָס אַזאַ מיטעל, אָהן וועלכען אַלע אַנדערע מיטלען האָבען ווענינ וואָס ווערטה.

פּאַטריאָטיזם
און רעגיערונג

פּאַטריאָטיזמוס און רעגיערונג

.1

מיר איז שוין עטליכע מאָל אויסגעקומען אויסצושפּרעכען דעם געדאַנק, דאָס פּאַטריאָטיזם אין אונזער צייט איז א געפיהל, וואָס איז אוננאַטירליך, דום, שעדליך — א געפיהל, וואָס איז די סיבה פון א גרויסען טייל פון די אונגליקען, פון וועלכע די מענשהייט ליידעט, און דאָס דאַרום דאַרף דיעזער געפיהל ניט ענטוויקעלט ווערען, ווי מען טהוט עס איצט — נור, פערקעהרט, דאָס דאַרף דערשטיקט און פערניכטעט ווערען מיט אַלע מיטלען, וועלכע זיינען נור דאָ אין די מאַכט פון פערנינפטיגע מענשען. אָבער א וואונדערבאַרע זאַך! טראָץ די אונבעשטרייטבאַרע און אויגענשיינליכע שרעקליכע צרות — ווי אַלגעמיינע בעוואַפנונג, שרעקליכע מלחמות — וואָס קומען אַרויס נור פון דיעזען געפיהל, ווערען אַלע מיינע אַרגומענטען וועגען די דומהייט און שעדליכקייט פון פּאַטריאָטיזם געענטפערט אָדער מיט א שטילשווייגען, אָדער מיט א ניט־פערשטעהן־זיך־מאַכען אָדער מיט איין און דעמזעלבען מאָדנעם תירוץ: מען ענטפערט מיר, דאָס שעדליך איז דער שלעכטער פּאַטריאָטיזם, דער דזשינגאָאיזם, דער שאָוויניזם, אָבער דאָס דער אמת'ער גוטער פּאַטריאָטיזם איז א זעהר ערהאַבענער, זיטליכער געפיהל, וועלכען צו פערדאַמען איז ניט נור ניט קלוג, נור זאָגאַר פערברעכעריש. וועגען דעם אָבער, אין וואָס דיעזער גוטער פּאַטריאָטיזם בעשטעהט, איז אָדער מען מאַכט א שווייג, אָדער, אָנשטאָט אַן ערקלעהרונג, ווערען געברויכט אָנגעבלאָזענע הויך־קלינגענדע פראַזען, אָדער אונטער דעם בעגריף פון פּאַטריאָטיזם ווערט אונטערגעשטעלט עטוואָס, וואָס האָט גאָר ניט געמיינשאַפטליכעס מיט יענעם פּאַטריאָטיזם, וועלכען מיר קענען אַלע, און פון וועלכע מיר אַלע ליידען אזוי שרעקליך.

געוועהנליך זאָגט מען, דאָס דער אמת'ער, גוטער פּאַטרי־אָטיזם בעשטעהט אין דעם, דאָס מען זאָל ווינשען דעם אייגענעם פאָלק און די אייגענע רעגיערונג אמת'ע ברכות, אזעלכע, וואָס זאָלען צו דער זעלבער צייט ניט זיין קיין קללות פאַר אנדערע פעלקער.

ניט לאנג רעדענדעג מיט אַן ענגלענדער וועגען די מלחמה אין טראַנסוואאַל, האָב איך איהם געזאָגט, דאָס די ריכטיגע אורזאכע פון דיעזער מלחמה איז ניט אזוי דער יאָגען זיך נאָך גאָלד — ווי מען זאָגט עס געוועהנליך — ווי דער פּאַטריאָטיזם, ווי דאָס זעהט מען פון דעם אויפפיהרען זיך פון דעם ענגלישען פאָלק.

דער ענגלענדער איז מיט מיר ניט איינפערשטאַנען געוועזען. ער האָט מיר געענטפערט, דאָס אויב די מלחמה איז טאקע צוליעב דעם פּאַטריאָטיזם, איז עס ווייל דער פּאַטרי־אָטיזם איז א שלעכטער. דער גוטער פּאַטריאָטיזם — דער, מיט וועלכען ער איז דורכדרונגען — בעשטעהט אין דעם, דאָס די ענגלענדער, זיינע לאנדסלייט, זאָלען זיך ניט אויפפיהרען שלעכט.

— ווינשט איהר דען, דאָס נור די ענגלענדער אליין זאָלען זיך גוט אויפפיהרען? — האָב איך געפרעגט.

— איך ווינש עס אלעמען! — האָט ער געענטפערט.

און דערמיט האָט ער טאַקי קלאָר בעוויזען, דאָס די אייגענשאַפט פון אמת'ע ברכות — זאָל עס זיין מאָראַלישע, ווי־סענשאַפטליכע אָדער טאַקי נור פּראַקטישע — זיינען אין זייער וועזען אזעלכע, דאָס מען מוז זיי ווינשען אלע מענשען אָהן אונ־טערשיעד פון נאַציאָן, און דאָס דעריבער צו ווינשען אזעלכע גליק־קען וועמען עס איז, איז ניט נור קיין פּאַטריאָטיזמוס ניט, נור איז גראַדע זיין געגענזאַץ.

אויך איז ניט קיין פּאַטריאָטיזם די בעזאָנדערהייטען פון יעדען פאָלק, וועלכע אנדערע פערטהיידיגער פון פּאַטריאָטיזם פערבייטען אבזיכטליך מיט דיזען בעגריף. זיי זאָגען, דאָס די פערשיעדענע אייגענשאַפטען פון יעדע נאַציאָן בעזונדער זיינען א נויטוועגדיגע בעדינגונג פון דעם מענשליכען פּאָרטשריט און

דאָס דעריבער איז דער פּאַטריאָטיזמוס אַ גוטער געפיהל, ווייל ער מאַכט עס, אַז דיעזע בעזאָנדערהייטען זאָלען ניט פערשוואונדען ווערען.

אבער, איז עס דען ניט אויגענשיינליך, דאָס אויב ווען־עס־איז האָבען די בעזאָנדערהייטען פון יעדען פאָלק, זייערע מנהגים, גלויבענס, שפּראַך יא געדיענט דערצו, אַז די מענשהייט זאָל מאַכען פּראָגרעס, זיינען אָבער אין אונזער צייט גראַדע דיעזע בעזאָנדערהייטען איינע פון די גרעסטע שטערונגען צום פּראָגרעס, צו דער פערווירקליכונג פון דעם שוין אנערקענטען אידעאַל פון מענשליכע איינינקייט און ברידערליכקייט? און דאַרום, די אויפהאַלטונג פון די אייגענטהימליכקייטען פון די פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען איז ניט נור, וואָס מאַכט ניט די מענשען צו דערנעהענטערן זיך איינע צו די אנדערע, נור, פערקעהרט, זי דערווייטערט זיי, ענטפרעמדעט זיי אַלץ מעהר איינע פון די אנדערע.

אַלזאָ, דאָס איז ניט דער פּאַרגעשטעלטער, נור טאַקי דער אמת'ער פּאַטריאָטיזם, דער, וועלכען מיר אַלע קענען, דער, אונטער וועמעס הערשאַפט עס געפינט זיך די גרעסטע טהייל מענשען פון אונזער צייט, וואָס מיינט ניט צו ווינשען אַ גוטע אויפפיהרונג דעם אייגענעם פאָלק, אויך ניט די בעזאָנדערהייטען פון יעדען פאָלק, דאָס איז נור אַן אייגענשאַפט, אָבער ניט קיין געפיהל — פּאַטריאָטיזם מיינט איינפאַך נור דער געפיהל, וואָס זאָגט אייך, אַז אייער פאָלק, אייער רעגיערונג איז בעסער פון אַלע אנדערע פעלקער און רעגיערונגען, און דאַרום קומט אויך דער וואונש פון אַ גרעסערען וואהלזיין פאַר אייער רעגיערונג, פאַר אייער פאָלק, וועלכע קען נור ערדרייכט ווערען און ווערט אויך נור אימּמער עררייכט צום שאַדען פון דעם וואהלזיין און מאַכט פון אנדערע פעלקער און רעגיערונגען.

ראַכט זיך, אַז דאָס אַלעס צייגט אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג, דאָס דער פּאַטריאָטיזם אַלס געפיהל, איז אַ שלעכטער און שעדליכער געפיהל; אַלס אַ לעהרע, איז דאָס אויך אַ נאַרישע, ווייל עס מוז דאָך זיין קלאָר פאַר יעדען, דאָס אויב יעדער פאָלק און רעגיערונג וועלען זיך האַלטען פאַר די בעסטע פון אַלע אנדערע

רעגיערונגען און פעלקער, וועלען זיך דאָך אַלע געפינען אין א גראָבען און א שעדליכען טעות.

.2

דאכט זיך, אז די שלעכטסקייט און די אונפערנינפטיגקייט פון פאטריאָטיזם האָבען בעדארפט זיין אויגענשיינליך פאר אלע־מען. און דאָך, א וואונדערבארע זאך, געלעהרענטע, געבילדעטע מענשען, ניט נור, וואָס זיי זעהן דאָס אליין ניט, נור מיט די גרעסטע איינגעשפארטקייט און ליידענשאפטליכקייט, חאָטש אָהן אירגענד וועלכע פערנינפטיגע גרינדע, בעקעמפפען זיי יעדע בעהויפטונג, אז דער פאטריאָטיזם איז געפעהרליך און דום און האלטען אין איין לויבען זיין גוטסקייט און ערהאבענהייט.

ווי־זשע קען מען זיך דאָס ערקלערען ?

נור איין ערקלערונג פון דיעזע וואונדערליכע ערשיינונג שטעלט זיך מיר פאָר. די גאנצע געשיכטע פון דער מענשהייט פון די עלטסטע צייטען און ביז אונזער צייט קען בעטראכט ווע־רען, אלס די בעוועגונג פון דעם בעוואוסטזיין פון איינצעלנע מענשען און פון גאנצע גרופען — פון נידעריגערע אידעען צו אלץ א העכערע און העכערע.

דער גאנצער וועג, וואָס איז דורכגעמאכט געוואָרען, ווי פין איינצעלנע מענשען, אזוי פון גאנצע נאציאָנען, קען פאָרגע־שטעלט ווערען אלס א רייהע פון טרעפ, דער נידעריגסטער, וואָס געפינט זיך אויף דער שטופע פון דעם לעבען פון א חיה, ביז דעם סאמע העכסטען, צו וועלכען אין דעם איצטיגען גע־שיכטליכען מאָמענט קען זיך אויפהויבען דער בעוואוסטזיין פון מענשען.

יעדער מענש, ווי אויך גאנצע פעלקער, און קעניגרייכען, זיינען אימער געגאנגען און געהען דורך די זאָגענאנטע אידעען־טרעפען. א טהייל פון דער מענשהייט געהט פאָראויס, א צוויי־טער בלייבט שטעהן ווייט אויף הינטער און דער דריטער — די מעהרצאָהל — בעוועגט זיך אין מיטען. אלע אָבער, אויף וועלכען טרעפ זיי זאָלען זיך ניט געפינען, האלטען זיך אימער אין איין

בעוועגען זיך פון די נידעריגסטע אידעען צו די העכערע. און אימער, אין יעדע געוויסע פעריאָדע, ווי דער איינצעלנער מענש, אזוי אויך גאַנצע גרופפען — די פאָדערשטע, די מיטעלסטע און די הינטערסטע — געפינען זיך אין דריי פערשיעדענע פערהעלט־ניסע צו די דריי שטופען פון אידעען, צווישען וועלכע זיי בעווע־גען זיך. ווי פאר דעם איינצעלנעם מענשען, אזוי פאר גאַנצע פעלקער, זיינען פאַראַן די אידעען פון די פערגאַנגענהייט; די אידעען וואָס האָבען שוין זייער צייט אָבגעלעבט און זיינען גע־וואָרען פרעמד; די, צו וועלכע די מענשהייט קען זיך שוין ניט צוריקקעהרען, ווי, צום ביישפּיעל, די אידעען פון מענשען־פרע־סעריי, פון וויי־בער־רויבעריי און עהנליכע, פון וועלכע עס בלייבט נור אַן עראינערונג; דאַן קומען די אידעען פון דער געגענוואַרט, וועלכע די מענשען קריגען דורך די ערציהונג, דורך דעם ביי־שפּיעל און דורך די גאַנצע טהעטיגקייט פון די געזעלשאַפט, וועלכע איז ארום זיי, ווי, צום ביישפּיעל, אין אונזער צייט, די אידעען פון אייגענטהום, פון די רעגיערונגס־פאָרמע, פון האַנ־דעל, פון דעם געברויך, וואָס מיר מאַכען מיט הויז־טהיערע. און עס זיינען וויעדער דאָ די אידעען פון דער צוקונפט, פון וועלכע איניגע זיינען שוין גאָר נאָהענט צו זייער פערווירקליכונג אין צווינגען די מענשען אומצוענדערען זייער ארט לעבען און קעמ־פּפען מיט די פריהערדיגע לעבענס־פאָרמען. אזעלכע זיינען, צום ביישפּיעל, די אידעאלען פון אונזער צייט: די בעפרייאונג פון ארבייט, די גלייכבערעכטיגונג פון פרויען און נאָך פיעלע אידעען, וואָס מענשען אנערקענען און וועלכע זיינען דאָך נאָך ניט אריינגעטראָטען אין לעבען. דארום, יעדער מענש און יעדע נאַציאָן, אויף וועלכע שטופע זיי זאָלען זיך ניט געפינען, האַ־בענדיג הינטער זיך די אָבגעלעבטע אידעען פון דער פערגאַנגענ־הייט און פאר זיך די אידעען פון דער צוקונפט — געפינען זיי זיך אימער אין א צושטאַנד פון קאַמפּף צווישען די אָבשטאַר־בענדע אידעען פון די געגענוואַרט מיט די אין לעבען אריינקו־מענדע אידעען פון דער צוקונפט. עס פּאַסירט געוועהנליך אַט וואָס: די אידעע, וואָס איז אמאָל געוועזן ניצליך און זאָגאר נויטווענדיג, ווערט איבעריג, טרעט זי אָב נאָך א מעהר אָדער ווע־

ניגער לאנגען קאמפף, איהר פלאץ דער נייער אידעע, וועלכע איז פריהער געווען אן אידעאל און וועלכע ווערט די אידעע פון דער געגענוואַרט.

עס פאסירט אָבער זעהר אָפט, דאָס די אָבגעלעבטע אידעע, וועמעס פלאץ איז שוין פערנומען אין דעם בעוואוסטזיין פון מענשען מיט א העכערע אידעע, איז אזעלכע, דאָס איהר אויפ־האַלטונג איז פון גרויסער וויכטיגקייט פאר איניגע מענשען, וואָס האָבען דעם גרעסטען איינפלוס אין דער געזעלשאפט. און דאן קומט פאָר, דאָס דיעזע אָבגעלעבטע אידעע, אונגעאכטעט אייף איהר שטארקען ווידערשפרוך צו די גאנצע אומגעענדער־טע לעבענס־אָרדנונג, זעצט נאָך אימער פאָרט איהר ווירקונג אויף די מענשען און לייטעט זיי אין זייערע האנדלונגען. אזא אויפ־האַלטונג פון אן אָבגעלעבטע אידעע איז אימער פאָרגעקומען אין דער רעליגיעזער וועלט. די אורזאכע דערפון איז די, דאָס די גלחים, די ראבינער, וועמעס גוטע שטעלען זיינען אימער ענג פערקניפט מיט די אָבגעשטאָרבענדע אידעע, בענוצען זיך מיט זייער הערשאפט און גיבען זיך אלע מיהע אָנצוהאַלטען דעם מענשען ביי דעם אלטען גלויבען.

איבער דיזעלבע אורזאכען קומט עהנליכעס פאָר אין דער רעגיערונגס־וועלט אין איהרע פערהעלטניסע צו די אידעע פון פאטריאָטיזם, אויף וועלכען עס גרינדעט זיך יעדע הערשאפט. מענשען, פאר וועמען עס איז העכסט וויכטיג אויפצוהאַלטען דיעזע אידעע, וואָס האָט שוין קיין זין און קיין נוצען, האַלטען זיי איהר אויף קינסטליך. האָבענדיג די מעכטיגסטע מיטלען, ווי אזוי צו בעאיינפלוסען מענשען, קענען זיי עס שטענדיג טהאָן.

אָט דאָס, שיינט מיר, איז די איינציגע ערקלערונג פון דיע־זען מאָדנעם ווידערשפרוך, אין וועלכען עס געפינט זיך די אידעע פון פאטריאָטיזם מיט די אלע אנדערע פראָגרעסיווע אידעען, וואָס האָבען שוין פערנומען זייערע פלעצער אין אונזער לעבען.

3.

פאטריאָטיזם, אלס א געפיהל פון אויסשליסליכע ליעבי

צו איינגענעם פאָלק און אלס א לעהרע פון די גרויסקייט מקריב צו זיין אייער רוה, אייער אייגענטהום און זאָגאר אייער לעבע צום שוץ פון די שוואכע געגען די געוואלד פון דעם שונא, אי געוועזן די העכסטע אידעע פון יענער צייט, ווען יעדע נאציאָ האָט עס געהאלטען פאר מעגליך און פאר ריכטיג, צוליעב איהר אייגענע טובה, צו טוידטען און ראבירען מענשען פון אן אנדער פאָלק. אָבער שוין דאָך מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק איז פו די אלע פאָרשטעהער פון חכמה און וויסענשאפט אנערקענט געוואָרען, אז די העכסטע אידעע איז די ברידערליכקייט פון אלע מענשען, און דיעזע אידעע, איינדרינגענדיג אלץ מעהר און מעהר אין דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, האָט זיך אין אונזער צייט שוין פערווירקליכט אויף פערשיעדענע אופנים. א דאנק די דאמפף־שיפען, די אייזענבאהנען, די אינטערעסען פון האנדעל, פון קונסט און וויסענשאפטען, זיינען די מענשען פון אונזער צייט פעראייניגט צווישען זיך ביז צו אזא גראד, דאָס די געפאהר פון פערכאפונגען, מאָרד, געוואלד פון דער זייט פון אונזערע שכנים איז גענצליך פערשוואונדען געוואָרען, און אלע פעלקער (פעלקער, ניט רעגיערונגען) לעבען צווישען זיך אין גאנץ פריעדליכע פערהעלטניסע. עס איז קיין זין, קיין אינטערעס פאר זיי דיעזע פערהעלטניסע צו צושטערען. דארום האָט דאָך, דאכט זיך, דער געפיהל פון פּאטריאָטיזמוס, איבעריג און ניט פאסענד פאר די נייע לעבענס־פערהעלטניסע און אידעען, בעדארפט פערניכטעט ווערען, און ענדליך אין גאנצען פערשווינדען. און דאָך פאסירט גראדע דאָס אומגעקעהרטע: דיעזער שעדליכער און פערעלטערטער געפיהל, ניט נור וואָס ער עקזיסטירט, נור ער ווערט אלץ מעהר און מעהר אויפגעפלאקערט!

די פעלקער, אָהן אירגענד וועלכען פערנינפטיגען גרונד און געגען זייערע אייגענע אינטערעסען, ניט נור, וואָס זיי סימפאטיזירען מיט זייערע רעגיערונגען אין זייער בעפאלען אנדערע פעלקער, אין זייערע פערכאפונגען פון פרעמדע לענדער, און אין האלטען מיט געוואלד דאָס, וואָס איז שוין פערכאפט געוואָרען — נור זיי פאָרדערען נאָך אליין פון זייערע רעגיערונגען צו טהאָן דאָס; זיי פרעהען זיך, זיי זיינען שטאָלץ, ווען דאָס געלינגט זיי.

די קליינע אונטערדריקטע פעלקער, וואָס זיינען געפאַלען אונטער די הערשאַפט פון די גרויסע קעניגרייכע — פּאָליאַקען, אירלענדער, טשעכען, פינלענדער, אַרמעניער — אַרבייטענדיג געגען דעם דריקענדען פּאַטריאָטיזם פון זייערע בעזיעגער, האָבען זיך צי אַזאַ גראַד אָנגעשטעקט פון זייערע בעהערשער מיט דעם אָבּגעלעבטען, דעם אונזיניגען און שעדליכען געפיהל פון פּאַטריאָטיזם, דאָס זייער גאַנצע טהעטיגקייט איז נור געצילעוועט אויף דיזען געפיהל און דאָס זיי אַליין, ליידענדיג פון דעם פּאַטריאָטיזם פון די שטאַרקע פעלקער, זיינען בערייט אויסצופיהרען איבער אַנדערע פעלקער דאָס זעלבע, וואָס די שטאַרקערע האָבען געטהאָן מיט זיי.

דאָס קומט דערפון, וואָס די רעגיערענדע קלאַסען (פערשטעהענדיג אונטער דיזען וואָרט ניט נור די רעגיערונגען מיט זייערע בעאַמטע, נור אויך אַלע קלאַסען, וואָס האָבען געוויסע פּריווילעגיען: קאַפּיטאַליסטען, זשורנאַליסטען, די מייסטע קינסטלער, געלעהרטע) קענען נור בלייבען ביי זייערע פּריווילעגיען נור אויפהאַלטענדיג די רעגיערונג־סיסטעמע, וועלכע פון איהר זייט ווערט שטאַרק אונטערשטיצט פון דעם פּאַטריאָטיזם. האָבענדיג אין זייערע הענד די מעכטיגע מיטעל, ווי צו ווירקען אויפ'ן פאָלק, האַלטען זיי אימער אויף אין זיך און אין אַנדערע דיעזע פּאַטריאָטישע געפיהלען, און דאָס טהוען זיי מיט דאָס מעהר לוסט, ווייל דיעזע געפיהלען ווערען זעהר גוט בעלוינט פון די הערשענדע מאַכט.

יעדער בעאַמטער האָט אַלץ מעהר שאַנסען צו שטייגען אין זיין טשין, וואָס אַ גרעסערער פּאַטריאָט ער איז. דער קריעגפיהרער קען נור אין דער מלחמה קומען צו אַ העכערען ראַנג.

פּאַטריאָטיזם און זיינע פאָלגען — מלחמות — גיבען אַן איינגעהויערען פערדיענסט פאַר די צייטונגען און זיי זיינען זעהר גיט פאַר פיעלע פּאָדראַטשיקעס. יעדער שרייבער, לעהרער, פּראָפעסאָר איז אַלץ בעסער בעזאָרגט מיט זיין חיונה, וואָס אַ שטאַרקערער פּאַטריאָט ער איז. יעדער אימפּעראַטאָר, קעניג ווערט אַלץ בעריהמטער, וואָס מעהר ער איז אַן איבערגעבענער פּאַטריאָט. אין די הענד פון די רעגיערונג־קלאַסען זיינען דאָ

די ארמיי, געלד, שוהלע, רעליגיאָן און פרעסע. אין די שולען פלאַמען זיי אויף דעם פּאַטריאָטיזם מיט פערשיעדענע געשיכטען, בעשרייבענדיג דעם אייגענעם פאָלק אלס דעם בעסטען פון אלע פעלקער, און אייביג גערעכט. אין די ערוואקסענע פלאַקערט מען פערנאנדער דיעזען געפיהל דורך פייערליכע דעמאָנסטראַציאָנען, דורך מאָנומענטען און דורך א לעבהאפטע פרעסע.

אָט דיעזער אויפפלאַקערען פון פאַטריאָטיזם געהט אָן צווישען די אייראָפּעאישע פעלקער מיט אַן אונגעהויערער שנעלקייט, און אין אונזער צייט איז דיעזער שרעקליכער געפיהל דערגאַנגען צו אזא גראד, אַז ווייטער קען ער שוין ניט געהן.

4.

אפילו נאָך ניט קיין גאַנץ אלטע מענשען געדענקען נאָך א פּאַסירונג, וואָס האָט אויפ'ן קלאָרסטען אופן בעוויעזען די שרעקליכע משוגעת, וועלכע די מענשען פון אונזער צייט האָבען דערגרייכט.

די רעגיערענדע קלאַסען פון דייטשלאַנד האָבען פאַנאַנדער־געברענט דעם פּאַטריאָטיזם פון דער מאַסע צו אזא גראד, דאָס אין די צווייטע העלפט פון דעם נייגצעהנטען יאהרהונדערט איז פּאָרגעשלאָגען געוואָרען א געזעץ, נאָך וועלכען אלע, אָהן אויס־נאהמע, מוזען זיין סאָלדאַטען, אלע זיהן, פאָטערס, מאַנען מוזען זיך לערנען צו מאָרדען און זיין אונטערטהעניגע קנעכט פון דעם ערשטען העכסטען טשין, און זיין אימער פערטיג צו מאָרדען די, וועמען מען הייסט זיי מאָרדען: צו מאָרדען מענשען פון אונ־טערדריקטע פעלקער, צו מאָרדען ארבייטער, וואָס קעמפּפען פאר זייערע רעכטע, צו מאָרדען זייערע אייגענע פאָטערס און ברידער, ווי דאָס האָט עפענטליך ערקלערט דער גרעסטער בעל חוצפה צווישען אלע הערשער — ווילהעלם דער צווייטער.

דיעזער שרעקליכער געזעץ, וועלכער בעליידיגט אויפ'ן גרעבסטען אופן די בעסערע געפיהלען פון די מענשען, איז אָנ־גענומען געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון פּאַטריאָטיזמוס, אָהן אירגענד וועלכען פּראָטעסט.

די פאָלגע פון דיעזען געזעץ איז געווען דער זיעג איבער די פראנצויזען. דיעזער זיעג האָט נאָך מעהר פאַנאַנדער־

געברענט דעם פּאַטריאָטיזמוס פון דייטשלאַנד, נאכהער פון פראנקרייך, פון רוסלאַנד און פון אנדערע רעגיערונגען. און אַלע אנדערע אייראָפּעאישע נאַציאָנען האָבען זיך אונטער־געגעבען אָהן אַ פּראָטעסט צו די איינפיהרונג פון מיליטער־פליכט, ד. ה., צו אַ שקלאַפעריי, מיט וועלכע זי קען זיך גאָר ניט פערגלייכען — נאָך דעם גראַד פון ערניעדריגונג און שקלאַפּישע געהאָרכזאמקייט — מיט אירגענד וועלכע שקלאַפעריי פון די אַלטע צייטען. נאָך דעם זיינען די שקלאַפּישע אונטערטהעניג־קייט פון די מאַסען, אין דעם נאָמען פון פּאַטריאָטיזמוס, און די חוצפּה, גרויזאַמקייט און זינלאָזיגקייט פון די רעגיערונגען געווען אָהן אַ מאָס און אָהן אַ ברעג. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע קאָנקורענץ אין דעם פערכאַפּען פון פרעמדע לענדער אין אזיען, אפריקאַ און אמעריקאַ און אַלץ אַ גרעסערער מיס־טרויען און צאָרן צווישען די רעגיערונגען.

די פערניכטונג פון די פעלקער אויף די פערכאַפּטע לענדער האָט מען אָנגענומען אַלס עטוואָס גאַנץ נאַטירליכעס, זעלבסט־פערשטענדליכעס. די פראַגע איז נור געווען, ווער עס וועט פריהער פערכאַפּען די פרעמדע לאַנד און וועט פערניכטען איהר בעפעלקערונג. אַלע רעגיערער, ניט נור האָבען זיי איינע געגען די אַנדערע ווי אויך געגען די בעזיעגטע פעלקער פערבראָכען געגען יעדע פּאָרדערונג פון מענשליכע גערעכטיגקייט, נור זיי האָבען בעגאַנגען פערשיעדענע אַרטען שווינדעל, קאָרופּציאָן, פעלשונגען, שפּיאָנעריי, רויב, מאָרד — און די פעלקער ניט נור סימפּאַטיזירען זיי מיט דעם אַלעם, נור זיי פרעהען זיך נאָך, דאָס ניט אַנדערע נור זייערע רעגיערונגען איז דאָס געלונגען אויסצופיהרען. די געגענזייטיגע פיינדשאפט פון די פעלקער און רעגיערונגען האָט דערגרייכט אין די לעצטע צייט צו אזאַ גראַד, דאָס טראָץ דעם, וואָס די פעלקער האָבען קיין אורזאַכע צו בעפאַלען איינע די אַנדערע, דאָך ווייסען אַלע, דאָס די אַלע רעגיערונגען שטעהען איינע געגען די אַנדערע מיט אויס־געשטרעקטע נעגעל און מיט אויסגעשצירעטע ציין, און וואַרטען נור דאָס איינעם פון זיי זאָל טרעפען אַן אונגליק, ער זאָל אָב־

געשוואכט ווערען, כדי מען זאָל קענען מיט וועניגער געפאהר זיך ארויפוואַרפען אויף איהם און צורייסען איהם.

אַלע פעלקער פון די זאָגענאַנטע קריסטליכע וועלט זיינען געבראַכט געוואָרען דורך דעם פּאַטריאָטיזמוס צו אזא ברוטאַלי־טעט, דאָס ניט נור די מענשען, וואָס מוזען טוידטען אָדער געטוידט ווערען, פערלאַנגען און פרעהען זיך איבער מלחמות, נור אפילו די, וואָס לעבען זיך רוהיג אין זייערע גאַנץ זיכערע הייזער, געפינען זיך אין דער לאַגע פון צוזעהער אין א רוימישען צירק און, ווי דאָרט, פרעהען זיי זיך איבער די פערגאָסענע בלוט.

ניט נור די גרויסע, נור זאָגאַר די קינדער, די ריינע, אונ־שולדיגע קינדער פרעהען זיך ווען זיי דערוויסען זיך, אז פון די לעדיט־קוילען זיינען געהרג'עט געוואָרען ניט זיעבען־הונדערט נור טויזענד ענגלענדער אָדער בורען.

אָבער דאָס איז נאָך וועניג. יעדע אַרמעע־פערגרעסערונג פון איין רעגיערונג צווינגט די צווייטע אויך איהרע צו פערגרע־סערען, דאַן פערגרעסערט די ערסטע איהרע נאָך מעהר, און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

דאָס זעלבע קומט פאָר מיט די קריעפּאָסטען, פלאָטען: איין רעגיערונג האָט אויסגעבויט צעהן קריעגסשיפען, די אנדערע האָט זיך געמאַכט עלף, — דאַן מאַכט זיך די ערסטע צוועלף...

—„איך וועל דיר געבען א קניפּ"... — „און איך דיר אין די אויגען אריין." — „און איך דיר מיט דער דובינע." — „און איך דיר מיט א ביקס." אזוי רייסען זיך צווישען זיך נור שלעכטע, בייזע קינדער אָדער חיות, און דאָך דאָס זעלבע ווערט געטהאָן פון די העכסטע פאָרשטעהער פון אונזערע רעגיערונגען, פון די, וואָס האָבען צו זאָגען איבער די ערציהונג און די מאָראַל פון זייערע אונטערטהאַנען.

.5

די לאַגע ווערט אַלץ ערגער און אָבצושטעלען דיעזע פער־ערגערונג, וואָס פיהרט צו אַן אויגענשיינליכע פערניכטונג, איז ניטאָ קיין מעגליכקייט. דער איינציגער אויסגאַנג, וואָס האָט זיך גע'חלום'ט פערשיעדענע לייכטגלויביגע מענשען, איז איצט פערמאַכט מיט די פאַסירונג פון דער לעצטער צייט;

איך רייד דאָ פון דעם פריעדענס־קאָנגרעס, וואָס האָט שטאָט־געפונען אין האאג און פון דער מלחמה צווישען ענגלאנד און טראנסוואל, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען גלייך נאָכ׳ן קאָנגרעס.

אויב ווייניג־ אָדער אויבערפלעכליך־דענקענדע מענשען האָבען זיך נאָך פריהער געקענט טרייסטען מיט דעם געדאנק, אז אַן אינטערנאציאָנאלער פריעדענס־געריכט קען בעזייטיגען די אונגליקען פון מלחמה און פון די אלץ מעהר און מעהר וואקסענדע בעוואפנונג, האָבען דער קאָנגרעס אין האאג און די מלחמה, וואָס איז געקומען גלייך דערנאָך בעוויעזען אויף דעם קלאָרסטען אופן, אז דיעזע פראגע קען ניט געלייזט ווערען אויף דיעזען וועג. נאָך דעם קאָנגרעס אין האאג איז געוואָרען אויגענ־שיינליך פאר אלע, דאָס אזוי לאנג, ווי עס וועלען זיין רעגיערונ־גען מיט ארמעען, איז אונמעגליך צו ערווארטען דאָס מלחמות זאָלען אויפהערען. אום עס זאָל מעגליך זיין אַן איינפערשטענד־ניס, איז נויטיג דאָס די איינפערשטענדיגע זאָלען גלויבען איינע די אנדערע. כדי די רעגיערונגען זאָלען גלויבען איינע די אנדערע, איז נויטיג זיי זאָלען אוועקלעגען זייער געוועהר, ווי דאָס טהוען די פארלאמענטאריסטען וואָס פאָהרען זיך צוזאמען אויף זייערע קאָנגרעסען.

אזוי לאנג אָבער ווי די רעגיערונגען, ניט טרויענדיג איינע די אנדערע, שאפען ניט אָב, פערקלענערען, נור פערגרעסערען אלץ זייערע ארמעען, שפיאָנעווען איינע ביי די אנדערע, וויסענ־דיג, אז איינע וועט זיך ארויפווארפען אויף די צווייטע אזוי שנעל ווי עס וועט נור זיין אירגענד וועלכע מעגליכקייט, — איז קיין איינפערשטענדניס ניט מעגליך און יעדער קאָנגרעס איז א דומהייט, אָדער א שפיעלכעל, אָדער א שווינדערל, אָדער א חוצפה, אָדער דאָס אלעס צוזאמען.

טאקע פאר דער רוסישער רעגיערונג האָט אם בעסטען געפאסט צו זיין דער אָרגאניזירער פון אזא קאָנגרעס. די רוסישע רעגיערונג איז אזוי צולאָזען געוואָרען דערפון, וואָס אין דער היים טאָר קיינער ניט ענטפערן אויף אלע איהרע פאלשע מאניפעסטען, דאָס אונגעאכטעט אויף דעם וואָס זי רואינירט איהרע אונטערטהאנען מיט בעוואפנונג, וואָס זי שטיקט פוילען,

ראבירט טורקעסטאן, כינא און מיט א בעזאָנדערען כעס שטיקט זי פינלאנד, — אין פולער זיכערהייט דאָס מען וועט איהר גלויבען, — האָט פאָרגעשלאָגען די פעלקער אוועקצולעגען די געוועהר.

אָבער ווי ווילד, ווי אונערווארטעט, ווי אונפערשעהמט דיזער פאָרשלאג איז געווען, איבערהויפּט נאָך אין דער צייט, ווען עס זיינען געטראָפען געוואָרען מאַסרעגעלען צו פערגרעסערען די ארמיי, זיינען די ארויסגעזאָגטע אין די עפענטליכקייט ווערטער געווען אזעלכע, דאָס די אַנדערע רעגיערונגען האָבען זיך צוליעב זייערע פעלקער ניט געקאָנט ענטזאגען פון די קאָמישע, אויגענשיינליך ליגנערישע בעראטהונגען. און די דעלעגאטען זיינען זיך צוזאמענגעפאָהרען, וויסענדיג אין פאָראויס, דאָס דערפון קען גאָר ניט ארויסקומען, און אין דעם משך פון עטליכע מאָנאטען, קריגענדיג גוט בעצאָהלט פאר זייער טרחה, חאָטש זיי האָבען אליין געלאכט זיך אין ארבעל, האָבען זיי זיך אלע געמאכט, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען אין אמת שטארק פערזאָרגט, ווי מען מאכט פריעדען צווישען די פעלקער.

דער קאָנגרעס אין האאג, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט א שרעקליכע בלוט־פערגיסונג — מיט דעם קריעג אין טראנסוואאל, וועלכען קיינער האָט גאָר דעם פערזוך ניט געמאכט צו שטערען — איז געווען דאָך ניצליך, חאָטש גאָר ניט דערמיט, וואָס מען האָט פון איהם ערווארטעט. דער נוצען איז דער, דאָס עס איז בעוויזען געוואָרען, דאָס דער אונגליק, פון וועלכען די מענשען ליידען, קען ניט פערהיט אָדער בעזייטיגט ווערען פון די רעגירונגען; דאָס די רעגיערונגען, ווען זיי זאָלען אפילו וועלען, קענען ניט אויפהערען זיך צו בעוואפנען אלץ מעהר און מעהר און צו פיהרען קריעג. די רעגיערונגען, כדי זיי זאָלען קענען עקזיסטירען, מוזען האָבען דעם אויסרייד, דאָס זיי פערטהיידיגען זייערע פעלקער פון דעם אָנפאל פון אנדערע. אָבער קיין איינציגעס פאָלק וויל ניט אָנפאלען און פאלט ניט אָן אויף דאָס צווייטע. און דארום, אנשטאט צו וועלען פריעדען, מוזען די רעגיערונגען זעהען צו מאכען פיינדשאפט צווישען די פעלקער. אויפרייצענדיג די פיינדשאפט פון אנדערע פעלקער צו זיך, און

אויפפלאקערנדיג דעם פּאַטריאָטיזם אין דעם אייגענעם פאָלק, ריידען זיי איין דעם אייגענעם פאָלק, דאָס ער איז אין גרויס געפאהר, און מען דארף זיך פערטהיידיגען.

האָבענדיג אין זייער האנד די מאַכט, קענען די רעגיערונגען צורייצען אנדערע פעלקער און ארויסרופען דעם פּאַטריאָטיזם אין זייער אייגענעם, און טהאָן מוזען זיי עס, ווייל אנדערס וואָלטען זיי ניט געקאָנט עקזיסטירען.

אויב אמאָל זיינען רעגיערונגען נויטיג געווען, אום צו פערטהיידיגען זייערע פעלקער פון די בעפאַלונגען פון אנדערע, איז איצט גראָד פערקעהרט: די רעגיערונגען זעהען מיט אלע קונצען צו צושטערען דעם פריעדען, וואָס עקזיסטירט צווישען די פעלקער און ארויסצורופען א פיינדשאַפט צווישען זיי.

ווען מען האָט בעדארפט אַקערען, אום צו זייען, איז דאָס אַקערען געווען א פערנינפטיגע זאך; אָבער, עס איז דאָך זעלבסט־פערשטענדליך, אז עס איז דום, שעדליך צו אַקערען, ווען די זריעה איז שוין אויפגעגאַנגען. און דאָס זעלבע צווינגען די רעגיערונגען זייערע פעלקער צו טהאָן — צו פערניכטען די אייניגקייט, וואָס עקזיסטירט, און וועלכע וואָלט קיינמאָל ניט צושטערט געוואָרען, ווען קיין רעגיערונגען וואָלטען אויף דער וועלט ניט געווען.

.6

און אין דער אמת'ען, וואָס איז דאָס אזעלכעס די רעגיערונגען פון אונזער צייט, אָהן וועלכע מענשען דאכט זיך מען קען גאָר ניט עקזיסטירען?

אויב עס איז אמאָל געווען א צייט, ווען די רעגיערונגען זיינען געווען א נויטיגע און א קלענערע צרה, אלס דאָס, וואָס איז ארויסגעקומען פון די שוצלאָזיגקייט געגען די אָרגאַניזירטע פעלקער, זיינען אָבער איצט די רעגיערונגען געוואָרען אן איבעריגע זאך, און אַ גרעסערע צרה, ווי אלעם דאָס, מיט וואָס זיי שרעקען זייערע פעלקער.

רעגיערונגען, ניט נור קריעגערישע, נור רעגיערונגען אין אלגעמיין, וואָלטען געקאָנט זיין — איך זאָג שוין ניט ניצליך, אָבער וועניגסטענס ניט שעדליך, נור אין אזא פאַל, ווען זיי וואָל־

טען געווען צוזאמענגעשטעלט פון הייליגע מענשען, ווי דאָס ווערט גערעכענט פאר נויטיג ביי די כינעזער. אָבער די רעגיערונגען, שוין צוליעב זייער פּראָפעסיאָן, וועלכע בעשטעהט אין דעם בעגעהן פון פערשיעדענע געוואלד־טהאטען, בעשטעהען אימער פון עלעמענטען, וואָס זיינען גראדע דער היפּך פון הייליגע; זיי זיינען די פרעכסטע, גרעבסטע און פערדאָרבענסטע מענשען.

דארום איז יעדע רעגיערונג, און איבערהויפּט נאָך א רעגיערונג, וואָס האָט די קריעג־הערשאפט אין איהרע הענד, א שרעקליכע, די געפעהרליכסטע אין דער וועלט אינסטיטוציאָן.

רעגיערונג, אין דעם ברייטעסטען זין פון דעם וואָרט, איינשליסענדיג אין איהר די קאפּיטאליסטען און די פּרעסע, איז ניט קיין אנדער זאך, ווי נור אזא אָרגאניזאציאָן, וועלכע מאכט מעגליך, אז די קלענערע טהייל פון דער מענשהייט זאָל הערשען איבער דער גרעסערער. דיעזע קלענערע טהייל אונטערוואַרפט זיך אָבער נאָך א קלענערען טהייל, און יענע קלענערע — נאָך א קלענערען, ביז עס קומט דערצו, אז נור איינציגע מענשען אָדער איין מענש קריגט די גאנצע הערשענדע מאכט איבער אלע איבעריגע. דיעזע גאנצע געביידע איז עהנליך צו די פאָרמע פון א קאָנוס*), אלע טהיילען פון וועלכע געפינען זיך אין די פאָלשטענדיגע מאכט פון די פּערזאָנען אָדער פּערזאָן, וואָס געפינט זיך אויפ'ן שפּיץ.

דעם שפּיץ אָבער פון דיעזען קאָנוס פערכאפּען געוועהנליך דיעזע מענשען אָדער דער מענש, וואָס איז ביטרער, מעהר פרעך און געוויסענלאָזער פאר די אנדערע. אָדער דער צופעליגער יורש פון דיעזע פרעכע און געוויסענלאָזע מענשען.

הייגט איז באָריס־גאָדונאָוו, מאָרגען איז גרעגאָרי אָטרעפּיעוו דער הערשער; הייגט די הולטאיקע יעקאטערינא, וואָס האָט דערשטיקט מיט איהר ליובאָווניק איהר מאן, מאָרגען פּוגאטשאָוו, איבערמאָרגען דער פערריקטער פאוועל, ניקאָלאַי, אלעקסאנדער דער דריטער.

---

*) אַ קאָנוס האָט די פאָרמע פון אַ הוטעל צוקער.

היינט נאפאלעאן, מארגען בורבאן אדער ארלעאנסקער פרינץ, אדער בולאנזשע אדער א קאמפאניע פאנאמיסטען; היינט גלאדסטאן, מארגען סאלסבערי, טשעמבערליין, ראדס.

און אזעלכע רעגיערונגען האבען דאס די פולע מאכט ניט נור איבער אייגענטהום און לעבען, נור זאגאר איבער די גייס־טיגע און מאראלישע ענטוויקלונג, איבער די אויפפיהרונג, איבער די רעליגיעזע פיהרערשאפט פון אלע מענשען!

אט מאכען זיך מענשען אזא שרעקליכע מאשין פון הער־שאפט, לאזען איהר פערכאפען וועמען עס איז (און אלע שאנ־סען זיינען דאפיר, אז די מאכט פערכאפט דער גרעסטער לומפ, דער פערדארבענסטער) און ווי קנעכט אונטערווארפען זיי זיך דיעזע הערשאפט, און נאכהער וואונדערען זיי זיך, דאס עס איז זיי שלעכט. זיי האבען מורא פאר מינען, פאר אנארכיסטען, און זיי האבען ניט מורא פאר יענע שרעקליכע איינריכטונג, וואס סטראשעט זיי יעדע מינוט מיט די גרעסטע אונגליקען!

מענשען האבען אויסגעפונען, דאס אום צו פערטהיידיגען זיך געגען שונאים, איז פאר זיי ניצליך זיך צוזאמענצובינדען, ווי דאס טהוען די טשערקעסען. אבער עס איז איצט שוין קיין גע־פאהר ניטא, און זיי האלטען זיך נאך אלץ אין איין צוזאמענ־בינדען.

און ווי שטארק זיי בינדען זיך צוזאמען — אזוי, דאס איין מענש זאל קענען מיט זיי אלעמען טהאן, וואס איהם פערווילט זיך! דעם עק פון שטריק, מיט וועלכע זיי בינדען זיך אויף, לאזען זיי גאנץ פריי זיך שאקלען, איבערלאזענדיג פאר יעדען ניעגאדיאי, פאר יעדען שוטה צו כאפען עס און טהאן מיט זיי אלעס, וואס איהם געפעהלט.

און וואס טהוען דען אנדערש די פעלקער, ווען זיי אונטער־ווארפען זיך, גרינדען און האלטען אויף אן ארגאניזירטע רעגיע־רונגס־באנדע?

.7

אום צו ראטעוועו די מענשען פון די שרעקליכע צרות, וואס קומען ארויס פון בעוואפנונגען און מלחמות, וועלכע זיי ליידען איצט, און וועלכע ווערען אלץ גרעסער און גרעסער, זיינען

נויטיג ניט קיין קאָנגרעסען, ניט קיין פריעדענס־קאָנפערענצען, נור די פערניכטונג פון דעם ווערקצייג פון פערגעוואַלדיגונג, וואָס רופט זיך רעגיערונג, און וואָס איז די אורזאַכע פון אַלע מענשליכע צרות.

אום צו פערניכטען די רעגיערונג, איז נור נויטיג איין זאַך: עס איז נויטיג, אז מענשען זאָלען פערשטעהן, אז דער געפיהל פון פּאַטריאָטיזם, וואָס דאָס איז דאָס איינציגע, אויף וואָס די רעגיערונג שטיצט זיך, איז א גראָבער, שעדליכער, שענדליכער און א שלעכטער געפיהל, און איבערהויפּט אַן אונמאָראַלישער געפיהל. א גראָבער געפיהל איז פּאַטריאָטיזם צוליעב דעם, ווייל ער איז אייגענטהימליך נור מענשען וואָס שטעהען אויף דער נידעריגסטער שטופע פון זיטליכקייט, וועלכע ערוואַרטען פון אַנדערע פעלקער דיזעלבע געוואַלד־טהאַטען, וועלכע זיי זיינען פערטיג צו בעגעהן איבער אנדערע; א שעדליכער געפיהל איז ער צוליעב דעם, ווייל ער צושטערט די פריעדליכע און גוטע פער־העלטניסע מיט אַנדערע פעלקער און איבערהויפּט, ווייל ער בע־שאַפט די אָרגאַניזאַציאָן פון רעגיערונגען, וועלכע נור די ערגסטע קריגען אריין אין זייער מאַכט; א שענדליכער געפיהל איז ער צוליעב דעם, ווייל ער פערוואַנדעלט דעם מענשען ניט נור אין א שקלאַף, נור אין א קאַמפּף־האָן, אין אַן אָקס, אין א גלאַדיאַטאָר, וועלכער פערניכטעט זיינע קרעפטען און זיין לעבען ניט פאר זיך, נור פאר זיין רעגיערונג; אַן אונזיטליכעס געפיהל איז עס צו־ליעב דעם, ווייל, אַנשטאָט זיך צו בעטראַכטען אלס א פרייען מענשען, וועלכער געהט נאָך זיין אייגענעם שכל, ווערט יעדער מענש, אונטער דעם איינפלוס פון פּאַטריאָטיזם, א „זוהן פון פאַטערלאַנד“, א קנעכט פון זיין רעגיערונג, און טהוט אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען ענטגעגען זיין פערשטאַנד און געוויסען.

מענשען דאַרפען דאָס נור פערשטעהן, און גאַנץ אַליין, גאַנץ פון זיך, וועט צופאַלען דיעזע שרעקליכע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס רופט זיך רעגיערונג, און צוזאַמען מיט איהר וועט אויך נעהמען א סוף צו יענעם שרעקליכען און ניט־נויטווענדיגען אי־בעל, פון וואָס די פעלקער ליידען.

און עס זיינען שוין אויך דאָ מענשען, וואָס פערשטעהען

עס — אָט וואָס עס שרייבט מיר א בירגער פון די פעראייניגטע שטאַאטען :

„דאָס איינציגע, וואָס מיר בעטען אַלע — די ערד־ארביי־טער, מעכאַניקער, סוחרים, פאבריקאַנטען, לעהרער — איז דאָס רעכט צו בעשעפטיגען זיך מיט אונזערע אייגענע אנגעלעגענהיי־טען. מיר האָבען אונזערע הייזער, ליעבען אונזערע פריינד, מיר זיינען איבערגעגעבען צו אונזערע פאמיליען, און מיר מישען זיך ניט אריין אין די אנגעלעגענהייטען פון אונזערע שכנים, ביי אונז איז דאָ ארבייט, און מיר פערלאַנגען צו ארבייטען.

„לאָזט אונז אין רוה !

„אָבער די פּאָליטיקער ווילען עס ניט ; זיי ליינען אויף אונז ארויף טעקסעס ; זיי פערפרעסען אונזער אייגענטהום, זיי צעה־לען אונז, וויפיעל נפשות מיר זיינען, אונזער יוגענד נעהמען זיי אוועק אויף זייערע מלחמות.

„גאַנצע מאַסען מענשען, וואָס לעבען פון די רעגיערונג, הענגען אָב פון איהר, און ווערען פון איהר אויפגעהאַלטען, אום אויף אונז ארויפצולעגען טעקסעס. און כדי זיי זאָלען די טעק־סעס קענען קריגען, האַלטען זיי אויף די ארמיי. דער אויסרעד, אַז מען דארף די ארמיי, אום צו פערטהיידיגען דאָס לאַנד, איז אַן אָפּיציעלער שווינדעל.

„די פראַנצויזישע רעגיערונג שרעקט דעם פאָלק, דער־צעהלענדיג איהם, דאָס די דייטשען ווילען איהם בעפאַלען ; די רוסישע האָבען מורא פאר די ענגלענדער. און איצט, אין אמע־ריקא, זאָגט מען אונז, אז מיר מוזען פערגרעסערען אונזער פלאָטע, מאַכען גרעסער די ארמיי, ווייל אייראָפּא קען יעדען מאָמענט זיך א נעהם טהאָן צו אונז. דאָס איז א ליגען. דער איינפאכער פאָלק אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקא איז געגען א מלחמה. מיר פערלאַנגען נור, מען זאָל אונז לאָזען צורוה. מענשען, וואָס האָבען פרויען, עלטערן, קינ־דער, היימען, האָבען קיין לוסט ניט אוועקצוגעהן שלאָגען זיך מיט וועמען עס איז. מיר ליעבען פריעדען, מיר האָבען מורא פאר א מלחמה, מיר האסען איהר.

„מיר ווילען ניט טהאָן אַנדערע דאָס, וואָס מיר וואָלטען ניט געוואָלט, אז מען זאָל טהאָן געגען אונז.

„קריעג איז די פאָלגע דערפון, וואָס עס זיינען דאָ בעוואָפענטע מענשען. אַ לאַנד, וואָס האָט אַ גרויסע שטענדיגע אַרמיי, וועט פריהער אָדער שפּעטער פיהרען אַ מלחמה. דער מענש, וואָס שטאָלצירט מיט זיין כח אין אַ קאַמפף מיט'ן קוֹלאַק, וועט זיך זיכער אָנשטויסען אויף אַ מענשען, וואָס האַלט זיך פאַר שטאַרקער — און זיי וועלען זיך שלאָגען. פראַנקרייך און דייטשלאַנד וואַרטען אויף די געלעגענהייט אום אויסצוּפּרובירען איינער געגען אַנדערען זייערע קרעפטען. זיי האָבען זיך שוין געשלאָגען עטליכע מאָל, און זיי וועלען זיך נאָך וויעדער שלאָגען. ניט, ווייל זייערע פעלקער פערלאַנגען אַ מלחמה, נור, ווייל די העכערע קלאַסען בלאָזען אין זיי אויף די געגענזייטיגע פיינדשאַפט, און ריידען איין די מענשען, אז זיי מוזען פיהרען קריעג, אום זיך צו פערטהיידיגען.

„ווי אזוי אָבער זאָלען מיר זיך בעפרייען פון דיעזען קלאַס לעדיג-געהער, וואָס אַרבייטען ניט, און זיינען דאָך געקליידעט אין טהייערען, דינעם טוך מיט מעשענע קנעפּ און אַנדערע דעקאָראַציעס, וועלכע לעבען פון אונזער אַרבייט, פאַר וועלכע מיר בעאַרבייטען די ערד?

„זאָלען מיר ארויסגעהן אין קאַמפף מיט זיי?

„אָבער מיר גלויבען ניט אין בלוט-פערגיסונג. און אויסער דעם, האָבען זיי די וואַפען, דאָס געלד, און זיי וועלען אויסהאַלטען לענגער פאַר אונז.

„אָבער ווער שטעלט צוזאַמען די אַרמיי, וועלכע מען וועט ארויסשיקען אין קאַמפף געגען אונז?

„אין דיעזע אַרמיי זיינען דאָך מיר אַליין, אונזערע בעשווינדעלטע שכנים און ברידער, וועלכע מען האָט איינגערעדט, אז זיי דיענען גאָט, פערטהיידיגענדיג די לאַנד פון דעם שונא. דער אמת איז אָבער, דאָס אונזער לאַנד האָט ניט קיין אַנדערע שונאים, אויסער די העכערע קלאַסע, וועלכע האָט זיך אונטערנומען אכטונג צו געבען אויף אונזערע אינטערעסען, אויב מיר וועלען נור זיי בעצאָהלען דערפאַר. זיי זויגען אונז אוים דעם

מארך פון די ביינער און העצען אויף אונזערע אייגענע ברידער געגען אונז, אום צו פערשקלאפען און ערנידריגען אונז.

„איהר קענט ניט שיקען א טעלעגראמע צו אייער פרוי אָדער פריינד, אָדער א טשעק, אָהנע צו בעצאָהלען א טאַקסע, וואָס געהט, אום אויפצוהאלטען בעוואפענטע מענשען, וועלכע קענען געברויכט ווערען, אום אייך אליין צו טוידטען, און וועלכע ווע־לען געוויס אייך ארייינזעצען אין געפענגניס, אויב איהר וועט די טאַקסע ניט בעצאָהלען.

„די איינציגע רעטונג בעשטעהט אין דעם, געבען מענשען צו פערשטעהן, דאָס עס איז אונמענשליך צו טוידטען. איגנאָ־רירט די העכערע קלאַס, ענטזאגט זיך צו קניען פאר זייער בלו־טיגען געץ. הערט אויף צו אונטערשטיצען די פּרעדיגער פון קריעג, און וואָס שטעלען ארויס דעם פּאַטריאָטיזם, אלס עטוואָס וויכטיגעס!

„זאָלען זיי ארבייטען, ווי מיר!

„מיר וועלען זיך ניט לאָזען נעהמען פאר קיין סאָלדאַטען. מיר וועלען ניט שיסען, ווען מען וועט אונז הייסען, מיר וועלען זיך ניט בעוואפנען מיט ביקסען געגען א גוטען שטילען פאָלק. מיר וועלען ניט אויף דעם וואונש פון סעסיל רהאָדס שיסען אין פּאַסטוכער און לאַנדארבייטער, וואָס פערטהיידיגען זייערע היימען.

„אייער פאלשער געשריי: „וואָלף, וואָלף!" דערשרעקט אונז ניט. מיר צאָהלען נור אונזערע טאַקסעס, וויייל מיר זיינען געצוואונגען דאָס צו טהאָן. מיר וועלען אזוי לאנג צאָהלען, ביז מיר וועלען מ ו ז ע ן. מיר וועלען ניט צאָהלען קיינע רעליגיע־זע טעקסעס די גאָטס־גנבים, און מיר וועלען ביי יעדע געלעגענ־הייט ארויסזאָגען אונזער מיינונג.

„און אונזער ווירקונג וועט ווערען אלץ גרעסער און גרע־סער. און אפילו מענשען, וואָס מען האָט שוין גענומען פאר סאָלדאַטען, וועלען זיך ענטזאגען צו קעמפּפען, מיר וועלען פער־ברייטען דעם געדאַנק צווישען די מענשען, דאָס א לעבען פון פריעדען איז בעסער פון א לעבען פון קאַמפּף, בלוטפערגיסונג און מלחמה.

„פריעדען אויף דער ערד! — קען נור דאן אָנקומען, ווען מיר וועלען זיך פריי מאכען פון אונזערע ארמייען און מיר וועלען ווינשען צו אנדערע דאָס זעלבע, וואָס מיר ווינשען פאר זיך.“

דאָס שרייבט א בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען, און פון פערשיעדענע זייטען אין פערשיעדענע פאָרמען לאָזען זיך הערען עהנליכע שטימען.

אָט וואָס א דייטשער סאָלדאט שרייבט:

.8

„איך האָב דורכגעמאכט צוויי שלאכטען צוזאמען מיט דער פרייסישער גווארדיע (1866—1870) און איך האס דעם קריעג פון מיין טיעפען הארצען, ווייל ער האָט מיר געמאכט אזוי אונגליקליך, אז איך קען עס גאָרניט אויסדריקען. מיר, צוקאליעטשעטע סאָלדאטען, קריגען מייסטענטהייל אזא עלענדע בעלוינונג, דאָס עס קומט ווירקליך אויס זיך צו שעהמען פאר דאָס, וואָס מיר זיינען אמאָל געוועזען פאטריאָטען. איך, צום ב״ש, קריג טעגליך פאר מיין דורכגעשאָסענע האנד 80 פעניג, א יאגד־הונד פערברויכט מעהר, אום צו לעבען; איך האָב פערלאָרען א גוטע שטעלע; איידער איך בין געוועזען א סאָלדאט, בין איך געוועזען א ביער־ברויער, און נאָך דעם קריעג האָב איך שוין מעהר ניט געקאָנט קריגען דיעזע שטעלע. פון דעמאָלט אָן קען איך זיך שוין ניט מעהר שטעלען אויף די פיס. דער משוגעת פון פאטריאָטיזמוס איז אוועק, און איצט קומט מיר אוים צו מאכען מיין לעבען פון בעטלען.

„אין א וועלט, וואו מענשען לויפען ארום, ווי אויסגעלערענטע חיות, און זיי זיינען ניט פעהיג אויף קיין אנדער געדאנקען, ווי נור אָבצושאַרען איינער דעם אנדערען צוליעב דעם פערפלוכטען געלד, אין אזא וועלט מעג מען מיר האלטען פאר משוגע, אָבער איך פיהל דאָך אין מיר דעם געטליכען געדאנק פון פריעדען. נאָך מיין טיעפער איבערציייגונג, איז קריעג נור א האנדעל אין א גרעסערען מאסשטאב — א האנדעל פון די כבוד־זוכענדע און מעכטיגע מענשען מיט דעם גליק פון די געקנעכטעטע פעלקער.

„און וואָס פאר א שרעקליכע זאכען עס קומט איינעם אוים

דורכצולעבען אין א מלחמה! קיינמאָל וועל איך זיי ניט פער־געסען, דיעזע קלאָגענדע קרעכצען, וואָס דרינגען איינעם דורך ביז די מארך פון די ביינער.

„מענשען, וואָס האָבען קיינמאָל איינער דעם אַנדערען קיין שלעכטעס ניט געטהאָן, טוידטען איינער דעם אַנדערען, ווי וויל־דע חיות, און די קליינינקע שקלאַפּישע נשמות פערמישען נאָך דעם גוטען גאָט אַלס העלפער אין זייערע פערברעכענס.

„אַ סאָלדאט, וואָס איז געשטאַנען לעבען מיר אין סטראָי, האָט אַ קויל צובראָכען די יאסלע. דער אונגליקליכער איז משוגע געוואָרען פון וועהטאָג. ער איז געלאָפען, ווי א משוגע־נער. אונטער די ברענענדע זומער היץ האָט ער ניט געפונען אַ ביסעל וואסער, אָבצופרישען זיין וואונד. אונזער קאָמאַנ־דיר, קראָנפּרינץ פריעדריך, האָט דאַן געשריעבען אין זיין טאַ־געבוך: „דער קריעג — דאָס איז די איראָניע אויף דעם יע־וואנגעליום...“

מענשען, אַלזאָ, הויבען שוין אָן צו פערשטעהן דעם שווינ־דעל פון פּאטריאָטיזם, אין וועלכען מען וויל עס אזוי שטאַרק אויפהאַלטען די פעלקער.

9.

„אָבער וואָס וועט זיין, ווען קיין רעגיערונג וועט ניט זיין?“ פרעגט מען געוועהנליך.

— עס וועט גאָר ניט זיין. עס וועט זיין נור דאָס, וואָס עס וועט פערניכטעט ווערען דאָס, וואָס איז שוין געוועזען לאַנג ניט נויטיג און דאריבער איבעריג און שעדליך.

„אָבער ווען עס וועט ניט זיין קיין רעגיערונג, וועלען דאָך מענשען הרג׳ענען איינער דעם אנדערען אין די גאסען“, זאָגט מען געוועהנליך.

— אָבער פאר־וואָס? פאר־וואָס וועט דאָס די פערניכטונג פון די אָרגאַניזאַציאָן, וועמעס אבשטאַמונג איז געוואַלט, און וועלכעס איינציגע בעשעפטיגונג פון דור צו דור איז געוועזען די אויסאיבונג פון געוואַלד — פאר־וואָס וועט עס די פערניכטונג פון אַזאַ אינסטיטוציאָן מאַכען, אַז מענשען זאָלען הרג׳ענען אין די גאסען איינער דעם אנדערען? פערקעהרט, דאכט זיך, די

פערניכטונג פון אזא ווערקצייג פון געוואלד, מוז פיהרען דער־צו, אז מענשען זאָלען אויפהערען צו פערגוואלדיגען און צו טוידטען איינער דעם צווייטען.

איצט זיינען דאָ מענשען, וואָס ווערען ספּעציעל אויפגעהאָדעוועט, אום צו טויטען און צו געברויכען געוואלט איבער אַנדערע מענשען — מענשען, וועלכע מען גיט דאָס רעכט דאָס צו טהון. אַזאַ פערגוואלטיגונג אין מענשען־מערדעריי האלט מען פאַר גוט, פאַר עטוואָס שעהנעס, גרויסאַרטיגעס. ווען עס וועט אָבער ניט זיין קיין רעגיערונג, וועלען מענשען ניט ערצויגען ווערען צו זיין מערדער; קיינער וועט ניט האָבען דאָס רעכט צו טוידטען, עס וועט ניט זיין מעהר די אָרגאַניזירטע געוואלט, און געוואלט און מאָרד וועלען בעטראַכט ווערען פאַר עטוואָס זעהר שלעכטעס.

ווען אָבער נאָך דעם, ווי רעגיערונג וועט שוין ניט זיין, וועלען דאָך פאָרקומען געוואלט־טהעטיגקייטען, וועלען זיי אָבער זיכער ניט זיין אַזוי פיעל, ווי איצט, ווען די מאָרד־פּראָפעסיאָן ווערט אַנערקענט פאַר אַ ניצליכע זאַך.

מענשען זאָגען, ביודעים אָדער בלא יודעים, צוזאַמענ־מישענדיג די געוואלט־טהעטיגקייט פון די רעגיערונגען מיט די פערשיעדענע טהעטיגקייטען פון די געזעלשאַפט: „עס וועלען ניט זיין קיין געזעצע, קיין אייגענטהום, קיין געריכטע, קיין פּאָליציי, קיין פאָלקס־בילדונג“.

אָבער דאָס איז ניט אמת. די פערניכטונג פון די רעגיערונ־גען, וועלכע זיינען געשאַפען דערצו אום צו בעגעהן געוואלט־טהאַטען, וועט בשום אופן ניט ברענגען מיט זיך די פערניכטונג פון אַלעס דאָס וואָס איז פערנינפטיג און גוט אין דעם מענש־ליכען לעבען. אומגעקעהרט, די אַבוועזענהייט פון די גראָבע געוואלטמאַכט פון די רעגיערונגען, וועלכע האָבען אַלס זייער הויפּטצוועק, אויפצוהאַלטען זיך זעלבסט, וועט זעהר פיעל העלפען צו אַ פיעל פערנינפטיגערע, גערעכטערע געזעלשאַפט־ליכע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע נויטיגט זיך ניט אין געוואלט. געריכטס־פערהאַנדלונגען, געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייטען און פאָלקס־בילדונג — דאָס אַלעס וועט זיין אַזוי פיעל, וויפיעל די

מענשען וועלען זיך נויטיגען אין דעם. מיט דער פערניכטונג פון דער רעגיערונג וועט נור פערניכטעט ווערען דאָס שלעכטע אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

אָבער ווען מען זאָל אפילו אָננעהמען, דאָס דורך די אַב־ וועזענהייט פון רעגיערונגען וועלען פאָרקומען שלעגערייען, אינערליכע צוזאַמענשטויסונגען, איז אפילו דאַן וואָלט די לאַגע פון די נאַציאָנען געווען פיעל בעסער ווי זי איז איצט. די לאַגע פון די פעלקער איז איצט אַזוי שלעכט, דאָס ערגער קען מען זיך זי קוים פאָרשטעלען, דאָס פאָלק איז גענצליך רואינירט, און דיזע רואינירונג מוז אַלץ ווערען שטאַרקער און שטאַרקער. אַלע מענער זיינען שוין אומגעוואַנדעלט אין מיליטערישע שקלאַ־ פען און יערע מינוט מוזען זיי זיין בערייט צו פאָלגען דעם בעפעהל צו געהן הרג׳ענען אנדערע אָדער אַליין גע׳הרג׳עט צו ווערען. טו צו וואָס נאָך וואַרטען? אז די בערויבטע פעלקער זאָלען אין גאַנצען אויסשטאַרבען פון הונגער? דאָס פאַנגט זיך שוין אויך אָן אין רוסלאַנד, איטאַליען און אין אינדיען! אָדער דאָס אַ חוץ מענער זאָלען אויך פרויען מוזען געהן פאַר סאָלדאַ־ טען? אין טראַנסוואַל האָט אויך דאָס זיך שוין אָנגעפאַנגען.

אַלזאָ, ווען די אַבוועזענהייט פון רעגיערונגען וואָלט אפילו טאַקע בעטייט אַנאַרכיע אין דעם ערגסטען זין פון וואָרט: אין דעם זין פון אונאָרדנונג, (וואָס דאָס איז גאָר ניט דער טייטש), וואָלט אויך דאַן קיין אונאָרדנונג, קיין אַנאַרכיע ניט געקענט מאַכען ערגער די לאַגע פון די מענשען, צו וועלכע די רעגיערונגען האָבען זיי געבראַכט.

און דאַרום קען עס ניט זיין ניט־ניצליך פאַר די מענשען פריי צו ווערען פון דעם פאַטריאָטיזמוס און צו פערניכטען די רעגיערונגען, וועלכע זיינען געבויט אויף איהם.

.10

זעהט זיך אַרום מענשען, און צוליעב אייער אייגענעם גליק, קערפערליכען און גייסטיגען און דעם גליק פון אייערע ברידער און שוועסטער, האַלט אָב! קוקט זיך אַרום, דענקט, וועגען דעם, וואָס איהר טהוט! בעדענקט אייך און פערשטעהט, דאָס אייערע פיינד זיינען ניט בורען, ניט ענגלענדער, ניט פראַנצוי־

זען, ניט דייטשען, ניט טערקען, ניט פינלענדער, ניט רוסען, נור דאָס אייערע שונאים און די איינציגע שונאים — זיינט איהר אליין, וואָס האלט אויף מיט'ן פּאַטריאָטיזמוס די רעגיע־רונגען, וואָס דריקען און שטיקען אייך, און מאַכען אייך אונ־גליקליך.

זיי האָבען זיך גענומען צו פערטהיידיגען אייך פון געפאהר און זיי האָבען אייך געבראַכט אזוי ווייט, דאָס זיי האָבען אייך געמאַכט פאַר סאָלדאַטען, פאַר שקלאַפען, איהר זיינט שוין אלע באלד רואינירט, און איהר דאַרפט ערוואַרטען, דאָס די אָנגעצוי־גענע סטרונע וועט פּלאַצען, עס וועט זיך אָנפאַנגען אַ שרעקליכע אויסמאָרדונג פון אייך און פון אייערע קינדער.

און, ווי די אויסמאָרדונג זאָל ניט זיין גרויס, און מיט וואָס דאָס זאָל זיך ניט ענדיגען, וועט די לאַגע דאָך בלייבען דיזעלבע. די רעגיערונגען וועלען נאָך אלץ האלטען אין איין בעוואַפענען, רואינירען און קאָרומפּירען אייך און אייערע קינדער! און דאָס ניט דערלאָזען, אָדער אָבשטעלען עס, וועט קיינער אייך ניט העלפען, אויב איהר וועט זיך אליין ניט העלפען.

די הילף איז אָבער נור אין איין זאַך — אין די פערניכטונג פון די שרעקליכע מאַשין פון געוואַלט, וועלכע מאַכט מעגליך פאַר דעם אָדער די צו הערשען איבער אַ גאַנצעם פאָלק, און דאָס זיכערער הערשען זיי, וואָס אונמענשליכער, וואָס גרוֹיזאַמער זיי זיינען, ווי מיר ווייסען עס פון די נאַפּאָלעאָנס, ניקאָלאַיס, ביס־מאַרקס, טשעמבערלייִנס, ראָהדסעס און אונזערע אייגענע דיק־טאַטאָרס, וועלכע רעגיערען איבער די פעלקער אין דעם נאָמען פון צאַר.

צו פערניכטען דיזען פּלאָנטער איז אָבער דאָ נור איין מיטעל — אייער אויפוואַכונג פון דעם שרעקליכען חלום פון פּאַטריאָטיזמוס.

פערשטעהט, אז די אלע צרות, פון וועלכע איהר ליידט, מאַכט איהר זיי זיך אליין, אונטערוואַרפענדיג זיך די איינרעדע־נישען מיט וועלכע עס בעשווינדלען אייך די אימפּעראַטאָרס, די קעניגע, די פּאַרלאַמענטס־מיטגליעדער, די רעגיערער, די קריעגס־פיהרער, די קאַפּיטאַליסטען, די גייסטליכע, די שרייבער, די

קינסטלער — אלע די, פאר וועמען דער שווינדעל פון פאטריאָ־טיזמוס איז נויטיג, אום צו לעבען פון אייער פראצע.

ווער איהר זאָלט ניט זיין, — פראנצויז, רוס, פּאָליאק, ענגלענדער, איירישער, דייטש, טשעך — פערשטעהט, דאָס אלע אייערע איצטיגע מענשליכע אינטערעסען, וועלכע זיי זאָלען ניט זיין, צי אלס ערד־ארבייטער, אלס סוחר, אלס פאבריקאנט, אלס קינסטלער אָדער געלעהרטער — אלע דיזע אינטערעסען, ווי אויך אייערע פערגעניגענס און פריידען זיינען ניט אין ווידער־שפרוך מיט די אינטערעסען פון אנדערע פעלקער, און דאָס איהר זיינט פעראייניגט דורך א געגענזייטיגע צוזאמענווירקונג, דורך דעם אויסטויש פון געפעליגקייטען, דורך די פרייד פון א ברייטע, ברידערליכע געמיינשאפטליכקייט, דורך דעם אויסטויש ניט נור פון פראָדוקטען, נור אויך פון געדאנקען און געפיהלען מיט די מענשען פון אנדערע פעלקער.

פערשטעהט, דאָס די פראגען איבער דעם, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען צו פערכאפּען ווע־האַ־ווע, פּאָרט־ארטהור אָדער קובא — צי אייער רעגיערונג אָדער אַן אנדערע — זיינען פאר אייך ניט נור פון קיין אונטערשיעד, נור יעדע אזעלכע פער־כאפּונג, וואָס אייער רעגיערונג האָט געמאכט, שאדט אייך שוין צוליעב דעם, ווייל דאָס מוז אונפערמיידליך ברענגען מיט זיך, דאָס אייער רעגיערונג זאָל ווערען נאָך מעכטיגער, און דאָס זי וועט אייך צווינגען אנטהייל צו נעהמען אין דיזע רויבערייען און געוואלט־טהעטיגקייטען, וועלכע זיינען נויטיג פאר וויטערע פערכאפּונגען און פאר דאָס איינהאלטען פון דאָס פערכאפּטע.

פערשטעהט, דאָס אייער לעבען קען זיך גאָרניט פער־בעסערען דורך דעם וואָס עלזאס וועט געהערען צו דייטשלאנד אָדער פראנקרייך, און איירלאנד אָדער פּוילאנד וועלען זיין פריי אָדער אונטערדריקט. וועמעס זיי זאָלען ניט זיין, קענט איהר לעבען וואו איהר ווילט. אפילו איהר זאָלט אליין זיין אַן עלזאסער, אַן איירישער אָדער פּאָליאק וועט יעדע פאנאנדער־פלאקערונג פון פאטריאָטיזמוס פערערגערען אייער לאגע, ווייל די פערשקלאפונג, אין וועלכע אייער פאָלק געפינט זיך, שטאמט דאָך פון דעם קאמפף פון די פערשיעדענע פאטריאָטיזמען; און

יעדער ארויסווייזען זיך פון פּאטריאָטיזם אין איין פאָלק פער־
גרעסערט די רעאקציאָן געגען איהם אין א צווייטען פאָלק.
פערשטעהט, דאָס ראטעווען זיך פון אַלע אייערע צרות קענט
איהר נור דאַן, ווען איהר וועט זיך פריי מאַכען פון די אָבגעלעב־
טע אידעע פון פּאטריאָטיזם און פון די אונטערטהעניגקייט צו
די רעגיערונג, און ווען איהר וועט מוטהיג אריינטרעטען אין דער
וועלט פון יענע העכערע אידעע פון ברידערליכע געמיינשאפט־
ליכקייט, וועלכע איז שוין לאנג אריינגעטראָטען אין לעבען, און
פון אַלע זייטען רופט זי אייך צו זיך.

זאָלען נור מענשען פערשטעהן, אז זיי קענען ניט זיין קיין
„זיהן" פון וועלכען־עס־איז פאטערלאנד אָדער רעגיערונג, דאָס
זיי טאָרען ניט זיין קיין שקלאפען און ניט קיין פיינד פון
אנדערע מענשען, און גאנץ פון זיך אליין וועלען צופאלען די
פערפוילטע איינריכטונגען, וואָס זיינען אונז פערבליעבען פון
אלטערטהום, די איינריכטונגען וואָס רופען זיך מיט דעם נאָמען
רעגיערונגען. און מיט זיי וועלען אויך אויפהערען די אלע
ליידען, פערגעוואלטיגונגען, בעליידיגונגען און פערברעכען,
וועלכע זיי ברענגען מיט זיך.

געלד

געלד

געלד! וואָס איז געלד? געלד רעפּרעזענטירט מיט זיך ארבייט.

איך האָב בעגעגענט מענשען, וועלכע מיינען זאָגאר, אז געלד שטעלט מיט זיך פאַר די ארבייט פון דעם, וועלכער האָט דאָס געלד.

איך בין זיך מודה, דאָס איך האָב פריהער אויך אזוי געדענקט, אבער איך האָב געפיהלט א שטאַרקען דראנג צו דערוויסען זיך אויף קלאָר, וואָס איז עס געלד. און אום דאָס צו דערגעהן, האָב איך מיך געווענדעט צו דער וויסענשאַפט.

די וויסענשאַפט זאָגט, אז געלד איז ניט עטוואָס אונגערעכטעס אָדער שעדליכעס; דאָס געלד איז דער נאַטירליכער פערהעלטנים פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, און דאָס עס איז גאָרניט אויסצוקומען אָהן געלד.

געלד איז נויטיג זאָגט די וויסענשאַפט צוליעב פיער זאַכען:

1. פאַר די פערלייכטערונג פון האַנדעל.
2. פאַר די בעשטימונג פון די מאָסען פון ווערטה.
3. פאַר צוועקען פון אָבשפּאָרען, און
4. פאַר צו מאַכען צאָהלונגען.

דער מעכטיגער פאַקט, דאָס איך, ווען איך האָב נור דריי רובעל אין קעשענע, אין וועלכע איך נויטיג זיך ניט, דאַרף נור א וואונק געבען, און באַלד זיינען דאָ ארום מיר, אין יעדער ציוויליזירטער שטאַדט, א הונדערט מענשען, וועלכע זיינען פערטיג, צוליעב דיזע דריי רובעל, צו טהון די שווערסטע און די העסליכסטע ארבייט—דיזער פאַקט, ווערט ערקלערט, קומט ניט פון דעם, וואָס עס איז דאָ געלד, נור פון די העכסט־פערפּלאָנטערטע פערהעלטניסע פון דעם עקאָנאָמישען לעבען פון די נאַציאָנען.

דאָס, וואָס מאַנכע מענשען הערשען איבער די אַנדערע, דאָס, זאָגט מען אונז, קומט ניט פון דעם געלד, נור פון דעם,

וואָס דער ארבייטער קריגט ניט דעם פולען ווערטה פון זיין ארבייט. און דאָס וואָס דער ארבייטער קריגט ניט דעם פולען ווערטה פון זיין אַרבייט, ווערט ערקלעהרט מיט די אייגענשאַפ־טען פון קאַפּיטאַל, רענט און ווײדזשעס און מיט די פערבונדענע און פערקניפּטע שייכות צווישען דיעזע פאַקטאָרען און דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציאָן, פון פערטהיילונג און דעם פערברויך פון רייכטהום.

אין פּראָסטע דיבורים וואָלט מען געקענט זאָגען, אַז די יעניגע, וועלכע האָבען געלד, קענען טהאָן אַלעס, וואָס זיי געלוסט זיך מיט די יעניגע, וועלכע האָבען גאָרניט. אָבער די וויסענ־שאַפט זאָגט, אַז איינס מיט דאָס אנדערע האָט גאָר ניט צו טהון.

די וויסענשאַפט זאָגט:

„אין יעדען סאָרט פון פּראָדוקציאָן שפּיעלען אַ ראָלע דריי פאַקטאָרען: לאַנד, אָנגעזאַמעלטע ארבייט (קאַפּיטאַל) און ארבייט. און פון די פערשיעדענע שיכות צווישען דיזע פאַק־טאָרען, און פון דעם פאַקט, דאָס די ערשטע צוויי פאַקטאָרען — לאַנד און קאַפּיטאַל — זיינען ניט אין די הענד פון די ארבייטער, נור פון אנדערע פערזאָנען, מיט אַלע פערפלאָנטערטע קאָמבינאַ־ציאָנען, וועלכע קומען ארויס דערפון — אָט פון דעם אַלעם שטאַמט עס, וואָס מאַנכע מענשען זיינען פערשקלאַפט פון אנדערע."

פון וואַנען קומט עס די הערשאַפט פון געלד, וועלכע מאַכט אונז שטוינען מיט איהר אונגערעכטיגקייט און גרויזאַמקייט?

ווי קומט עס, אַז מיט דער הילפע פון געלד הערשען מאַנכע מענשען איבער אנדערע?

אויף דעם ענטפערט די וויסענשאַפט:

דאָס קומט פון דער אָבגעטהיילטקייט צווישען די פאַקטאָ־רען פון דער פּראָדוקציאָן; און אָט די פערהעלטניסע, וועלכע קומען עס ארויס פון דיעזער אָבגעטהיילטקייט, דריקען עס די ארבייטער.

דיזער ענטפער האָט מיר איממער־צו אויסגעזעהען גאַנץ מאָדנע, ניט נור, ווייל ער איגנאָרירט איין זייט פון דיעזער פּראַ־גע, — נעמליך, די ראָליע, וואָס געלד שפּיעלט — נור אויף דער־

פאר, ווייל די ערקלערונג פון דער אָבגעטהיילטקייט צווישען די פאַקטאָרען פון דער פראָדוקציאָן, קומט אויס פאר א מענשען מיט א גלייכען שכל, פאר א מענשען אָהן פאָראורטהיילע, א זעהר קרומע ערקלערונג. די פונאַנדערטהיילונג פון די פראָדוקציאָנס־פאַקטאָרען איז קינסטליך און אוננאַטירליך.

עס ווערט בעהויפטעט, דאָס אין יעדען סאָרט פון פראָדוקציאָן שפּיעלען א ראָליע דריי פאַקטאָרען: לאַנד, קאַפּיטאַל און ארבייט. און דערמיט ווערט געמיינט, דאָס דער רייכטהום, (וואָס איז דאָס־זעלבע, וואָס געלד) ווערט נאַטירליך פערטהיילט צווישען די יעניגע, וועלכע זיינען די בעזיצער פון איינעם אָדער פון א צווייטען פון דיזע דריי פאַקטאָרען.

רענט, דער ווערטה פון לאַנד, געהערט צום לאַנד־אייגענטהימער.

פּראָצענט צום קאַפּיטאַליסט און ווײדזשעס פאַר ארבייט צום ארבייטער.

איז עס ניט אזוי?

אָבער איז עס ווירקליך ריכטיג, דאָס אין אירגענד וועלכער פּראָדוקציאָן שפּיעלען דיעזע פאַקטאָרען א ראָליע?

אָט געראַדע, ווען איך שרייב דיעזע שורות, זיינען מענשען ארום מיר בעשעפטיגט אין פּראָדוצירען היי.

וואָס זיינען די עלעמענטען פון דיזער פּראָדוקציאָן?

מען זאָגט מיר: אָט איז דאָס לאַנד, אויף וועלכען דאָס גראָז איז געוואַקסען, דער קאַפּיטאַל — סערפּען, גראַבליעס און וואָגענס פאַר דאָס אריינפיהרען פון דעם היי — און ארבייט.

אָבער איך זעה, אז דאָס איז ניט אמת.

א חוץ דעם לאַנד קומען אריין אין די פּראָדוקציאָן די זון, דאָס וואַסער, די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע בעשיצט דאָס פעלד פון די פיה; די געשיקטקייט פון די ארבייטער, זייער ליכטקייט פון צוזאַמענרעדען און פערשטענדיגען זיך צווישען זיך; און נאָך פיעלע אַנדערע פאַקטאָרען, וועלכע די וויסענשאַפט, צוליעב וועלכען עס איז גרונד, נעהמט ניט אין אַנבעטראַכט.

די אייגענשאַפטען פון דער זון זיינען פונקט אַזאַ פאַק־טאָר, און נאָך מעהר נויטיג, ווי דאָס לאַנד. איך קען מיר פאָר־שטעלען מענשען, לעבענדיג אין א צושטאַנד, אונטער וועלכען (ווי דאָס איז אין די גרויסע שטעדט) מאַנכע מענשען האַלטען זיך פאַר בערעכטיגט צוצונעהמען דעם זונענשיין פון אַנדערע דורך וועגד און בוימער. ווארום, אַלזאָ, ווערט די זון ניט פער־רעכענט אַלס פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציאָן?

וואַסער איז א צווייטער פאַקטאָר, וואָס איז פונקט אַזוי נויטיג, ווי לאַנד. די לופט איז נאָך אַזא פאַקטאָר. און איך קען מיר אויך פאָרשטעלען מענשען, וועלכע ווערען בערויבט פון וואַסער און ריינער לופט, ווייל אַנדערע מענשען גלויבען, אז זיי האָבען דאָס רעכט צו טהאָן מיט'ן וואַסער און לופט, אַזוי ווי עס איז נויטיג פאַר זייערע בעדירפניסע.

סאָציאַלע זיכערהייט איז פונקט אַזאַ נויטווענדיגער פאַקטאָר.

נאַהרונג און קליידונג פאַר די ארבייטער איז ווידער נאָך א פאַקטאָר, ווי דאָס גיבען צו זאָגאַר מאַנכע עקאָנאָמיסטען.

די ערציהונג, וועלכע מאַכט עס מעגליך צו פּראָדוצירען מיט שכל און מיט א טאָלק, איז ווידער א פאַקטאָר.

איך וואָלט געקאָנט אָנפילען א גאַנצען בוך מיט אַזעלכע פאַקטאָרען, פון וועלכע די וויסענשאַפט מאַכט זיך גאָר־ניט ווי־סענדיג.

ווארום־זשע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען יענע דריי פאַק־טאָרען און זיי זיינען געמאַכט געוואָרען צום פונדאַמענט פון דער וויסענשאַפט? ווארום זיינען ניט אָנגענעבען אַלס פאַקטאָ־רען: די שטראַהלען פון דער זון, דאָס וואַסער, די נאַהרונג, ערציהונג, און עס ווערען בעטראַכט אַלס פּראָדוקציאָנס־פאַקטאָ־רען בלויז די דריי: לאַנד, די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און ארבייט?

דער איינציגער גרונד, וואָס איך קען מיר משער זיין, איז דער ,וואָס גאָר זעלטען מאַכען מענשען פּרעטענזיעס צו זיין די אייגענטהימער פון די זונען־שטראַהלען, פון וואַסער, פון לופט, און אַזוי ווייטער, ווערהענד די פּרעטענזיעס פון אייגענטהום

אויף לאַנד און אויף פּראָדוקציאָנס־ווערקצייג ווערען שטענדיג געמאַכט פון אונזער געזעלשאַפט.

קיין אנדער ערקלערונג איז ניטאָ. און אַזוי זעה איך, דאָס די צוטהיילונג פון די פּראָדוקציאָנס־פאַקטאָרען אין דריי קלאַסען איז אין גאַנצען אַ קינסטליכע און איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער ווירקליכקייט.

אָבער, אפשר איז דיזע קלאַסיפיצירונג אַזוי נאַטירליך ביי מענשען, דאָס וואו נור עס ענטוויקלען זיך עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, ווערען גלייך בעזאָנדערס בולט דיזע דריי פאַקטאָרען?

לאָמיר זעהען, אויב דאָס איז אַזוי.

צוערשט טהו איך אַ קוק אויף דעם נאָהענטסטען פאַקט, פון די רוסישע קאָלאָניסטען, פון וועלכע עס איז דאָ אַ גאַנצער מיליאָן.

דיזע קאָלאָניסטען קומען אויף זייער בעשטימטען פּלאַץ, בעזעצען זיך אויפ'ן לאַנד און הייבען אָן צו ארבייטען. עס קריכט גאָר קיינעם אין קאָפּ ניט דער געדאַנק, דאָס אַ מענש, וואָס געברויכט ניט דאָס לאַנד, האָט אירגענד וועלכען רעכט אויף איהם; און דאָס לאַנד אַליין מאַכט געוויס ניט קיינע פּרעטענזיעס אויף בעזאָנדערע רעכטע. גראָד פערקעהרט, די קאָלאָניסטען ערקלערען מיט פולער איבערלעגונג דאָס גאַנצע לאַנד אלס געמיינשאַפטליכען אייגענטהום, און האלטען עס פאַר מעהר ניט ווי רעכט, אַז יעדער זאָל זייען און שניידען, וויפיעל ער וויל, און וואו ער וויל.

די קאָלאָניסטען פיהרען איין ווערקצייג פאַר די קולטיווירונג פון די פעלדער, פאַר די פלאַנצונג פון גערטנער, פאַר דאָס בויען פון הייזער, און, ווידער אמאָל, עס קומט גאָר קיינעם אויפ'ן זין ניט ארויף, דאָס די ווערקצייג וואָלטען געקענט פון זיך אַליין ברענגען אירגענד וועלכען פּראָפיט, און אויך דער קאַפּיטאַל האָט קיינע פּרעטענזיעס אויף קיינע רעכטע. גראָד פערקעהרט, מיט פולען בעוואוסטזיין בעשליסען די קאָלאָניסטען דאָס אירגענד וועלכער פּראָפיט פון דעם געברויך פון די ארבייטס־געצייג, פון דער הלואה פון קאָרן, פון קאַפּיטאַל איז אַן אונרעכט.

די קאָלאָניסטען ארבייטען, אויף פרייען לאנד, מיט זייערע אייגענע ווערקצייג, אָדער מיט אזעלכע, וועלכע מען האָט זיי געליהען אָהן פּראָצענט, יעדער איינער פאר זיך אָדער אלע צוזאמען פאר די אלגעמיינע אינטערעסען; און אין אזא געמיינדע קען מען ניט געפינען ניט קיין רענט, ניט קיין פּראָ־צענט און ניט קיין ווײדזשעס.

רעדענדיג פון אזעלכע געמיינדען, טראכט איך גאָר ניט אויס, נור איך שילדער דאָס, וואָס האָט עקזיסטירט צו אלע צייטען און וואָס עקזיסטירט אויך איצט ניט נור צווישען די רוסישע קאָלאָניסטען, נור אומעטום אזוי לאנג, ווי די נאטירליכע אייגענשאפטען פון די מענשען ווערען ניט צוקאליעטשעט פון וואָס־עס־איז. איך שילדער דאָס, וואָס יעדער קען אָבשעצען, אלס נאטירליך און פערנינפטיג.

מענשען בעזעצען דאָס לאנד, און יעדער טהוט זיין ארבייט. האָבענדיג פערטיג געמאכט די נויטיגע ווערקצייג, געהט יעדער אָן מיט זיין ארבייט. אויב עס שטעלט זיך ארויס, אז עס איז בעקוועמער צו ארבייטען צוזאמען, בילדעט זיך א קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציאָן. אבער ניט אין פּריוואט־בעזיץ און ניט אין דעם וואָס געהערט צו אלעמען קען מען אָנווייזען אויף בעשטימטע פּראָדוקציאָנס־פאקטאָרען; עס איז נור דאָ ארבייט, און די אלע בעדינגונגען, וואָס זיינען נויטיג צו דער ארבייט: די זון, וואָס ווארמט אלעמען; די לופט, וועלכע אלע אָטהעמען; דאָס לאנד, וועלכעס מיר אלע בעארבייטען; די קליידער אויף די קערפּער; דאָס עסען אין די מאָגענס; א שופליע, א גראבליע, א מאשין, מיט וועלכען זיי ארבייטען. און עס איז בעשיינפּער־ליך, דאָס ניט די זון, ניט די לופט, ניט דאָס וואסער, ניט די קליידער, ניט דער אקער־אייזען קענען זיין דער אייגענטהום פון אירגענד וועמען א חוץ די יעניגע, וועלכע געברויכען יענע זאכען, וועלכע געניסען די שטראהלען פון דער זון, אָטהעמען די לופט, טרינקען דאָס וואסער, עסען דאָס ברויט, בעדעקען זייערע קערפּער, און געברויכען די גראבליע אָדער די מאשין, ווייל דיזע זיינען נור נויטיג פאר די יעניגע, וועלכע געברויכען זיי. און

ווען מענשען האנדלען אזוי, זעהען מיר, אז זיי האנדלען אזוי ווי עס פאסט פאר מענשען — דאָס מיינט, פערנינפטיג.

אָבער, אפשר איז דיזע צוטהיילונג נור אונגאטירליך אין פרימיטיווע געזעלשאפטען, ווערהענד, ווען די בעפעלקערונג פער־מעהרט זיך און קונסט און וויסענשאפט ווערען ענטוויקעלט, איז אזא קלאסיפיצירונג פון די פאקטאָרען אונפערמיידליך? אָדער אפשר איז עס אמת, דאָס דיזע צוטהיילונג איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין דער אייראָפעאישער געזעלשאפט, און מיר קענען ניט ענטזאגען זיך אנצוערקענען דאָס, וואָס עס איז שוין דאָ?

לאָמיר זעהען, אויב עס איז אזוי.

מען זאָגט אונז, אז דיזע קלאסיפיצירונג פון די פאקטאָרען איז שוין א פאקט — דאָס הייסט, אז מאנכע מענשען בעזיצען דאָס לאנד, אנדערע — די פראָדוקציאָנס־מיטלען, ווערהענד נאָך אנדערע האָבען ניט קיין לאנד און ניט קיין קאפיטאל.

דער ארבייטער האָט ניט קיין לאנד און ניט קיין ווערקצייג.

מיר זיינען אזוי שוין צוגעוועהנט געוואָרען צו דיזער בע־הויפטונג, דאָס מיר ווערען שוין גאָר ניט איבערראשט פון איהר משונה'דיגקייט. אָבער, ווען מיר דענקען נור נאָך אביסעל איבער דיזער בעהויפטונג, זעהען מיר גלייך איהר אונגערעכטיג־קייט און זאָגאר איהר לעכערליכע אונזיניגקייט. אין דיזער בעהויפטונג איז דאָ א וועזענטליכער ווידערשפרוך.

דער בעגריף פון אן ארבייטער שליסט שוין איין דעם בעגריף פון דעם לאנד, אויף וועלכען ער לעבט און דעם בעגריף פון די ווערקצייגע, מיט וועלכע ער ארבייט. ווען ער וואָלט ניט געלעבט אויפ'ן לאנד, ווען ער וואָלט ניט געהאט די ארבייטס־אינסטרו־מענטען, וואָלט ער ניט געווען קיין ארבייטער. עס איז קיינמאָל ניט געווען און עס קען קיינמאָל ניט זיין אן ארבייטער אָהן לאנד און אָהן ארבייטס־אינסטרומענטען. עס קען ניט זיין קיין פאר־מער אָהן לאנד, וועלכע ער זאָל קענען בעארבייטען און אָהן אן אקער־מאשין, וואָגען און פערד. פונקט אזוי קען ניט זיין קיין שוסטער אָהן א הויז געבויט אויף לאנד, אָהן וואסער, לופט און ווערקצייג מיט וועלכע צו ארבייטען.

ווען דער פארמער האָט ניט קיין לאנד, קיין פערד, קיין

אקער־אייזען; ווען דער שוסטער האָט ניט קיין הויז, קיין וואסער, קיין אָל — דאַן מיינט עס, דאָס אימיצער האָט פער־טריעבען דעם פארמער פון זיין לאַנד, און דאָס מיט געוואַלט אָדער שווינדעל האָט אימיצער אוועקגענומען פון איהם זיין אקער־אייזען, וואָגען און פערד; אבער דאָס בעווייזט פאר קיין פאל ניט, אז עס קענען זיין פארמערס אָהן אקער־אייזענס און שוסטערס אָהן ווערקצייג.

פונקט ווי עס איז אונמעגליך צו דענקען פון א פישער אויף דער יבשה און ניט געברויכענדיג זיינע פישער־אינסטרומענטען, סיידען מיר דענקען פון איהם, ווי פון איינעם, וואָס איז פער־טריעבען געוואָרען פון וואסער און וואָס איז בערויבט געוואָרען פון זיינע אינסטרומענטען, אזוי איז אונמעגליך צו דענקען פון א בויער אָהן לאַנד און אָהן ווערקצייג, סיידען מיר שטעלען זיך פאָר, דאָס אימיצער האָט איהם פערטריעבען פון לאַנד און גערויבט פון איהם די געצייג.

עס מעגען זיין מענשען, וועלכע ווערען געטריעבען פון איין פלאץ אויף א צווייטען, ביי וועמען מען נעהמט צו די געצייג, און וועלכע זיינען דארום געצוואונגען צו ארבייטען מיט די געצייג פון אנאנדערען זאכען, וואָס זיי דארפען גאָר ניט; אָבער דאָס מיינט ניט, אז דאָס איז די נאטור פון דער פּראָדוקציאָן. דאָס מיינט נור, אז עס זיינען דאָ פעלע, וואו דער נאטירליכער כאראקטער פון דער פּראָדוקציאָן איז אין גאנצען פערקריפּעלט. אויב אָבער מיר זאָלען בעטראכטען אלס פּראָדוקציאָנס־פאקטאָ־רען אלעס דאָס, וואָס מען קען פון ארבייטער אוועקנעהמען מיט געוואַלט, דאַן ווארום ניט האלטען פאר א פּראָדוקציאָנס־פאקטאָר אויך די פּרעטענזיע פון דעם שקלאפען־אייגענטהימער אויף דער פּערזאָן פון דעם שקלאף? ווארום ניט אריינרעכנען אלס פאק־טאָר די פּרעטענזיעס אויף די זונען־שטראהלען אָדער אויפ'ן וואסער?

א מענש קען בויען א וואנד און צונעהמען דעם זונען־שיין פון זיין שכן; א מענש קען פערגיפטען דאָס וואסער פון א טייך מיט דעם, וואָס ער וועט איהם צופיהרען צו א זומפּ, און א מענש קען בעהויפּטען, אז א צווייטער מענש איז זיין אייגענ־

טהום. אבער ניט די ערשטע, ניט די צווייטע און ניט די דריטע בעהויפּטונג, ווען דאָס זאָל אויסגעפיהרט ווערען דורך געוואַלט, קען אַנערקענט ווערען אַלס פונדאַמענט פאַר די קלאַסיפיקאַציאָן פון די פּראָדוקציאָנס־פאַקטאָרען. און דערפאַר איז עס פּונקט אַזוי אונגערעכט אַנצוערקענען די כלומרשט'דיגע רעכטע אויפ'ן לאַנד און ווערקצייג, אַלס פּראָדוקציאָנס־פאַקטאָרען, ווי עס איז דאָס כלומרשט'דיגע רעכט אויף דעם אויסשליסליכען געברויך פון דער זונ'ס שטראַהלען, פון דער לופט, פון וואַסער און פון דער פּערזאָן פון אַ צווייטען, אַלס אויסדריקליכע פּראָדוקציאָנס־פאַקטאָרען.

עס קענען זיין מענשען, וועלכע בעהויפּטען צו האָבען אַ רעכט אויף דאָס לאַנד און ווערקצייג, פּונקט ווי עס זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען בעהויפּטעט צו האָבען אַ אייגענטהומס־רעכט איבער די פּערזאָן פון דעם אַרבייטער, און ווי עס קענען זיין מענשען, וועלכע בעהויפּטען דאָס רעכט אויף דעם אויס־שליסליכען גענוס פון די זונען־שטראַהלען, לופט און וואַסער. עס קענען זיין מענשען, וועלכע טרייבען דעם אַרבייטער פון פּלאַץ צו פּלאַץ, און וועלכע בערויבען איהם פון די פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט, אַזוי שנעל, ווי ער אַרבייט זיי אויס, און פון זיינע ווערקצייג, און וועלכע צווינגען איהם צו אַרבייטען פאַר אַ בעל הבית, אָנשטאַט פאַר זיך, ווי דאָס ווערט געטהאָן אין די פאַבריקען. אַלעס דאָס איז מעגליך. אבער עס קען ניט זיין קיין אַרבייטער אָהן לאַנד, פּונקט ווי עס קען ניט זיין קיין אייגענטהום אין אַ מענשען, ניט קוקענדיג אויף דעם, דאָס פאַר אַ לאַנגע צייט איז דאָס געהאַלטען געוואָרען אַלס מעגליך.

און פּונקט ווי די בעהויפּטונג פון איינעמס רעכט אַלס דער אייגענטהימער פון אַ צווייטען מענשען, קען ניט אָוועקנעהמען פון דעם שקלאַף זיין איינגעבאָרענע נייגונג צו זוכען דאָס, וואָס איז גוט פאַר איהם און ניט פאַר זיין בעל הבית, אַזוי איז אויך אין דיעזען פאַל, די בעהויפּטונג פון דעם רעכט פון אייגענטהום אין לאַנד און אין אַנאַנדערענס געצייג קען ניט אָוועקנעהמען פון דעם אַרבייטער דעם מענשענס איינגעבאָרענע נייגונג צו לעבען אויפ'ן לאַנד און צו אַרבייטען מיט זיינע אייגענע אָדער מיט

געמיינשאפטליכע אינסטרומענטען אויף זאכען, וועלכע ער האלט פאר ניצליך פאר זיך.

אלעס, וואס די וויסענשאפט קען זאגען, אונטערזוכענדיג די הערשענדע פערהעלטניסע, איז, דאס עס זיינען דא געוויסע פרעטענזיעס, געמאכט פון מאנכע מענשען, אויף דאס לאנד און אויף די ארבייטס־געצייג, און צוליעב דעם ווערען פערגעוואל־טיגט די נאטירליכע פערהעלטניסע פון דער ארבייט פאר א געוויסען טהייל פון ארבייטער (פאר קיין פאל אבער ניט פאר אלע), אזוי דאס דיזע ארבייטער ווערען בערויבט פון לאנד און געצייג און ווערען געצוואונגען צו ארבייטען מיט די געצייג פון אנאנדערען. אבער די וויסענשאפט קען ניט זאגען, דאס דיזע צופעליגע פערגעוואלטיגונג פון דעם נאטירליכען געזעץ פון פראדוקציאן איז אין דער ווירקליכקייט דער פונדאמענטאלער געזעץ פון פראדוקציאן.

ערקלערענדיג, דאס די צוטהיילונג פון די פאקטארען פון דער פראדוקציאן איז ווירקליך דער פונדאמענטאלער געזעץ פון פראדוקציאן, טהוט דער עקאנאמיסט פונקט דאס זעלבע, וואס דער זאאלאג וואלט געטהאן, ווען, געפינענדיג א גרויסע צאהל פון פויגלען אין שטייגען מיט אונטערגעהאקטע פליגלען, און די קליינע וואסער־שיסעלע, בעוועגענדיג זיך אויף שינעס, וואלט ער ערקלערט, דאס דיזע זיינען די עיקר־פערהעלטניסע פון דער עקזיסטענץ פון די פויגלען, און דאס דער לעבען פון די פויגעל הענגט אב פון די דריי פאקטארען: פון דעם שטייג, פון אונטערגעהאקטע פליגלען און פון דער וואסער־שיסעלע.

ווי גרויס עס זאל ניט זיין די צאהל פון די פויגעל מיט אונטערגעהאקטע פליגעל אין די שטייגען, קען דאך דער זאאלאג ניט ציהען פון דעם דעם שלוס, אז שטייגען זיינען דער נאטיר־ליכער צושטאנד פון די פויגעל.

ווי גרויס עס זאל ניט זיין די צאהל פון די ארבייטער, וואס ווערען פערטריעבען פון זייערע פלעצער, און וועמען עס פעהלט די פרוכט פון זייער ארבייט, ווי אויך די אינסטרומענ־טען פון דער פראדוקציאן, וועט אבער דער נאטירליכער צו־שטאנד פון דעם ארבייטער אימער בלייבען דאס לעבען אויפ'ן

לאנד און דאָס ארבייטען מיט זיינע אייגענע געצייג דאָס וואָס ער בעדארף.

אמת, עס ווערען געמאכט פּרעטענזיעס אויפ'ן לאנד און די געצייג פון ארבייטער פונקט ווי זיי זיינען געמאכט געוואָרען אין די אלטע צייטען; אבער עס קען ניט זיין א פונאנדערטהיילונג פון די פאקטאָרען פון פּראָדוקציאָן אין לאנד און קאפּיטאל, ווי די עקאָנאָמיסטען ווילען עס פעסטשטעלען אין דער מאָדערנער געזעלשאפט.

און דיזע אונבערעכטיגטע פּרעטענזיעס פון מאנכע אויף די פּרייהייט פון אנדערע מענשען רופט עס די וויסענשאפט דער נאטירליכער צושטאנד פון פּראָדוקציאָן.

אנשטאט צו ציהען איהר פונדאמענטאלען שלוס פון דעם נאטירליכען צושטאנד פון די מענשליכע געזעלשאפטען, האָט איהם די וויסענשאפט געצויגען פון א ספּעציעלען פאל; און ווינשענדיג רעכטצופערטיגען דיזען פאל, האָט זי אנערקענט דאָס רעכט פון איין מענשען אויף דאָס לאנד, וואָס ווערט בעארבייט פון א צווייטען — דאָס מיינט, זי האָט אנערקענט א רעכט, וועלכעס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט און וועלכעס קען ניט עקזיסטי־רען, און דער אויסדרוק פון וועלכען ענטהאלט א ווידערשפּרוך, ווייל דאָס רעכט פון א מענשען אויף דאָס לאנד, וועלכע ער בע־ארבייט ניט, איז אין גרונד גענומען ניט קיין אנדער זאך, ווי צו געברויכען דאָס, וואָס ער געברויכט ניט, וועהרענד דאָס רעכט אויף די ווערקצייג איז דאָס רעכט צו געברויכען אינסטרומענטען, וועלכע ער געברויכט ניט.

מיט איהר בעשטימונג פון די פּראָדוקציאָנס־פאקטאָרען האָט די וויסענשאפט פעסטגעשטעלט, אז דער נאטירליכער צושטאנד פון ארבייטער איז יענער אונגאטירליכער צושטאנד, אין וועלכען ער איז איצט אוועקגעשטעלט, פונקט ווי אין דער אלטער וועלט די צוטהיילונג פון מענשען אין בירגער און שקלא־פען איז געווען די בעהויפּטונג, דאָס די אונגאטירליכע לאגע פון די שקלאפען איז געווען די נאטירליכע לאגע פון דער געזעל־שאפט.

דיזע צוטהיילונג, וועלכע איז אָנגענומען פון דער וויסענ־

שאפט מיט קיין אנדער צוועק, ווי נור אום צו רעכטפערטיגען די עקזיסטירענדע אונגערעכטיגקייט, וועלכע איז דער פונדא־מענט פון איהר גאנצער פארשונג, איז פעראנטוואָרטליך פאר דעם פאקט, דאָס די וויסענשאַפט מאטערט זיך אומזיסט צו געבען וועלכע־עס־איז גענינענדע ערקלערונג פון דער עקזיסטי־רענדער אָרדנונג, פערלייקענענדיג די מייסט בעשיינפערליכע און איינפאכסטע ענטפערס אויף די פראגען און געבענדיג ענטפערס, וועלכע זיינען אבסאָלוט זינלאָז.

די פראגע פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאפט איז דיזע:

וואָס איז די אורזאכע פון דעם פאקט, דאָס מאנכע מענשען, וואָס האָבען געלד און לאנד, קענען פערשקלאפען די יעניגע, וועלכע האָבען ניט קיין קאפיטאל און לאנד?

דער ענטפער, וואָס ווערט געגעבען פון דעם געוועהנליכען שכל איז, אז דאָס קומט פון דעם געלד, וואָס האָט אין זיך די אייגענשאפט צו פערוואנדלען מענשען אין שקלאפען.

אָבער די וויסענשאפט לייקענט עס און זאָגט:

דאָס קומט ניט פון דער נאטור פון געלד, נור פון דעם פאקט, וואָס מאנכע מענשען האָבען לאנד און געלד, וועהרענד אנדערע האָבען עס ניט.

מיר פרעגען: ווארום פערשקלאפען די, וועלכע האָבען לאנד און געלד די, וועלכע האָבען עס ניט?

און מען ענטפערט: ווייל זיי האָבען לאנד און קאפיטאל.

אָבער דאָס איז דאָך טאקע וואָס מיר פרעגען.

דער ניט האָבען פון לאנד און קאפיטאל איז שוין פער־שקלאפונג.

וועהרענד דער ענטפער איז ניט קיין בעסערער, ווי יענער, דאָס די מעדיצין איז איינשלעפערנד, ווייל זי האָט אַן איינ־שלעפערנדע ווירקונג —

דאָס לעבען הערט ניט אויף ארויסצושטעלען זיין וויכטיגע פראגע, און זאָגאר די וויסענשאפט ווערט געוואָהר וועגען דעם, און זי גיט זיך די מיה צו פערענטפערן איהם. אָבער זי קען עס ניט טהאָן, ארויסגעהענדיג פון איהר איצטיגער שטעלונג,

און אזוי האלט זי זיך אין איין דרעהען אין א פערצויבערטען קרייז.

אז די וויסענשאפט זאל קענען ענטפערען אויף דיזער פראגע, דארף זי אנהויבען דערמיט, וואס זי זאל פערוואַרפען די פאלשע פאנאנדערטהיילונג פון די פראָדוקציאָנס־פאַקטאָרען — דאס הייסט, זי מוז אויפהערען צו קוקען אויף די פאָלגען פון די ערשיינונגען, אלס זייער אורזאכע, און מוז זוכען צוערשט די נאָהענטסטע און דאן די ווייטע אורזאכען פון יענע ערשיינונגען, וועלכע זיינען דער געגענשטאנד פון איהר פאָרשונג.

די וויסענשאפט מוז ענטפערן אויף דער פראגע: וואס איז די אורזאכע, וואס מאנכע מענשען ווערען בערויבט פון לאנד און פון די פראָדוקציאָנס־מיטלען, וועהרענד אנדערע האבען זיי?

אָדער: וואס איז די אורזאכע, וואס עס ווערט אוועקגענומען דאס לאנד און די ווערקצייג פון די יעניגע, וועלכע קולטיווירען דאס לאנד און געברויכען די ווערקצייג?

און אזוי שנעל, ווי די וויסענשאפט וועט שטעלען די פראגע אין דיזער פאָרם, וועלען ערשיינען גאנץ נייע בעטראַכטונגען, און דיזע וועלען אין גאנצען איבערקעהרען די אלע פּרינציפּען פון דער עקספּלאָדירטער וויסענשאפט, וועלכע דרעהט זיך אין א פערצויבערטען ראָד פון בעהויפּטונגען, דאס די לאגע פון דעם ארבייטער איז עלענד, ווייל זי איז עלענד.

פאר איינפאכע מענשען שיינט עס אויסער יעדען צווייפעל, דאס די נאָהענטסטע אורזאכע פון דער פערשקלאפונג פון מאנכע מענשען דורך אנדערע, איז דאס געלד. אָבער די וויסענשאפט לייקענט דאס און בעהויפּטעט, אז געלד איז בלויז א טוישמיטעל, וועלכעס האָט גאָר ניט קיין שיכות מיט דער פערשקלאפונג פון די מענשען. לאָמיר זעהען, אויב דאס איז ווירקליך אזוי.

וואס איז די אָבשטאַמונג פון געלד?

אונטער וועלכע פערהעלטניסע פון נאציאָנאלער עקזיסטענץ ווערט דאס געלד אימער געברויכט, און אונטער וועלכע פער־העלטניסע קענען מיר נאציאָנען, וועלכע קומען אויס אָהן געלד?

אין אפריקא און אויסטראליען לעבען נאָך איצט קליינע פעלקער אויף אזא אופן, ווי די מענשהייט אין אלגעמיין האָט

געלעבט אין די אַלטע צייטען. די שטאַמען לעבען בעשעפטיגט מיט לאַנד־אַרבייט, מיט פיהצוכט און מיט גערטנעריי־פלאַנצונג. דאָס לערנען מיר ביין שוועל פון דער געשיכטע.

די געשיכטע פאַנגט זיך אָן מיט דעם בעפאַלען פון איין שטאַם אויף אַ צווייטען, און די זיעגער טהוען אימער איין און דיזעלבע זאַך: זיי נעהמען צו פון די בעזיעגטע אַלעס, וואָס זיי קענען נור: פיה, קאָרן, געוועב־שטאָפען, זאָגאַר מענער און פרויען נעהמען זיי אַלס געפאַנגענע.

אין עטליכע יאָהרען שפּעטער קומען די זיעגער צוריק, אָבער די בעזיעגטע האָבען נאָך ניט געהאַט גענוג צייט צו קומען צו זיך, גוט צו מאַכען זייערע פערלוסטען, און די זיעגער האָבען גאָר ניט וואָס צוצונעהמען. דאַן טראַכטען זיי פון נייע פּלענער, ווי צו עקספּלאָאַטירען די כחות פון שטאַם. דיזע פּלענער זיינען זעהר איינפאַך, און זיי פאַלען גלייך איין יעדען איינעם.

דער ערשטער פּלאַן איז פערזענליכע שקלאַפעריי.

דיזער פּלאַן איז גאַנץ אונבעקוועם, ווייל דאָס מיינט אויפצופּאַסען אויף די אַלע אַרבייטס־פעהיגע מענשען פון דעם גאַנצען שטאַם, און צו געבען אַלעמען נאַהרונג, און דאַן פאַלט איין, נאַטירליך, אַ צווייטער פּלאַן: איבערצולאָזען דעם שטאַם אויף זיין לאַנד, וועלכען די זיעגער ערקלערען אַלס זייער אייגענ־טהום, און דאַן ווערט דיזער אייגענטהום צוטהיילט צווישען די קריעג־פיהרער, וועלכע ווערען עם די אַגענטען, די פערמיטלער, דורך וועמען די אַרבייט פון דעם שטאַם געהט אריבער צו די זיעגער.

אָבער אויך דיזער פּלאַן האָט זיינע אונבעקוועמליכקייטען. די קריעגפיהרער מוזען אַכטונג געבען אויף די גאַנצע אַרבייט פון שטאַם, און דאַן קומט אין לעבען אַ נייער פּלאַן, וועלכער איז פּונקט אַזוי פּרימיטיוו, ווי אַלע פריהעריגע, וועלכער בעשטעהט פון אַרויפלעגען אַ בעשטימטען פּעריאָדישען צינז אויף די בעזיעגטע.

דער צוועק פון די זיעגער איז אַריינצוקריגען די מעגליכסט־גרעסטע צאָהל פּראָדוקטען פון די בעזיעגטע.

אום צו קריגען די גרעסטע צאָהל, מוז דער זיעגער נעהמען

די זאכען, וועלכע זיינען מעהרסטענס ווערטהפול צום שטאַט, און וועלכע, אין דערזועלבער צייט, עס איז ניט שווער אריבער־צושיקען און צו האַלטען — פוטערוואַרג און גאָלד.

אַזוי ווערט דער צינז געוועהנליך בעשטימט אין פוטער אָדער גאָלד און ער ווערט פּעריאָדיש אויפגעמאָהנט פון די פאַמיליען אָדער פון דעם גאַנצען שטאַט, און מיט דער הילפע פון דיזען צינז געניסען די זיעגער אויף דעם בעקוועמליכסטען אופן די פרוכט פון דער אַרבייט פון דעם בעזיעגטען שטאַט.

ווען דאָס גאַנצע גאָלד און פוטערוואַרג ווערט אַוועקגענומען, זיינען די מיטגליעדער פון דעם שטאַט געצוואונגען צו פערקויפען איינער צום אַנדערען, צום זיעגער, צו די קריעגער אַלעס, וואָס זיי האָבען: זייער גוטס, אַזוי אויך זייער אַרבייט.

אַזוי איז געוועזען אין אַלטערטהום, אַזוי איז געוועזען אין מיטעלאַלטער, און אַזוי איז עס נאָך איצט.

אין אַלטערטהום מיט זיינע אָפטע מלחמות צווישען די פעלקער, און מיט דעם פעהלען פון דעם געדאַנק פון מענשליכער גלייכהייט, איז די פּערזענליכע שקלאַפעריי געוועזען דער מייסט־פערשפּרייטער פלאַן פון צו פערשקלאַפען מענשען.

אין מיטעלאַלטער איז געוועזען די פעאָדאַלע סיסטעם — דאָס מיינט, לאַנד־אייגענטהום און דערמיט אויך די לייב־אייגענ־שאַפט. דיזע פערנעהמט דעם פּלאַץ פון מענשליכער שקלאַפע־ריי, און דער שווערפּונקט פון שקלאַפעריי ווערט אריבערגעטראָ־גען פון דער פּערזאָן אויף דאָס לאַנד.

אין היינטיגע צייטען, זייט די ענטדעקונג פון אַמעריקא און דער ענטוויקלונג פון האַנדעל, און ווען גאָלד איז געוואָרען דער אַלוועלטליכער געלד־צייכען, איז דער געלד־צינז געוואָרען, מיט דער פערשטאַרקונג פון דער רעגיערונגס־אויטאָריטעט, דער הויפּט־מיטעל פאַר די פערשקלאַפונג פון די מענשען, און דורך איהם ווערען בעשטימט אַלע עקאָנאָמישע פערהעלטניסע צווישען די מענשען.

אין דעם „ליטעראַרישען מאַגאַזין“ דערצעהלט פּראָפעסאָר יאַנזשיל די געשיכטע פון די פיזשי אינזלען.

אויף די זיד־זעע אינזלען, אין פּאָלינעזיען, לעבט דער

פיזשי־שטאם. די גאנצע גרופּע פון אינזלען, דערצעהלט פּראָ־פעסאָר יאַנזשיל, בעשטעהט פון א גרויסע צאָהל קליינע אינזלען, וואָס פערנעהמט א שטח פון ארום א פערציג טויזענד ענגלישע סקווער מייל. נור א העלפט פון דיזען שטח איז בעוואוינט פון א פופצעהן טויזענד איינגעבאָרענע און א פופצעהן הונדערט ווייסע. די איינגעבאָרענע האָבען פאר א לאנגע צייט געלעבט אין א מעהר אָדער וועניגער ציוויליזירטען צושטאנד, זיינען פיעל געבילדעטער ווי די אנדערע איינגעבירטיגע שטאמען פון פּאָלינעזיען, און זיי רעפּרעזענטירען מיט זיך א פּאָלק, וואָס איז פעהיג זיך צו ענטוויקלען, וואָס זיי האָבען אויך בעוויעזען מיט דעם, וואָס זיי זיינען געוואָרען אין א גאנץ קורצער צייט גוטע לאנד־ארבייטער און פיה־ציכטער.

די איינוואוינער פון די אינזלען זיינען געוועזען גוט אָב. אבער אין 1858 האָט דער קעניגרייך זיך געפונען אין א פער־צווייפעלטער לאגע: די פיזשי־נאציאָן און איהר קעניג, קאַ־קאבאָ, האָבען זיך גענויטיגט אין געלד.

זיי האָבען בעדארפט האָבען פינף־און־פיערציג־טויזענד דאָלאר, אום צו בעצאָהלען די פעראייניגטע שטאאטען פאר דעם בלומרשט'דיגען שאדען, וועלכען מאנכע פידזשיער האָבען גע־טהאָן געוויסע בירגער פון דער אמעריקאנישער רעפּובליק. אום איינצומאָהנען דיזען טאקס, האָבען די אמעריקאנער געשיקט א סקאדראָן, וועלכער האָט פּלוצלינג פערכאַפּט די בעסטע אינזלען, אלס משכן, און האָט געסטראשעט צו באָמבארדירען און צו פערניכטען אלע דערפער, אויב דער טאקס וועט ניט בע־צאָהלט ווערען די אמעריקאנער פּאָרשטעהער אין א בעשטימטען טאָג.

די אמעריקאנער זיינען געווען צווישען די ערשטע קאָלאָ־ניסטען, וועלכע זיינען ערשיענען, צוזאמען מיט די מיסיאָנערען, אויף די פידזשי־אינזלען.

אויסקלייבענדיג און ארייננכאפּענדיג, אונטער דיזער אָדער יענער פּרעטענזיע, די בעסטע שטיקער לאנד אויף די אינזלען און אויפבויענדיג דאָרט קאטען־ און קאפע פּלאנטאציעס, האָבען די אמעריקאנער געדרונגען גאנצע מאסען איינגעבאָרענע, פער־

פליכטענדיג זיי דורך קאָנטראַקטען, וועלכע זיי האָבען גאָרניט פערשטאַנען, אָדער קריגענדיג זיי דורך סוחרים אין לעבעדיגע סחורה.

צוזאַמענשטויסונגען צווישען די בעלי בתים־פּלאַנצער און די איינגעבאָרענע, וועלכע זיינען בעטראַכט געוואָרען אַלס שקלאַ־פען זיינען געווען אונפערמיידליך. מאַנכע פון דיזע צוזאַמענ־שטויסונגען האָבען דאָס געדיענט אַלס אויסרייד פאַר דעם טאַקס, וואָס די אמעריקאַנער האָבען ארויפגעלעגט אויף דעם פידזשי־פאָלק.

און כאָטש די לאַגע פון די אינזלען איז געווען זעהר אַ גוטע, און די איינגעבירטיגע האָט גאָר ניט געפעהלט, דאָך די פידזשיער האָבען נאָך אויפגעהאַלטען די פאָרמען פון דער נאַטירליכער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט אין אייראָפּאַ אין מיטעלאַלטער ביז צו אונזער צייט. עס איז ניט געווען קיין געלד אין צירקולאַציאָן צווישען די איינגעבאָרענע, און דער גאַנצער האַנדעל האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון בייטען. געוויסע זאַכען זיינען אויסגעביטען געוואָרען אויף אַנדערע, און די וועניגע לאָקאַלע און קעניגליכע שטייערען זיינען אויך בעצאָהלט געוואָרען דירעקט אין פּראָדוקטען.

וואָס האָבען די פידזשיער און זייער קעניג קאַקאָבאָ געקענט טהון, ווען די אמעריקאַנער האָבען אזוי צודרינגליך געפאָדערט פינף און פערציג טויזענד דאָלאַר אונטער דעם סטראַשונאָק פון די שווערסטע בעשטראָפונג?

די סומע אַליין איז געווען אַזאַ, וואָס די פידזשיער האָבען גאָרניט געקענט בעגרייפען, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם געלד, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן אין אַזאַ צאָהל.

קאַקאָבאָ האָט זיך געהאַלטען אַן עצה מיט די אַנדערע הויפּטלינגע און האָט בעשלאָסען צו אַפּעלירען צו דער קעניגין פון ענגלאַנד, אַז זי זאָל נעהמען די אינזלען אונטער איהר שוץ, און שפּעטער איז ער געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו פערלאַנגען, אַז ענגלאַנד זאָל מאַכען די אינזלען פאַר איהרע.

די ענגלענדער זיינען אָנגעגאַנגען זעהר פאָרזיכטיג אין

דיזער אַנגעלעגענהייט, און האָבען זיך ניט געאײלט צו בעפרייען דעם האַלב־ווילדען מאָנאַרך פון זיין שווערער לאַגע.

אנשטאט אַ דירעקטען ענטפער האָבען די ענגלענדער אין 1860 אויסגעריכט אַ עקספעדיציע צו אונטערזוכען די פיזשי־אינזלען, מיט דער אַבזיכט צו בעשליסען, אויב עס לוינט זיך זיי צו מאַכען דיזע אינזלען פאַר זייער אייגענטהום און אויסצוגעבען געלד, אום צו בעפריעדיגען די אַמעריקאַנער קרעדיטאָרען.

דערווייל האָט די אמעריקאַנער רעגיערונג געפאָדערט אַלץ שטרענגער איהר חוב, און געהאַלטען אַלס זיכערהייט, אין פּראַק־טישער אייגענטהום, מאַנכע פון די בעסטע פונקטען; און אַזוי שנעל, ווי זי האָט געמאַכט אַ פּאָרזיכטיגע אָבשעצונג פון דעם נאַציאָנאַלען רייכטהום, האָט זי געהעכערט די פאָרדערונג אויף ניינציג טויזענד דאָלאַר און האָט געסטראַשעט עס נאָך ווייטער צו העכערען אייב קאַקאָבאָ וועט זיך ניט אונטעראײלען און בעצאָהלען.

דאַן, קאַקאָבאָ, געדריקט פון אַלע זייטען, און אונבעקאַנט מיט די אייראָפּעאישע מעטאָדען פון קרעדיט־פערהאַנדלונגען, האָט ער גענומען די עצה פון די אייראָפּעאישע קאָלאָניסטען, און האָט פּרובירט צו קריגען געלד פון געשעפטסלייט אין מעלבאָרן, אויף אירגענד וועלכע פּראָצענטען און בעדינגונגען, ניט אָבשטע־לענדיג זיך דערביי זאָגאַר, וואָס ער האָט געמוזט אָבטרעטען זיין קעניגרייך צו פּריוואַט־פּאַרטייען.

אויף קאַקאָבאָס וואונש האָט זיך אין מעלבאָרן געבילדעט אַ סטאָק קאָמפּאַניע. דיזע סטאָק קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „די פּאָלינעזישע אַסס'ן", האָט געמאַכט קאָנ־טראַקטען מיט די פידזשי־הערשער, אויסנעהמענדיג פאַר זיך די פּאָרטהיילהאַפטעסטע בעדינגונגען. אונטערנעהמענדיג זיך צו בעצאָהלען דעם חוב, וואָס האָט געקומט דער אַמעריקאַנער רע־גיערונג, אין אָבצאָהלונגען צו בעשטימטע טערמינען, האָט די קאָמפּאַניע, אַלס בעלוינונג פאַר דעם, געקראָגען צוערשט הונ־דערט טויזענד אַקער לאַנד און דאַן צוויי הונדערט טויזענד אַקער לאַנד און טאַקע פון דעם בעסטען לאַנד, וואָס זי האָט אַליין אויסגעקליבען. דאַן האָט זי אָבגעמאַכט, אַז זי דאַרף זיין

פריי פון אַלערליי טאַקסעס, פאַר אַן אונבעשטימטע צייט, אויף אַלע איהרע פאַבריקען, אָפּעראַציאָנען און קאָלאָניען, און דאַן האָט זי געקראָגען דאָס אויסשליסליכע רעכט, פאַר אַ לאַנגע צייט, צו גרינדען בענק פאַר די ארויסגעבונג פון געלד, מיט דער פּריווילעגיע פון אַן אונבעגרענצטער ארויסגאַבע פון נאָוטס.

זינט דיזען קאָנטראַקט, וועלכער איז ענדליך געשלאָסען געוואָרען אין 1868, אין פּידזשי, איז אויסגעוואַקסען זייט ביי זייט מיט דער לאָקאַלער רעגיערונג מיט קאַקאָבאַ אַן דער שפּיצע, אַ צווייטע הערשאַפט, אַ מעכטיגע האַנדעלס־אָרגאַניזאַציאָן, מיט גרויסע לאַנד־מאַיאָנטקעס אויף אַלע אינזלען און מיט אַן אַלמעכטיגען איינפלוס אין דער אַדמיניסטראַציאָן.

ביז צו יענער צייט האָט די קאַקאָבאַ־רעגיערונג זיך צופריעדענגעשטעלט, פאַר די בעפריעדיגונג פון איהרע בעדירפניסע, מיט די טאַקסען, וואָס זיינען געצאָהלט געוואָרען אין די מאַטעריעלע פּראָדוקטען, און מיט אַ קליינעם אָבצאָהל אויף די פרעמדע אימפּאָרטירטע סחורות. זינט אָבער דער קאָנטראַקט איז געשלאָסען געוואָרען, און זינט עס האָט זיך געגרינדעט די פּאָלינעזישע אַסאָציאַציאָן, האָבען זיך די פינאַנציעלע פערהעלטניסע פון דער רעגיערונג אין גאַנצען געענדערט. ווי באַלד אַ גרויסער טהייל פון דעם בעסטען לאַנד איז געוואָרען דער אייגענטהום פון דער אסס'ן, איז די איינקונפט פון די טאַקסען שטאַרק קלענער געוואָרען. פון דער אַנדערער זייט, אַזוי ווי דיזע אַסאָציאַציאָן האָט פאַר זיך אויס־גענומען די פרייהייט פון עקספּאָרטירען און אימפּאָרטירען פון אַלערליי פּראָדוקטען, איז אויך די איינקונפט פון די טאַריף־אָבצאָהלונגען שטאַרק קלענער געוואָרען. די איינגעבירטיגע — דאָס הייסט ניין און ניינציג פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג — האָבען קיינמאָל ניט געצאָהלט פיעל אין טאַריף־אָבצאָהלונגען, ווייל זיי האָבען ניט געברויכט קיין סך אייראָפּעאישע פּראָדוק־טען, אַ חוץ אייניגע וועב־פּראָדוקטען און מעטאַל־סחורות; און דערפאַר, ווייל די רייכסטע אייראָפּעער זיינען בעפרייט געוואָרען פון דעם חוב צו צאָהלען שטייערען אויף די אימפּאָרטירטע סחורות, איז די איינקונפט פון קאַקאָבאַ געוואָרען אַ קלעגליך

קליינע, און עס איז געוואָרען נויטיג פאַר איהם צו טראַכטען, ווי צו פערגרעסערען זיין איינקונפט.

קאקאבא האָט זיך געהאַלטען אַן עצה מיט זיינע ווייסע פריינד וועגען דעם בעסטען אופן, ווי צו העלפען זיך, און זיי האָבען איהם אַן עצה געגעבען איינצופיהרען דעם ערשטען דירעקטען טאקס אין לאַנד, און, וואהרשיינליך, צוליעב זיין טובה וועגען, אַז דער טאַקס זאָל געצאָהלט ווערען אין געלד.

דער טאַקס איז אויך גלייך בעשטימט געוואָרען אין דער געשטאַלט פון אַ יעהרליכער אָבצאָהלונג פון איין פונט שטערלינג (5 דאָלאר) פאַר יעדען מאַנספּאַרשוין און 4 שילינג (1 דאָל.) פאַר יעדע פרוי איבער דער גאַנצער גרופּע פון די אינזלען.

ווי מיר האָבען שוין ערקלערט, לעבען זאָגאר נאָך איצט די פידזשיער אונטער אַ פּרימיטיווער סיסטעם פון עקאָנאָמיע, אונ־טער דעם סיסטעם פון בייטען זיך. זעהר וועניגע איינגעביר־טיגע האָבען געלד; זייער רייכטהום בעשטעהט מעהרסטענס פון פערשיעדענע רויה־פּראָדוקטען און פון פיה. געלד האָבען זיי ניט.

אבער דער נייער טאַקס האָט געמאַכט געלד פאַר אַ נויט־ווענדיגקייט צו אַ בעשטימטער צייט, און אין אזא סומע, וואָס איז פאַר די איינגעבירטיגע געווען גאָרניט קיין קליינע.

ביז איצט האָט דער איינגעבירטיגער ניט געטראָגען קיינע פערזענליכע לאַסטען צו גונסטען פון דער רעגיערונג. אַ חוץ די פערזענליכע דיענסטע, וואָס ער האָט געמוזט ערפילען, זיינען אַלע זיינע טאַקסען בעצאָהלט געוואָרען דורך דעם דאָרף אָדער דורך די געמיינדע, צו וועלכער ער האָט געהערט, און פון דעם געמיינשאַפטליכען לאַנד, וועלכעס איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון זיין איינקונפט.

איצט אָבער איז איהם געבליבען בלויז איין וועג — צו ווענדען זיך נאָך געלד צו די ווייסע קאָלאָניסטען, דאָס הייסט, צו געהן צו די סוחרים און די פּאָמיעשטשיקעס, וועלכע האָבען געהאַט דאָס, וואָס ער האָט בעדאַרפט — געלד.

צו די ערשטע האָט ער געמוזט פערקויפען זיינע פּראָדוק־טען פאַר אירגענד וועלכען פּרייז, ווייל דער טאַקס־מאַנער האָט

געפאָרדערט, אז דאָס געלד זאָל בעצאָהלט ווערען אין א בעשטימ־
טען טערמין, און ער איז זאָגאר געצוואונגען געווען צו באָרגען
געלד אויף זיינע קומענדע פּראָדוקטען. עס פערשטעהט זיך,
אז די קרעמער האָבען זיך געאיילט דאָס גוט אויסצונוצען פאר
זיך, און האָבען געריסען אונגעהייערע פּראָצענטען. און אז ניט
צו די סוחרים, האָט ער געמוזט געהן צום לאַנד־אייגענטהימער,
איהם פערקויפען זיין ארבייטס־קראפט, ד. ה. ווערען אַן
אַרבייטער.

אבער די ווידזשעס, און טאַקע דערפאר, ווייל עס האָט זיך
מיט אמאָל געיאַוועט אזא גרויסער אָנבאָט פון אַרבייטס־קראַפט,
זיינען געווען זעהר קליינע; ניט מעהר ווי איין שילינג א וואָך
פאר אַן ערוואַקסענעם מענשען, אָדער צוויי פונט און צוועלף
שילינג פאר א גאַנצען יאָהר. דערפאר, אום צו קריגען בלויז
געלד צו בעצאָהלען זיין טאַקס, שוין ניט רעדענדיג פון ערנעהרען
זיין פאמיליע, האָט דער פידזשיער געמוזט פערלאָזען זיין הויז,
זיין לאַנד, און פערקויפען זיך צום גרויסען לאַנד־אייגענטהימער,
וועניגסטענס אויף זעקס מאָנאַטען, אָפט מוזענדיג געהן זעהר
ווייט, צו אַנאַנדער אינזעל, אום צו געפינען בעשעפטיגונג,
וועהרענד ער האָט ניט געקענט בעצאָהלען פאר זיין גאַנצע
פאמיליע, סיידען צולעגענדיג דערצו נאָך אַנדערע מיטלען.

דער רעזולטאַט פון אזאַ לאַגע מוז זיין קלאָר פאר יעדען.

פון זיינע 150 טויזענד אונטערטהאַנען האָט קאַקאָבאַ גע־
קענט ארויסקריגען בלויז זעקס־טויזענד פונט סטערליג, און דאָס
האָט געבראַכט מיט זיך א גאַנצע רייהע פון צוואַנג־מיטלען,
דורך וועלכע מען האָט אַרויסגעריסען די טאַקסעס, וועלכע זיינען
פריהער גאָר ניט געווען.

די לאָקאַלע רעגיערונג, וועלכע איז פריהער געווען געוויסענ־
האַפט, האָט געשלאָסען א בונד מיט די ווייסע קאָלאָניסטען,
וועלכע זיינען געוואָרען די אמת'ע בעלי־בתים פון לאַנד.

ווען א פידזשיער פערפעהלט צו צאָהלען זיין טאַקס, ווערט
ער פּראָצעסירט און פעראורטהיילט צו זעקס מאָנאַטען געפענג־
ניס, וועניגסטענס, אויסער, וואָס ער מוז נאָך בעצאָהלען די
קאָסטען. די געפענגניס — דאָס איז דער מאַיאָנטעק פון דעם

ערשטען ווייסען קאָלאָניסט, וועלכער באַט אָן צו בעצאָהלען דעם טאַקס און די פּראָצעס־קאָסטען פאַר דעם פּעראַורטהיילטען. אויף אזא אופן קריגען די ווייסע אן איבערפלוס פון ביליגער אַרבייט, וויפיעל זיי דאַרפען נור.

צוערשט איז דער טערמין פון געצוואונגענער אַרבייט געווען בעגרענצט אויף זעקס מאָנאַטען; אבער שפּעטער־צו האָבען די אונטערגעקויפטע ריכטער פערלענגערט דעם טערמין ביז צו אַכטצעהן מאָנאַטען, אָפט בעגייענדיג דעם אורטהייל ווען דער אַלטער שטראָף־טערמין האָט זיך געענדיגט.

זעהר שנעל, אין וועניגע יאָהרען, איז דער גאַנצער אַנבליק פון דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון די פידזשיער געגנצליך געווען גאָר אַנאַנדערער. גאַנצע דיסטריקטען זיינען פעראָרימט און פּוסט געוואָרען.

די גאַנצע מענליכע בעפעלקערונג, אַ חוץ די אַלטע און קראַנקע, האָט געאַרבייט פאַר די ווייסע פריצים, אום צו קריגען געלד, וואָס איז נויטיג געווען צו בעצאָהלען דעם טאַקס אָדער אויסצופיהרען דעם אורטהייל פון געריכט.

די פרויען אין פידזשי טהוען וועניג וואָס פעלד־אַרבייט, און דערפאַר, אז זייערע מענער זיינען אַוועק, זיינען די הויזווירט־שאַפטען פערנאַכלעסיגט אָדער אין גאַנצען פערלאָזען געוואָרען.

אין עטליכע יאָהר איז אַ העלפט פון דער בעפעלקערונג פון די פידזשי־אינזלען געווען אין שקלאַפעריי ביי די ווייסע קאָלאָניסטען.

אום צו פערבעסערען זייער לאַגע, האָבען די פידזשיער זיך ווידער געווענדעט צו ענגלאַנד.

עס איז פערפאַסט געוואָרען אַ שריפט, אין וועלכער די איינגעבירטיגע האָבען געבעטען פון ענגלאַנד, אַז זי זאָל זיי און זייער לאַנד נעהמען אונטער איהר שוץ און מאַכען עס אַ טהייל פון איהר קעניגרייך.

אַרום דיזער צייט האָט ענגלאַנד, אַ דאַנק פיעלע ווייסענ־שאַפטליכע עקספּעדיציעס, אויסגעפאָרשט און אויסגעמאָסטען די גאַנצע אינזעל־גרופּע, און אזוי איז זי שוין געווען אין דער ריכטיגער לאַגע אָבצושעצען דעם נאַטירליכען רייכטהום פון

דיזען פּראַכטפולעןווינקעל פון דער ערד. צוליעב דעם האָט שוין דיזעם מאָל די ביטע געווירקט, און אין 1879, צו דעם גרויסען פערדרוס פון די אמעריקאנער לאַנד־אייגענטהימער, האָט ענגלאַנד אָפיציעל איבערגענומען די אויטאָריטעט איבער די אינזלען, און האָט זיי געמאַכט פאַר אַ טהייל פון איהרע קאָלאָניען.

די רעגיערונג איבער די אינזלען איז אָנפערטרויט געוואָרען צו סער ראָבינזאָן, דעם גאָווערנאָר פון ניו סאַוטה וויילס.

אין דעם ערשטען יאָהר פון דער ענגלישער הערשאַפט האָבען די אינזלען ניט געהאַט קיין אונאבהענגיגע אדמיניסטראַציאָן, נור זי איז געווען אונטער דער אויטאָריטעט פון סער ראָבינזאָן, וועלכער איז רעפּרעזענטירט געוואָרען דורך איינעם, וועמען ער האָט בעשטימט.

איבערנעהמענדיג די קאָנטראָל איבער די אינזלען, האָט ענגלאַנד גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע צו ערפילען די פערשיעדענע ערוואַרטונגען פון די איינגעבירטיגע. דאָס ערשטע האָבען זיי נאַטירליך ערוואַרט, אז דער פערהאַסטער טעקס וועט אָבגעשאַפט ווערען. וואָס די ווייסע קאָלאָניסטען אָנבעלאַנגט, האָבען זיי בעטראַכט די ענגלישע הערשאַפט מיט מיסטרוי, וועהרענד דער ענגלישער טהייל פון דער בעפעלקערונג האָט ערוואַרט פון איהר נייער רעגיערונג אַלערליי ברכות — צום ביישפּיעל, די אַנערקענונג פון זייער הערשאַפט, די אַנערקענונג פון דעם געזעצליכען רעכט־אייגענטהום אויף די לענדער, וועלכע זיי האָבען מיט געוואַלט גערויבט פון די איינגעבירטיגע, און אַנדערע פּריווילעגיען.

די ענגלישע רעגיערונג האָט זיך ארויסגעוויזען אַלס זעהר פעהיג צו איהר אויפגאַבע, און איהר ערשטער אַקט איז געווען די פולע אָבשאַפונג פון דעם טאַקס, וועלכער האָט געמאַכט די איינגעבירטיגע צו שקלאַפען צום פּאָרטהייל פון די וועניגע ווייסע קאָלאָניסטען.

אבער סער ראָבינזאָן האָט געהאַט פאַר זיך אַ זעהר ערנסטען פּראָבלעם: עס איז געווען, נאַטירליך, העכסט־וויכטיג אָבצושאַפען דעם טאַקס, וועלכער איז געווען די אורזאַכע פון דעם

פערלאַנג פון אַלע איינגעבאָרענע צו ווערען אונטערטהאַנען פון ענגלאַנד, אָבער צו דערזעלבער צייט, לויט די פּרינציפּען פון דער ענגלישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, מוזען די קאָלאָניען זיך אַליין אונטערשטיצען, ד. ה., זיי מוזען געפינען זייערע אייגענע מיט־לען צונויפצוברענגען די אויסגאַבען פון דער רעגיערונג. איצט, אַז דער טאַקס איז אָבגעשאַפט געוואָרען, האָט די גאַנצע הכנסה פון די טאַריף־אבצאָהלונגען ניט איבערשטיעגען די סומע פון זעקס טויזענד פונט שטערלינג, און די רעגיערונגס־אויסגאַבען זיינען געווען זיעבציג־טויזענד פונט יעהרליך.

סער ראָבינזאָן איז איינגעפאַלען דער געדאַנק איינצופיה־רען אַן אַרבייטער־טאַקס — דאָס מיינט, אַ טאַקס, וואָס זאָל בעצאָהלט ווערען אין אַרבייט ביי די רעגיערונגס־אַרבייטער.

אָבער דיעזער אַרבייטס־טאַקס האָט דאָך ניט געבראַכט די זיעבציג־טויזענד פונט שטערלינג, וועלכע זיינען נויטיג געווען פאַר די אויסהאַלטונג פון סער ראָבינזאָן און זיינע אַסיסטענטען; און דיזע אונגעוויסהייט האָט געדויערט ביז עס איז בעשטימט געוואָרען אַ נייער גובערנאַטאָר — גאָרדאָן, וועלכער האָט פערשטאַנען די נאַרישקייט פון צו וועלען אויפמאָהנען אין געלד, איידער געלד איז נאָך גאָר אין צירקולאַציאָן אין אַ גענוגענדער קוואַנטיטעט אויף די אינזלען, און ער האָט בעשלאָסען צו נעהמען פון די איינגעבאָרענע זייערע פּראָדוקטען, און עס אַליין פערקויפען.

דיזע טראַגישע פאַסירונג אין דעם לעבען פון די פידזשיער איז די בעסטע און קלאָרסטע אילוסטראַציאָן פון דעם כאַראַקטער און ראָלע פון געלד.

דאָ האָט זיך אַלעס אַרויסגעוויזען זעהר קלאָר: די ערשטע פונדאַמענטאַלע בעדינגונג פון פערשקלאַפונג — סטראַשונקעס, קאַנאָנען, מאָרד און די פערכאַפּונג פון לאַנד און דער הויפּט־מיטעל — געלד, וועלכער האָט נאַכהער פערנומען דעם פּלאַץ פון אַלע אַנדערע מיטלען.

דאָס, וואָס אין אַ היסטאָרישע שילדערונג פון דער עקאָנאָ־מישער ענטוויקלונג פון די נאַציאָנען, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די פאָלשטענדיגע ענטוויקלונג פון אַלע פאָרמען פון געלד־

הערשאפט וואָלט געווען נויטיג דורכצוגעהן דורך פיעלע און לאַנגע יאָהרהונדערטע, האָבען מיר דאָ קאָנצענטרירט אין אַ פעריאָדע פון 10 יאָהר.

די דראַמאַ פאַנגט זיך אָן מיט דעם, וואָס די אמעריקאַנער רעגיערונג שיקט אַ קריעגסשיף מיט קאַנאָנען צו די ברעגען פון די אינזלען, ווענען איינגעבאָרענע זי וויל מאַכען זיך אונטער־טהעניג.

דער אויסרייד פאַר דעם איז עפּעס אַ געלד־זאַך. אבער דער אָנפאַנג פון דער דראַמאַ איז אין דעם, וואָס די מיילער פון די קאַנאָנען זיינען געצילעוועט געגען אַ ל ע איינגעבאָרענע — פרויען, קינדער, אַלטע מענשען, יונגע מענשען, וועלכע זיינען אין קיין זאַך ניט שולדיג. אַ פאַקט, וואָס מיר געפינען איבער־אַל: אין אַמעריקא, אין כינאַ און אין צענטראַל־אַזיען.

דאָס איז דער אָנפאַנג פון דער דראַמאַ: „דיין געלד אָדער דיין לעבען“, וואָס איז וויעדערהאָלט געוואָרען אין די אַלע מלחמות פון אַלע נאַציאָנען.

פינף־און־פערציג טויזענד דאָלאַר (נאַכהער ניינציג) אָדער אַן אויסשלאַכטונג.

אָבער די ניינציג־טויזענד זיינען ניטאָ: זיי זיינען אין די קעשענעס פון די אמעריקאַנער.

דאַן הייבט זיך אָן דער צווייטער אַקט: דאָס איז די אָב־לעגונג, די פערבייטונג פון אַ בלוטיגער אויסשלאַכטונג, אַ שווי־דערליכע און אַ קאָנצענטרירטע אין אַ קורצע וויילע, אויף ליידען, וועלכע זיינען ניט אַזוי קענטיג, אָבער מעהר און לענגער אָנ־האַלטענדע.

און דער שטאַט מיט זיין קעניג זוכען די מיטלען צו רעטען זיך פון דיזער אויסשלאַכטונג דורך דעם, וואָס זיי פערשקלאַפען זיך צום געלד.

זיי באָרגען געלד, און דורך דעם ווערט פאַר זיי בעשטימט די פאָרם פון זייער שקלאַפעריי.

דיעזע מעטאָדע הייבט גלייך אָן צו ווירקען, ווי אַ דיסצי־פּלינירטע ארמיי, און אין פינף יאָהר צייט איז אַלעס פערטיג. ניט נור האָבען די מענשען פערלאָרען אַלעס, וואָס זיי האָבען

געהאַט, דאָס רעכט צו אַרבייטען אויף זייער לאַנד, נור זיי האָבען אויך פערלאָרען זייער פּערזענליכע פרייהייט — זיי זיינען שקלאַפען.

דער דריטער אַקט פאַנגט זיך אָן — די לאַגע ווערט אונ־ערטרעגליך, און עס טראָגען זיך אַרום קלאַנגען, אַז עס איז מעגליך פאַר זיי אומצובייטען זייערע הערען. פון צו בעפרייען זיך פון דער שקלאַפעריי, וועלכע דאָס געלד האָט אַרויפגעצוואונ־גען אויף זיי, דענקט שוין גאָר קיינער ניט. און דער שטאַם בעט אויף זיך אַן אנדער הערשער, וועלכען ער בעט מיט תחנונים צו פערלייכטערען זיין לאַגע.

די ענגלענדער קומען, זיי זעהען, דאָס דער בעזיץ פון די אינזלען וועט זיי געבען די מעגליכקייט אויפצוהאַלטען פיעלע לעדיג־געהער פון צווישען זיי, און די ענגלישע רעגיערונג ערקלערט די אינזלען אלס איהר אייגענטהום. אָבער זי מאַכט ניט די איינגעבאָרענע פאַר פאָרמאַלע שקלאַפען; זי נעהמט ניט צו דאָס לאַנד, אום צו צוטהיילען עס צווישען איהרע בעאַמטע. דיזע אַלטע מעטאָדען זיינען איצט ניט נויטיג.

וואָס עס איז נויטיג איז בלויז, דאָס עס זאָל געצאָהלט ווערען אַ שטייער, אַ גענינגענדער גרויסער שטייער, וואָס זאָל ניט דער־לאָזען די אַרבייטענדע אונטערטהאַנען זיך בעפרייען פון דער שקלאַפעריי און זאָלען אויף אַזאַ אופן מוזען אויפהאַלטען אַ גרויסע צאָהל לעדיג־געהער.

די איינגעבאָרענע מוזען צאָהלען זיעבציג־טויזענד פונט אַ יאָהר. דאָס איז דער הויפּט־תנאי, אויף וועלכען ענגלאַנד איז מרוצה צו בעפרייען דיא פידזשיער פון די אַמעריקאַנער, און דיזער תנאי איז אויך דער איינציגער, וואָס פערזיכערט די פאָלשטענדיגע פערשקלאַפונג פון די איינגעבאָרענע.

באַלד אָבער ווערט עס קלאָר, אַז אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען זיי זיינען, קענען זיי ניט צונויפּברענגען זיעבציג טויזענד פונט. דאָס איז אַ צו גרויסע פאָדערונג. די ענגלענדער ענדערן זייערע בעדינגונגען און זיי זיינען מרוצה צו נעהמען דערווייל אַ טהייל פון דעם טאַקס אין פּראָדוקטען, מיט דעם בעשלוס, אַז

דער פולער טאקס זאָל בעצאָהלט ווערען אין געלד אַזוי שנעל, ווי עס וועט זיין גענוג געלד אויף די אינזלען.

ענגלאַנד האַנדעלט ניט ווי די ערשטע קאָמפּאַניע, וועלכע קען פערגליכען ווערען צו דעם ערשטען אַריינרייסען זיך אין אַ פרעמד לאַנד פון ווילדע בעזיעגער, וועלכע ווינשען אַרויסצו־קוועטשען אזוי פיעל ווי מעגליך און דאַן אַוועקגעהען. ענגלאַנד האַנדעלט ווי אַ קליגערער פערשקלאַפער, וויסענדיג, דאָס עס איז בעסער ניט צו טוידטען די הוהן, וועלכע לעגט די גאָלדענע אייער.

ענגלאַנד מאַכט צוערשט לויז די לייצעס, אום זיי נאכ־הער אָנצוציהען שטייף און שוין אויף אימער; צו צווינגען די פידזשיער אין יענעם צושטאַנד פון געלד־שקלאַפעריי, אין וועל־כער עס געפינען זיך אַלע ציוויליזירטע נאַציאָנען אין אייראָפּאַ, און פון וועלכען עס איז ניטאָ קיין אויסזיכט צו בעפרייען זיך אַזוי גיך.

געלד איז אַ גאַנץ נאַטירליכער אויסטויש־מיטעל! אָבער ניט דאַן, ווען אויף די ברעגען פון לאַנד ווערען אַוועקגעשטעלט אָנגעלאָדענע קאַנאָנען, וועלכע זיינען געציעלט געגען די איינ־וואוינער.

אַזוי שנעל, ווי געלד ווערט אַרויסגעריסען פון איינעם אונ־טער דעם סטראַשונאָק פון געוואַלד, ווערט אונפערמיידליך ווידערהאָלט דער ספּעקטאַקעל, פון וועלכען מיר זיינען געוועזן עדות אויף די פידזשי אינזלען. עס ווערט, און איז געוואָרען, ווידערהאָלט, איבעראַל און שטענדיג; צווישען די אַלטע שבטים און זייערע פּרינצען און צווישען די מאָדערנע נאַציאָנען און זייערע רעגיערונגען.

מענשען, וואָס האָבען די מאַכט צו טיראַניזירען איבער אנדערע, וועלען דאָס טהאָן דורך דעם, וואָס זיי וועלען אַרויפ־לעגען אויף זיי אַזאַ געלד־שטייער, וועלכער וועט זיי צווינגען צו ווערען זייערע שקלאַפען; און, נאָך מעהר, עס וועט אימער פּאַסירען דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט צווישען די ענגלענדער און די פידזשיער — נעמליך, די טיראַנען וועלען אין זייערע פאָדערונגען אַריבערגעהן דעם גרענעץ, און ניט בלייבען שטעהן

ביי דעם גרענעץ, ביי וועלכען די צאָהלונג ווערט אונמעגליך, סיידען די געצוואונגענע ווערען אבסאָלוטע שקלאפען.

זיי וועלען זיך אָבשטעלען ביין גרענעץ נור דאן, ווען זיי ווערען צוריקגעהאלטען פון א מאָראַלישען געפיהל; און אפילו א מאָראַלישער געפיהל איז פון קיין שום נוצען ניט, ווען זיי אליין נויטיגען זיך. אָבער רעגיערונגען וועלען אימער איבער־טרעטען דעם גרענעץ, ערשטענס, ווייל עס זיינען ניטאָ קיינע מאָראַלישע געפיהלען, וועלכע רעגיערונגען אנערקענען און, צווייטענס, ווייל, ווי מיר ווייסען, האָבען רעגיערונגען אימער א שטארקע בעדירפנים פאר געלד. דיזע בעדירפנים ווערט גע־שאפען דורך מלחמות, וועלכע זיי פיהרען אָדער וועלכע זיי האָבען בדעה צו פיהרען און דורך די נויטווענדיגקייט אויפצו־האלטען זייערע שותפים, די יעניגע, וועלכע העלפען זיי אין זייער רעגיערונגס־ארבייט.

אלע רעגיערונגען זיינען איבער'ן קאָפּ אין חובות און, נאָך מעהר, זיי וואָלטען ניט געקאָנט, ווען זיי וואָלטען זאָגאר געוואָלט זיך צוריקהאלטען פון דעם כלל, ווי עס האָט איהם אויסגעדריקט א רוסישער שטאאטס־מאן פון 18טען יאָהרהונדערט: „מיר מוזען שערען דעם מוזשיק, און ניט לאָזען זיין וואָל וואקסען".

אלע רעגיערונגען זיינען בעלאסטעט מיט חובות, וועלכע ווערען קיינמאָל ניט אויסגעצאָהלט, און אלס א כלל, ניט ריידענ־דיג פון דער צופעליגער פערקלענערונג פון די חובות אין ענגלאנד און אין אמעריקא, וואקסט דער חוב אין א שרעקליכער מאָס. פּונקט אזוי וואקסען די בודזשעטען, דאָס מיינט, די נויטווענ־דיגקייט צו פיהרען מלחמות מיט אנדערע טיראנען, און די צוטהיילונג פון געלד און לאנד־מתנות צווישען די אונטערגעאָר־דענטע טיראנען. און דערפאר אויך האלט די רענט אויף לאנד אין איין וואקסען.

ווײדזשעס ווערען ניט גרעסער, און ניט צוליעב דעם רענט־געזעץ, נור ווייל עס איז דאָ א טאקס, וואָס ווערט אויפגעמאָהנט מיט געוואלד, וועלכער ווערט ארויפגעלעגט מיט דער אבזיכט אוועקצונעהמען אלעס, וואָס איז נור מעגליך, כדי איינער זאָל זיין געצוואונגען צו פערקויפען זיין ארבייטס־קראפט, ווייל דער

געברויך פון דיעזער ארבייטס־קראפט איז געראדע דער צוועק, צוליעב וועלכען דער טאקס ווערט ארויפגעלעגט. די עקספּלואַטאציאָן פון ארבייט איז נור דאן מעגליך, ווען עס ווערט געפּאָדערט מעהר, אין אלגעמיין, וויפיעל די ארבייטער קענען געבען, ניט לאָזענדיג זיך אין גאנצען אָהן לעבענסמיטעל.

די העכערונג פון ווײדזשעס וואָלט אָבגעשאפט די מעגליכקייט פון פערשקלאפונג; און דערפאר אזוי לאנג, ווי עס איז דאָ צוואנג, קענען ווײדזשעס ניט געהעכערט ווערען.

און דיזע איינפאכע און זעהר בעגרייפליכע בעהאנדלונג פון מאנכע מענשען דורך די אנדערע, רופען די עקאָנאָמיסטען „דער אייזערנער געזעץ“; און די וואפע, מיט וועמעס הילפע אזא בעהאנדלונג ווערט דורכגעפיהרט, רופען זיי אָן אונשעדליכער טויש־מיטעל!

געלד — זאָגען זיי — דיעזער אונשעדליכער טויש־מיטעל, איז נויטיג פאר די מענשען אין זייערע געגענזייטיגע פערהעלטניסע.

וואָרום אָבער איז ניטאָ און איז ניט געוועזן קיין געלד, אין זיין ריכטיגען זין, צווישען נאציאָנען, וועלכע האָבען ניט געדארפט צאָהלען קיין געלד־טאקסעס צו זייערע בעזיעגער, ווערענד עס איז אימער געוועזן און עס וועט אימער זיין, ווי צווישען די פידזשיער, די קירגיזען, די אפריקאנער, די פעניציער? צווישען פעלקער, וועלכע זיינען אין אלגעמיין פריי פון געלד־טאקסעס, איז נור דאָ א דירעקטער אויסבייט פון זאכען אויף זאכען, אָדער צופעליגע ווערטה־מאָסען, ווי שעפסען, פוטער, פעלען און אזוי ווייטער.

געלד אין זיין ריכטיגען זין קומט ערשט אין געברויך צווישען מענשען, וועלכע ווערען געצוואונגען צו צאָהלען געלד. נור דאן ווערט געלד נויטיג אלס א מיטעל זיך צו פערזיכערען געגען געוואלד; דאן נור קריגט דאָס געלד א שטענדיגען טויש־ווערטה.

און ניט דאָס, וואָס איז בעקוועם פאר׳ן אויסטויש, קריגט א טויש־ווערטה, נור דאָס, וואָס די רעגיערונג פאָדערט: אויב די רעגיערונג פאָדערט גאָלד, וועט גאָלד קריגען דעם טויש־

ווערטה; אויב קאָלירטע שטיינער ווערען געפאָדערט, וועלען די קאָלירטע שטיינער האָבען יענעם ווערטה.

אויב דאָס איז ניט אמת, טאָ וואַרום איז עס אימער געווען די פריווילעגיע פון דער רעגיערונג צו בעשטימען דיעזען טויש־מיטעל?

א פאָלק, למשל, די פידזשיער, האָבען בעשלאָסען צו האָבען א נייעם טויש־מיטעל. נו, לאָזט זיי צורוה, און זאָלען זיי טוישען זייערע זאַכען ווי עס געפעלט זיי, און מישט זיך ניט אריין אין זייערע אויסטוישונגען איהר, וועלכע האָט די מאַכט. אָבער איהר לאָזט שמיעדען אייערע מטבעות, פערוועהרענדיג אַנדערע צו שמיעדען פונקט אַזעלכע מטבעות; אָדער, ווי אין רוסלאַנד, איהר דרוקט שטיקלעך פאַפּיער, מיט די פּאָרטרעטען פון די צאַרען, ניט צו מאָדנע אונטערשריפטען, און פאַרזאָרגט זיך מיט שטרענגע בעשטראָפונגען פאַר די, וואָס וועלען זיי נאָכמאַכען; דאַן צוטהיילט איהר דיעזע פאַפּיערלעך צווישען אייערע העלפער, און פאָדערט, אונטער דעם נאָמען פון טאַקסעס און נאַלאָגען, פון דעם אַרבייטער אַזוי פיעל מטבעות אָדער אַזוי פיעל פאַפּיערלעך, דאָס דער אַרבייטער איז געצוואונגען צו פערקויפען זיין אַרבייט, אום צו קריעגען דיעזע מטבעות אָדער פאַפּיערלעך און איהר פערזיכערט אונז, אַז דיעזעס געלד איז נויטיג, אַלס אַן אויסטויש־מיטעל!

אָט זיינען אַלע מענשען פריי. קיינער דריקט קיינעם ניט אָדער האַלט איהם אין אונטערטהעניגקייט, ווי אָבער דאָס געלד ווייזט זיך אין אַ געזעלשאַפט, קומט באַלד מיט איהם דאָס „אייזערנע געזעץ", וועלכע מאַכט עס, אַז די רענט ווערט אַלץ גרעסער, און ווײַדזשעס ווערען קלענער ביז צום מינימום.

דער פאַקט, דאָס אַ העלפט אָדער מעהר ווי אַ העלפט פון די רוסישע בויערען פערקויפען זיך צו די לאַנד־אייגענטהימער אָדער צו די פאַבריקאַנטען אום צו קענען צאָהלען די דירעקטע און אינדירעקטע טאַקסעס פון אַלערליי סאָרטען, מיינט ניט חלילה (כאָטש עס איז אַזוי קלאָר), אַז דאָס אַרויפלעגען פון צוואַנג־טאַקסעס צו גונסטען פון דער רעגיערונג און איהרע

שותפים, די לאַנד־אייגענטהימער, צווינגט די אַרבייטער צו ווערען די שקלאַפּען פון די יעניגע. וועלכע לעגען אַרויף דיעזע טאַקסעס, אָה ניין! דאָס בעטייט, דאָס דיעזע זיינען: דאָס געלד — אַן אויסטויש־מיטעל, און אַן אייזערנער געזעץ!

איידער די לייב־אייגענע זיינען בעפרייט געוואָרען, האָב איך געקאָנט צווינגען וואַנקאַ'ן צו טהאָן אירגענד וועלכע אַר־בייט; און אַז וואַנקאַ האָט זיך ענטזאַגט, האָב איך איהם געשיקט צום ריכטער, וועלכער האָט איהם געלאָזט שמייסען, ביז ער האָט געפאָלגט. אין דערזעלבער צייט, אויב איך האָב גע־צוואונגען וואַנקאַ'ן צו אַרבייטען איבער זיינע כחות, אויב איך האָב איהם ניט געגעבען לאַנד און נאַהרונג איז די זאַך מיטגע־טהיילט געוואָרען דער נאַטשאַלסטוואָ, און איך האָב זיך בע־דאַרפט פערענטפערען.

איצט זיינען די מענשען פריי. אָבער איך קען צווינגען וואַנקאַ'ן און פּעטרושקאַ'ן און סידאָרקאַ'ן צו טהאָן פאַר מיר אירגענד וועלכע אַרבייט, און אויב איינער ענטזאַגט זיך, גיב איך איהם קיין געלד ניט צו צאָהלען זיינע טאַקסעס, און זיי וועלען איהם שמייסען, ביז ער געהאָרכט און גיט זיך אונטער. נאָך מעהר, איך קען צווינגען די דייטשען, די פראַנצויזען, די כינעזער צו אַרבייטען פאַר מיר, בעשטראָפען זיי פאַר אונגע־האָרכזאַמקייט מיט דעם, וואָס איך וועל זיי ניט געבען דאָס געלד, וואָס זיי דאַרפען, אום צו קריגען לאַנד, אָדער קויפען ברויט, ווייל זיי האָבען ניט קיין לאַנד און ניט קיין ברויט; און אויב איך צווינג זיי צו אַרבייטען איבער די כחות, אויב איך טוידט זיי מיט דער אַרבייט, וועט מיר קיינער קיין וואָרט ניט זאָגען; און אויב, אַלס אַ צולאָג, בין איך נאָך אַ וואויל־געלע־רענטער אין די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ביכער, קען איך זיין ביי זיך פעסט, אַז אַלע מענשען זיינען פריי, און דאָס געלד ברענגט מיט זיך ניט קיין שקלאַפעריי.

אונזערע מוזשיקעס האָבען עס שוין פון לאַנג געוואוסט, אַז מיט'ן רובעל קען מען דערלאַנגען פיעל שמערצליכערע קלעפּ, ווי מיט'ן שטעקען, נור אונזערע פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמיסטען ווייסען עס ניט.

צו זאָגען היינט, אז געלד ברענגט ניט מיט זיך קיין שקלאַ־פעריי איז פונקט אזוי ריכטיג, ווי עס איז געווען ריכטיג, מיט 50 יאָהר צוריק, צו זאָגען, דאָס לייב־אייגענשאַפט האָט ניט בעשאַפען קיין שקלאַפעריי.

די פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמיסטען זאָגען, דאָס ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דורך בעזיץ פון געלד קען איינער פערשקלאַפען אַ צווייטען, דאָך איז געלד אַן אונשעדליכער טויש־מיטעל.

וואָרום איז ניט געזאָגט געוואָרען, מיט אַ האלבען יאָהר־הונדערט צוריק, דאָס ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס לייב־אייגענ־שאַפט האָט געגעבען די מעגליכקייט מאַנכע מענשען צו טיראַני־זירען אַנדערע, איז די לייב־אייגענשאַפט ניט געווען אַ מיטעל פאַר די פערשקלאַפונג פון מענשען, נור אַן אונשעדליכער מיטעל פאַר געגענזייטיגער הילפע צווישען מענשען: מאַנכע גיבען זייער אַרבייט, און די אַנדערע נעהמען אויף זיך די זאָרג פאַר דעם קערפּערליכען און גייסטיגען וואוילזיין פון די לייב־אייגענע און די אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייט.

ווי עס איז, איך דענק, אז מאַנכע האָבען טאַקע אזוי בעהויפּטעט.

ווען דיעזע זאָגענאַנטע וויסענשאַפט, די פּאָליטישע עקאָנאָ־מיע, וואָלט זיך ניט פערנומען דערמיט, מיט וואָס עס זיינען פעראינטערעסירט אַלע יורידישע וויסענשאַפטען — מיט דער צושטעלונג פון אַן ענטשולדיגונג פאַר געוואַלד — וואָלט זי ניט געקאָנט ניט זעהן יענע מערקווירדיגע ערשיינונג, דאָס די פער־טהיילונג פון דעם רייכטהום און די עקספּלואַטאַציע פון מאַנכע מענשען דורך אַנדערע קומען פון געלד, און דאָס נור מיט דער הילפע פון געלד קענען מאַנכע מענשען ווערען די בעלי־בתים איבער די אַרבייט פון אַנדערע — ד. ה., פערשקלאַפען זיי.

איך ווידערהאָל, אַ מענש, וואָס האָט געלד, קען קויפען דאָס גאַנצע ברויט און לאָזען אַנדערע הונגערען, אָדער מאַכען זיי פאַר שקלאַפען צוליעב דעם ברויט.

און דאָס איז עס, וואָס קומט פאָר פאַר אונזערע אויגען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב.

עס וואָלט אויסגעזעהן, אזוי ווי עס וואָלט נויטיג געווען צו זוכען די שיכות צווישען געלד און שקלאַפעריי. אָבער די וויסענשאַפט בעהויפּטעט מיט פאַלשטענדיגער זיכערהייט, אז דאָס געלד האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט דער פערשקלאַפונג פון מענשען.

די וויסענשאַפט זאָגט:

„געלד איז אַ סחורה, ווי יעדע אַנדערע, און זיין ווערטה ווערט בעשטימט פון די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען; דער אונטערשיעד איז נור אין דעם, דאָס דיעזע געוויסע סחורה איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס אַ טויש־מיטעל צוליעב איהר צוגעפּאסטקייט פאַר די בעשטימונג פון ווערטהען, פאַר די אַנזאַמלונג פון דאָס, וואָס איינער שפּאָרט אָב און פאַר צאָהלונגען."

איין מענש האָט געמאַכט שיך, אַ צווייטער האָט ארויסגעבראַכט קאָרן, אַ דריטער האָט אויפגעהאָדעוועט שאָף, און כדי זיי זאָלען קענען בעקוועם זיך אויסבייטען מיט זייערע סחורות, האָבען זיי איינגעפיהרט געלד, וועלכעס רעפּרעזענטירט אַ געוויסע קוואַנטיטעט פון ארבייט, און דורך דיעזען טויש־מיטעל, ווערען פּאָדעשוועס אויסגעביטען אויף אַ פוס פון אַ קאַלב אָדער אויף צעהן פונט מעהל.

די אָנהענגער פון דיעזער כלומרשט'דיגער וויסענשאַפט האָבען ליעב אויסצומאָלען זיך אַזאַ מין צושטאַנד. אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט די וועלט קיינמאָל ניט געקאָנט אַזאַ מין צושטאַנד.

אזוי איז עס מיט יענעם אַנדערען פאַנטאַסטישען בילד פון אַ פּרימיטיווער, ריינער און פאָלקאָמענער געזעלשאַפט, וועלכע די אַלטע פילאָזאָפען האָבען ליעב געהאַט צו מאָלען.

אָבער אַזאַ געזעלשאַפט האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

אין אַלע מענשליכע געזעלשאַפטען, אין וועלכע עס האָט עקזיסטירט געלד, אַלס געלד, איז אימער־צו געווען די אונטערדריקונג פון די שוואַכע און אונבעוואַפענטע דורך די שטאַרקע און בעוואַפענטע; און וואו עס איז געווען צוואַנג האָט געלד — די צייכענס פון ווערטה, צי פיה, צי פוטער, צי פעלען אָדער מעטאַלען — אונפערמיידליך פערלאָרען זיין אייגענשאַפט פון

אַ ווערטה־מאָס, און איז געוואָרען פּשוט אַ מיטעל, ווי זיך צו בעפרייען פון צוואַנג.

קיין ספק, דאָס געלד האָט די אַלע אונשעדליכע אייגענ־שאַפטען, וואָס די וויסענשאַפט רעכענט אויס; אָבער עס האָט זיי נור אין אַזאַ געזעלשאַפט, וועלכע איז פריי פון דער טיראַניי פון איין מענשען איבער אַ צווייטען — אין אַן אידעאַלער געזעל־שאַפט; אָבער אין אַזאַ געזעלשאַפט וואָלט געלד, אַלס אַן אַלגע־מיינע ווערטה־מאָס גאָר ניט עקזיסטירט, ווייל עס איז ניט געווען קיין געלד אין אירגענד וועלכער פון יענע געזעלשאַפטען, וועלכע זיינען געווען אונטערוואָרפען צו אַ רעגיערונגס־טיראַניי.

פון דער אַנדערער זייט, אין אַלע געמיינדען, וועלכע זיינען אונז בעקאַנט, וואו עס איז דאָ געלד, קריגט דאָס געלד די בעדיי־טונג פון אַ טויש־מיטעל נור דערפאַר, ווייל ער דיענט אַלס אַ הילפס־מיטעל דער טיראַניי; און זיין הויפּט־עובדא איז ניט צו דיענען, אַלס טויש־מיטעל, נור אַלס אַ צוואַנגס־מיטעל.

וואו עס רעגיערט געוואַלד, קען ניט געלד דיענען, אַלס אַ ריכטיגער טויש־מיטעל, ווייל עס קען ניט זיין דאַן קיין ריכטי־גער ווערטה־מאָס.

און עס קען ניט זיין קיין ווערטה־מאָס דערפאַר, ווייל עס קען ניט זיין קיין מאָס אין אַ געזעלשאַפט, וואו איין מענש האָט די מעגליכקייט צו רויבען אַ צווייטען פון דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבייט.

ווען פערד און קיה, אויפגעהאָדעוועט פון זייערע אייגענ־טהימער, ווערען געבראַכט אויף אַ מאַרק, וואו זיי מוזען קאָנקור־רירען אין פרייז מיט פערד און קיה, וועלכע זיינען גע׳גנב׳עט געוואָרען פון זייערע אייגענטהימער און פערקויפט געוואָרען פון רויבער, איז עס קלאָהר, דאָס די פרייזען פון די פערד און קיה אין יענעם מאַרק וועלען ניט בעשטימט ווערען פון דער אַרבייט, וועלכע עס האָט געקאָסט אויפצוהאָדעווען די חיות; און די פרייזען פון אַלע אַנדערע סחורות וועלען דורכמאַכען אַן ענדערונג, וואָס וועט זיין אין איינקלאַנג מיט דעם פרייז פון די פערד און קיה; און דאָס געלד וועט שוין מעהר ניט בעשטימען דעם ווערטה פון דיעזע סחורות. אַהוץ דעם, אויב עס איז מעגליך צו

קריגען דורך געוואַלד אַ פערד, אַ קוה אָדער אַ הויז, איז עס דאָך פּונקט אַזוי מעגליך צו קריגען געלד אויף דעם זעלבען אופן. נון, אויב געלד אַליין קען מען קריגען דורך געוואַלד און מען קען עס אויסגעבען אין אויסטויש פאַר זאַכען, דאַן הערט עס דאָך געגצליך אויף צו האָבען זאָגאַר די עהנליכקייט פון אַ טויש־מיטעל.

דער רויבער, וועלכער קויפט מיט דעם גערויבטען געלד אַרבייטס־פּראָדוקטען, מאַכט דאָ ניט קיין אויסטויש; ער קריגט איינפאַך דאָס, וואָס ער דאַרף, מיט דער הילפע פון געלד.

און ווען עס וואָלט זאָגאַר עקזיסטירט יענע פאַנטאַסטישע אונמעגליכע געזעלשאַפט, אין וועלכער, ווען עס וואָלט קיין רעגיערונגס־צוואַנג ניט געווען, געלד — זילבער אָדער גאָלד — וואָלט געדיענט, אַלס אַ ווערטה־מאָס און אַלס אַן אויסטויש־מיטעל, וואָלט דיעזע פונקציאָן גלייך פערשוואונדען אַזוי שנעל, ווי געוואַלד וואָלט זיך געוויזען.

דער געוואַלד־מענש קומט אין דער געזעלשאַפט אין דער געשטאַלט פון אַ זיעגער. דער געוואַלד־מענש, וועלען מיר אָנ־נעהמען, פערכאַפּט די פערד, די קיה, די קליידונג און די הייזער פון די איינוואוינער; אָבער עס איז ניט בעקוועם פאַר איהם צו האַלטען ביי זיך דיעזע אַלע זאַכען, און גאַנץ נאַטירליך קומט איהם דער געדאַנק צו רויבען די מענשען פון דאָס וואָס רעפּרע־זענטירט צווישען זיי יעדען סאָרט פון ווערטה, און וואָס קען אויסגעביטען ווערען אויף אירגענד וועלכען פּראָדוקט — געלד. און דאַן הערט אויף גלייך די פונקציאָן פון געלד אַלס אַ ווערטה־מאָס אין יענער געזעלשאַפט, ווייל דער ווערטה־מאָס פון די זאַכען וועט אימער זיין אָבהענגיג פון דער הפקר'דיגער אויפ־פיהרונג פון דעם געוואַלד־מענשען.

יענע זאַך, וואָס דער געוואַלד־מענש וועט געברויכען אַם מייסטען, און פאַר וועלכע ער וועט געבען דאָס מייסטע געלד, וועט קריגען אַ העכערען ווערטה, און פערקעהרט.

אַלזאָ, אין אַ געמיינדע, וואָס איז אונטערוואָרפען אַ געוואַלד־מאַכט, קריגט דאָס געלד גלייך די אייגענשאַפט פון געוואַלד אין די הענד פון דעם מאַכט־האָבער, בלייבענדיג ביי זיין בעדייטונג

פון אַ טויש־מיטעל פאַר די פערגעוואַלדיגטע נור ביז צו אַזאַ גראַד און נור אין אַזאַ הינזיכט, ווי דאָס איז גוט פאַר דעם פערגעוואַלדיגער.

לאָמיר בעטראַכטען די זאַך אין אַ קליינעם קרייז.

די ליב־אייגענע שטעלען צו דעם לאַנד־אייגענטהימער לייוועגט, היהנער, שאָף און טעגליכע ארבייט. דאַן פיהרט איין דער לאַנד־אייגענטהימער אַ געלד־טאַקס אָנשטאָט די פּראָדוק־טען און בעשטימט די פּרייזען פון די פּראָדוקטען. דער, וואָס האָט ניט קיין לייוועגט, היהנער, שאָף, און וועלכער קען אויך ניט געבען קיין ארבייטס־קראַפט, קען בעצאָהלען אַ געוויסע סומע פון געלד.

עס איז קלאָהר, דאָס צווישען די ליב־אייגענע פון דיעזען לענדלאָרד וועט דער פּרייז פון די פּראָדוקטען אימער אָבהענגען פון דעם ווילען פון דעם פּריץ. דער אייגענטהימער געברויכט די אָנגעזאַמעלטע פּראָדוקטען; מאַנכע געברויכט ער מעהר, מאַנכע ווענינער, און לויט דעם בעשטימט ער די פּרייזען, ניעדריגע און העכערע.

עס איז ווידער קלאָהר, דאָס דער ווילען אָדער די בעדירפ־ניסע פון דעם אייגענטהימער וועלען בעשטימען די פּרייזען פון די פּראָדוקטען זאָגאַר אַזוי ווייט, ווי זיי זיינען צוטהיילט צווישען די ליב־אייגענע גופא.

אויב דער אייגענטהימער דאַרף האָבען ברויט, וועט ער בעשטימען אַ הויכען געלד־טאַקס פאַר די פּריווילעגיע צו צאָה־לען איהם מיט אנדערע זאַכען, אַזוי, אַז די יעניגע, וועלכע האָבען איהם צוצושטעלען די זאַכען, וועלכע ער דאַרף ניט זעהר נויטיג — לייוועגד, היהנער, פיה, פערזענליכע ארבייט — וועלען האָבען איהם פיעל צו צאָהלען. דערפאַר וועלען די יעניגע, וועלכע האָבען ניט קיין ברויט צו געבען, וועלען פער־קויפען זייער ארבייט אָדער זייער לייוועגד און פיה, אום צו קויפען ברויט פאַר זייער אייגענטהימער.

אויב דער אייגענטהימער בעשליסט איינצופיהרען אַ געלד־טאַקס פאַר אַלע צאָהלונגען, וועט דער פּרייז פון די פּראָדוקטען, ווידער, ניט אָבהענגען פון דער קוואַנטיטעט ארבייט, וועלכע

זיי פערקערפּערען, נור, צום אַלעם ערשטען, פון דער קוואַנטי־טעט געלד, וואָס דער אייגענטהימער פאָדערט, און, צווייטענס, פון דעם סאָרט פּראָדוקטען, וועלכע ער דאַרף אָם מייסטען, און פאַר וועלכע ער צאָהלט פאָלגליך מעהר געלד.

דאָס אַרויפלעגען פון אַ געלד־טאַקס דורך דעם אייגענטהי־מער וואָלט נור דאַן ניט בעריהרט די פּרייזען פון די פּראָדוקטען צווישען די בויערען, ווען די בויערען וואָלטען, ערשטענס, גע־לעבט אָבגעזונדערט פון אַנדערע מענשען און וואָלטען ניט געהאַט קיינע אַנדערע פערהעלטניסע מיט זייערע אייגענטהימער און איינער מיט'ן צווייטען און, צווייטענס, ווען דער אייגענטהימער וואָלט פערברויכט דאָס געלד אום צו קויפען זאַכען אויסער זיין דאָרף, און ניט אין דאָרף גופא. נור אונטער דיעזע צוויי בעדינ־גונגען וואָלט דער ווערטה פון די זאַכען, כאָטש נאָמינעל ענדע־רענדיג זיך, פערהעלטניסמעסיג געבליבען נאָרמאַל, און דאָס געלד וואָלט געהאַט די פונקציאָן פון אַ ווערטה־מאָס און פון אַ טויש־מיטעל; אָבער אויב די בויערען האָבען עקאָנאָמישע פער־העלטניסע מיט זייערע שכנים, דאַן, צוערשט, וועט די גרעסערע אָדער קלענערע פאָדערונג פון געלד דורך דעם אייגענטהימער בעשטימען דעם העכערען אָדער ניעדריגערען ווערטה פון זייערע פּראָדוקטען אין זייער האַנדעל מיט די שכנים. אויב מען פאָ־דערט פון זייערע שכנים ווענינגער געלד, ווי פון זיי, דאַן וועלען זייערע פּראָדוקטען זיך פערקויפען אויף אַ ניעדריגערען פּרייז, ווי די פּראָדוקטען פון די שכנים; און פערקעהרט.

און ווייטער, דאָס אַרויפלעגען פון אַ געלד־טאַקס פון דעם אייגענטהימער אויף זיינע לייב־אייגענע וואָלט ניט בעריהרט דעם ווערטה פון די פּראָדוקטען פון זיינע בויערען, ווען ער קויפט ניט מיט דעם געלד, וואָס ער מאָהנט איין, אין זיין אייגע־נעם דאָרף. טהוט ער עס יאַ, וועלען די פערהעלטניסע צווישען די פּרייזען פון די סחורות שטענדיג זיך ענדערען; און דיעזע ענדע־רונגען וועלען בעשטימט ווערען פון די פאָדערונגען פון דעם אייגענטהימער פון דעם אָדער יענעם פּראָדוקט.

אָנגענומען, דאָס איין אייגענטהימער האָט אַרויפגעלעגט אויף זיינע בויערען אַ זעהר הויכען טאַקס, וועהרענד זיין שכן

האָט אַרויפגעלעגט אַ ניעדריגען געלד־טאַקס. עס איז קלאָהר, דאָס אויף דעם גוט פון דעם ערשטען וועלען אַלע פּראָדוקטען זיין ביליגער, ווי אויף דעם גוט פון דעם צווייטען, און די פּרייזען אין יעדען מאַיאָנטיק וועלען אָבהענגען פון דער פערגרעסערונג אָדער פערקלענערונג פון דעם טאַקס.

דאָס איז איין ווירקונג פון געוואַלד אויף די פּרייזען.

אַ צווייטע ווירקונג, וועלכע קומט ארויס פון דער ערשטער וועט זיך אַרויסווייזען אין דעם פערהעלטניסמעסיגען ווערטה פון די פּראָדוקטען.

אָנגענומען, דאָס איין אייגענטהימער האָט זעהר אַ גרויסען השק צו פערד, און צאָהלט פאַר זיי הויכע פּרייזען, ווערענד אַ צווייטער האָט ליעב געווירסע טיכלעך, און צאָהלט פאַר זיי הויכע פּרייזען. עס איז קלאָהר, דאָס אויף די מאַיאָנטקעס פון דיעזע אייגענטהימער וועלען פערד און טיכלעך זיין זעהר טהייער, און די פּרייזען פון דיעזע וועלען ניט זיין אין אַ נאָרמאַלען פער־העלטנים צו די פּרייזען פון קיה און ברויט. מאָרגען שטאַרבט דער ליעבהאָבער פון די געווירסע טיכלעך, און זיין יורש וועט גאָר זיין אַ ליעבהאָבער פון היהנער, און דער פּרייז אויף די טיכלעך פאַלט, ווערענד דער פּרייז אויף די היהנער שטייגט.

אין יעדער געזעלשאַפט, וואו עס עקזיסטירט די אונטער־דריקונג פון מענש דורך מענש, ווערט די פונקציאָן פון געלד, אַלס אַ ווערטה־מאָס גלייך אָבהענגיג אָן דעם ווילען פון דעם געוואַלד־האָבער, און זיין פונקציאָן אַלס אַ טויש־מיטעל ווערט איבערשטיגען פון אָן אַנדער פונקציאָן — פון צו דיענען, אַלס דער בעקוועמסטער מיטעל צו פּראָפיטירען דורך די אַרבייט פון אַ צווייטען.

דער אונטערדריקער דאַרף ניט דאָס געלד פאַר אויסטויש־צוועקען אָדער אום צו בעשטימען אַ ווערטה־מאָס, נור איינפאַך, אַלס אַ בעקוועמע וואַפּע פון אונטערדריקונג, ווייל דאָס געלד איז לייכט צו היטען און גיט די מעגליכקייט איינעם צו האַלטען אין אונטערטהעניגקייט די גרעסטע צאָהל מענשען.

אַוועקצונעהמען די גאַנצע פיה, אום צו האָבען ביי דער האַנד אַזוי פיעל קיה, שעפּסען, פערד, וויפיעל ער קען געברויכען, איז

אונבעקוועם, ווייל מען דאַרף זיי פּיטערען און אויפּפּאַסען אויף זיי; דאָס גלייכען, קאָרן קען קאַליע ווערען; און דאָס זעלבע מיט אַרבייט: אַמאָל דאַרף מען אַ טויזענד אַרבייטער און אַמאָל גאָר קיינע.

געלד, ווען עס ווערט געפאָדערט פון די יעניגע, וועלכע האָבען עס ניט, בעפרייט איינעם פון אַלע דיזע אונבעקוועמליכקייטען, און מאַכט מעגליך פאַר דעם געוואַלד־מענשען צו האָבען אימער אַלעס, וואָס ער דאַרף; אַלעס, וואָס ער וויל נור האָבען.

אחוץ דעם, דער געוואַלד־מענש דאַרף אויך האָבען געלד, אום אויסצובּרייטען זיין רעכט צו פּראָפיטירען פון אַן אַנדער מענשען'ס אַרבייט איבער אַלע, וועמען עס פעהלט געלד, און ניט זיין אָנגעוויזען אויף אַ געוויסע צאָהל מענשען בלויז.

ווען עס איז ניט געווען קיין געלד, האָט יעדער אייגענטהימער געקענט אויסניצען בלויז די אַרבייט פון זיינע אייגענע בויערען; אָבער ווען צוויי האָבען זיך איינפערשטענדיגט צו מאַכען זייערע צאָהלונגען אין געלד, וועלכע די בויערען האָבען ניט געהאַט, האָט יעדער פון זיי געקענט גאָר ניט אויסקלייבענדיג געברויכען אירגענד וועלכע און אַלע קרעפטען אויף די ביידע מאַיאָנטקעס.

דערפאַר געפינט עס דער אונטערדריקער זעהר בעקוועם צו פאָדערען אַ געלד־צאָהלונג פון אַלע די יעניגע, אויף וועמעס אַרבייט ער האָט אַ פּריטענזיע, און ער וויל נור דאָס געלד פאַר זיין אייגענשאַפט צו בעהערשען די אַרבייט.

וואָס דעם אונטערדריקטען אָנבעטרעפט, דעם, וועלכער ווערט בערויבט פון זיין אַרבייט, ער דאַרף ניט קיין געלד, ניט צום אויסטויש, ווייל ער קען אויסטוישען אָהן געלד, ווי אַלע מענשען אָהן אַ רעגיערונג האָבען עס געטהאָן; ער דאַרף עס אויך ניט פאַר די בעשטימונג פון דעם ווערטה־מאָס, ווייל דאָס ווערט שוין געטהאָן אָהן איהם, אָהן זיין אַריינמישען זיך; ער דאַרף עס אויך ניט, אום אָבצושפּאָרען, ווייל דער, וועמ עס ווערט בערויבט פון די פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט קען ניט שפּאָרען; ער דאַרף עס אויך ניט, אום צו בעצאָהלען אימעצען, ווייל דער אונטערדריקטער גיט אימער מעהר, וויפיעל ער קריגט, און אפילו

ווען ער קריגט עטוואָס, גיט מען איהם גיכער סחורה, ווי געלד, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די אַרבייטער, וועלכע קריגען, אָנ־שטאָט זייערע ווייזשעס פערשיעדענע זאַכען פון די סטאָרס פון זייערע בעלי בתים, אָדער אפילו ווי די ארבייטער, וועלכע בייטען אויס זייערע ווייזשעס אויף די לעבענס־נויטווענדיג־קייטען אין די „פרייע סטאָרס".

מען בעפעהלט איהם צו געבען געלד, און מען זאָגט איהם, דאָס אויב ער וועט ניט צאָהלען, קריגט ער ניט קיין לאַנד, קיין ברויט, אָדער, דאָס זיין קוה, זיין הויז וועלען פון איהם אַוועק־גענומען ווערען און מען וועט איהם אָדער צווינגען ארבייטען אָדער איהם איינשפּאַרען אין געפענגניס. ער קען זיך רעטען פון דעם נור אויף דעם תנאי, ער זאָל פערקויפען די פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט, זיין אַרבייטס־קראַפט אָדער די אַרבייט פון זיינע קינדער. אָבער דער פּראָדוקט אָדער זיין אַרבייט איז ער גע־צוואונגען צו פערקויפען אויף בעשטימטע פרייזען ניט לויט דעם נאָרמאַלען אויסטויש, נור לויט דער קראַפט, וועלכע פאָדערט פון איהם דעם טאַקס.

און אונטער דיעזער ווירקונג פון טאַקסעס אויף די ווער־טהען, וועלכע זיינען אימער און איבעראַל דאָ — צווישען לאַנד־איינענטהימער און זייערע בויערען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, און רעגיערונגען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב — אונטער דיעזע פערהעלטניסע, וועלכע פעראורזאַכען די ענדערונג אין די ווער־טהען אַזוי קלאָהר, ווי עס איז קלאָהר די אורזאַכע פון דעם טאַנ־צען פון די ליאַלקעס פאַר דעם, וועלכער שטעהט פון הינטען און זעהט די שטריקלעך — אונטער דיעזע פערהעלטניסע — צו ריידען פון געלד בלויז אַלס אַ טויש־מיטעל, איז, מילד גערעדט, זעהר זאָנדערבאַר!

יעדער מין אונטערדריקונג פון מענשען דורך מענשען שטיצט זיך אויף דער מעגליכקייט וועלכע איין מענש האָט צו נעהמען דעם צווייטענ'ס לעבען, און צו האַלטען אַ סטראַשענדע שטעלונג, צווינגענדיג זיין געהאָרכזאַמקייט.

איינער קען בעהויפּטען און ניט מורא האָבען צו זיין אין טעות, דאָס וואו נאָר עס איז דאָ די פערשקלאַפונג פון מענשען, דאָס מיינט, וואו נור אַ מענש טהוט עטוואָס געגען זיין ווילען אין געהאָרכזאַמקייט צו דעם וואונש פון אַ צווייטען, איז די אורזאַכע דערפון געוואַלד, וועלכע האָט אַלס איהר פונדאַמענט דאָס סטראַשענען מיט'ן טויט.

דאָרט, וואו אַ מענש גיט אַוועק זיין גאַנצע ארבייט צו אַ צווייטען, לעבט אָהן גענינענדע נאַהרונג, לאָזט זיינע קינדער געהן שווער אַרבייטען, און ווידמעט זיין גאַנץ לעבען צו אָב־שטויסענדער און אונניצליכער (פאַר איהם) אַרבייט, ווי דאָס ווערט געטהאָן פאַר אונזערע אויגען אין אונזער אייגען וועלט (וועלכע ווערט גערופען ציווילעזירט, ווייל מיר לעבען אין איהר), דערפאַר קען מען זאָגען מיט זיכערהייט, דאָס ער טהוט דאָס אַלעס, ווייל, ווען ער טהוט דאָס ניט, ווערט ער געסטראַשעט מיט דעם פערלוסט פון זיין לעבען.

דערפאַר אין אונזער קולטור־וועלט, וואו די מאַיאָריטעט פון מענשען, אונטער אַ שרעקליכער נויט, טהוט אויף העסליכע און אונניצליכע (פאַר זיי) אַרבייט, איז די מאַיאָריטעט אין אַ צושטאַנד פון שקלאַפעריי, וועלכע איז געגרינדעט אויף דער מורא צו פערלירען דאָס לעבען.

אין וואָס, אַלזאָ, ווייזט זיך ארוים שקלאַפעריי, און ווי ווערט די מורא פאַר'ן טויט אויפ'ן דריקט?

אין די אַלטע צייטען איז די מעטהאָדע פון פערשקלאַפונג און דער סטראַשענען צו נעהמען איינעמ'ס לעבען געווען זעהר קלאָהר: די פּרימיטיווע מעטהאָדע פון פערשקלאַפען מענשען איז בעשטאַנען אין דעם דירעקטען סטראַשענען מיט'ן טויט דורכ'ן שווערד.

דער בעוואַפענטער האָט געזאָגט צו דעם אונבעוואַפענטען: „איך קען דיך טויטען, ווי דו האָסט געזעהן, מיך טהאָן מיט דיין ברודער, אָבער איך ווינש עס ניט צו טהאָן. איך וועל דיך שאָנע־ווען, הויפּטזעכליך דערפאַר, ווייל פאַר אונז ביידע, פאַר מיר און דיר, לוינט זיך עס בעסער, אויב דו וועסט איינוויליגען צו

ארבייטען פאר מיר אנשטאט צו ווערען געטויטעט. אלזא טהו אלץ, וואס איך הייס. אויב ניט הרג'ע איך דיך."

און דער אונבעוואפענטער האט זיך אונטערוואָרפען דעם בעוואפענטען און האט געטהאן אלעס, וואס ער האט בעפוילען.

דער אונבעוואפענטער האט געארבייט; דער בעוואפענטער האט געסטראשעט.

דאס איז געווען יענע פערזענליכע שקלאפעריי, וועלכע ווייזט זיך פריה צווישען אלע נאציאנען, און וועלכע מען קען נאך איצט געפינען צווישען די ווילדע נאציאנען.

דיזע מעטאָדע צו פערשקלאפען איז די ערשטע וועלכע קומט אין געברויך, אבער אזוי ווי דאס לעבען ווערט שטארק קאמפליצירט, ווערט דיזע מעטאָדע געענדערט. אונטער קאמפלי־צירטע אומשטענדען פון לעבען האט דיזע מעטאָדע פיעלע אונ־בעקוועמליכקייטען פאר דעם אונטערדריקער. אום צו פראפי־טירען דורך די ארבייט פון די שוואכערע, מוז דער אונטערדרי־קער זיי געבען שפייז און קליידונג — דאס הייסט, ער מוז אזוי פיעל אויפפאסען אויף זיי, אז זיי זאלען טויגען צו דער ארבייט, און דאס בעגרענצט די צאהל פון די פערשקלאפטע; נאך מעהר, דיזע מעטאָדע צווינגט דעם אונטערדריקער צו היטען שטענדיג די פערשקלאפטע און האלטען זיי אין איין סטראשענען.

און דערפאר ווערט ענטוויקעלט א נייע מעטאָדע פון פער־שקלאפונג.

מיט פינף טויזענד יאהר צוריק, לויט די ביעבל דערצעהלט אונז, איז ערפונדען געוואָרען פון יוסף הצדיק יענע מעהר בע־קוועמע און אלגעמיינע מעטאָדע פון פערשקלאפען מענשען.

די מעטאָדע איז דיזעלבע, וועלכע ווערט היינט געברויכט אין צעהמען פערד און ווילדע חיות אין די צירקען.

די מעטאָדע איז — הונגער.

אט איז די ביבלישע שילדערונג פון דיזער ערפינדונג:

בראשית, קאפיטעל 47-48. „און ער האט צונויפגעזאמעלט די שפייז פון די זיבען יאהר, וועלכע זיינען געווען אין דעם לאנד פון מצרים, און האט אוועקגעלעגט די שפייז אין די שטעדט: די

שפייז פון פעלד, וואָס איז געווען ארום יעדע שטאדט האָט ער אוועקגעלעגט אין דיזעלבע.

„49. און יוסף האָט צונויפגעזאַמעלט דעם קאָרן, ווי די זאמד פון דעם ים, זעהר פיעל, ביז ער האָט אויפגעהערט צו צעהלען; ווייל עס איז געווען אָהן א צאָהל.

„53. און די זיעבען זאטע יאָהרען, וועלכע זיינען געווען אין לאַנד פון מצרים האָבען זיך געענדיגט.

„54. און די זיבען יאָהרען פון הונגער האָבען אָנגעהויבען צו קומען לויט ווי יוסף האָט געזאָגט: און דער הונגער איז געווען אין אַלע לענדער; אבער אין דעם גאַנצען לאַנד פון מצרים איז געווען ברויט.

„55. און ווען דאָס גאַנצע לאַנד פון מצרים איז געוואָרען הונגעריג, האָט דאָס פאָלק געשריען צו פּרעה פאַר ברויט. און פּרעה האָט געזאָגט צו אַלע מצריים: געהט צו יוסף; וואָס ער זאָגט אייך, טהוט.

„56. און דער הונגער איז געווען איבער דעם גאַנצען פּנים פון דער ערד. און יוסף האָט געעפענט אַלע זיינע שפּייכ־לערס און האָט פערקויפט צו די מצריים. און דער הונגער איז אַלץ ערגער געוואָרען אין דעם לאַנד פון מצרים.

57". און אַלע לענדער זיינען געקומען נאָך מצרים צו יוסף, אום צו קויפען קאָרן. ווייל דער הונגער איז געווען שרעק־ליך אין אַלע לענדער.

יוסף, געניסענדיג דאָס רעכט פון דער אָריגינעלער מעטאָדע צו פערשקלאַפען מענשען דורך דעם סטראַשונאָק מיט'ן שווערד, האָט צוזאַמענגעקליבען קאָרן אין די יאָהרען פון גערעטענקייט, פאָראויסזעהענדיג שלעכטע יאָהרען, וועלכע געוועהנליך קומען נאָך די גוטע, ווי אַלע מענשען ווייסען עס זאָגאַר אָהן פּרעה'ס חלום, און מיט דיזען מיטעל, מיט הונגער, האָט ער פערשקלאַפט אויף דעם זיכערסטען און בעקוועמסטען אופן די מצריים אזוי גוט, ווי די איינוואוינער פון די אַרומיגע לענדער. אזוי שנעל, ווי די מענשען האָבען דערפיהלט הונגער, האָט ער געמאַכט די זאַך אַזוי, אום צו פערשקלאַפען אויף שטענדיג די מענשען דורך דיזען מיטעל פון הונגער.

אין דעם 47טען קאפיטעל ווערט עס געשילדערט ווי פאלגט:

„13. און עס איז ניט געווען קיין ברויט אין דעם גאנצען לאנד, ווייל דער הונגער איז געווען זעהר שרעקליך, אזוי דאס דאס גאנצע לאנד מצרים און דאס גאנצע לאנד כנען איז געווען אין טוידט־שמערצען צוליעב דעם הונגער.

„14. און יוסף האט צונויפגעזאמעלט דאס גאנצע געלד, וואס איז געווען אין לאנד מצרים און אין לאנד כנען, פאר דעם קארן, וואס זיי האבען געקויפט; און יוסף האט געבראכט דאס געלד אין פרעה׳ס הויז.

„15. און ווען דאס געלד האט געפעהלט אין לאנד מצרים און אין לאנד כנען, זיינען די אלע מצריים געקומען צו יוסף, און האבען געזאגט: גיעב אונז ברויט: ווייל, ווארום זאלען מיר שטארבען אט דא פאר דיר? ווייל דאס געלד איז ניטא.

„16. און יוסף האט געזאגט: גיט אייער פיה, און איך וועל אייך געבען פאר אייער פיה, אויב געלד פעהלט אייך.

„17. און זיי האבען געבראכט דאס פיה צו יוסף: און יוסף האט זיי געגעבען ברויט אין אויסבייט פאר די פערד און פאר די טשערעדעס און פאר די פיה און פאר די אייזלען, און ער האט זיי געשפייזט מיט ברויט, זיי און זייערע פיה פאר יענעם יאהר.

„18. ווען יענער יאהר איז געווען צו ענדע, זיינען זיי געקומען צו איהם דעם צווייטען יאהר, און האבען געזאגט צו איהם: מיר ווילען ניט פערלייקענען פון מיין הערר, ווי דאס געלד אונזערס איז אוועק; עס איז גאר ניט איבערגעבליבען אין דעם אנבליק פון מיין הערר, אחוץ אונזערע קערפער און אונזער לאנד.

„19. ווארום זאלען מיר שטארבען פאר דיינע אויגען,ביידע, מיר און אונזער לאנד? קויף אונז און אונזער לאנד פאר ברויט, און מיר און אונזער לאנד וועלען זיין שקלאפען צו פרעה; און גיב אונז קערנער, דאס מיר זאלען קענען לעבען און ניט שטארבען, אז דאס לאנד זאל ניט זיין וויסט.

„20. און יוסף האט געקויפט דאס גאנצע לאנד פון מצרים פאר פרעה; ווייל די מצריים האבען פערקויפט, יעדער

מאן זיין פעלד, ווייל דער הונגער האָט געהערשט איבער זיי; אזוי איז דאָס לאנד געוואָרען פּרעה'ס.

„21. און וואָס דאָס פאָלק אנבעלאנגט, האָט ער זיי איבער־גענומען אין די שטעדט פון איין ענד פון די גרענעצען פון מצרים צו דעם צווייטען דערפון.

„22. נור דאָס לאנד פון די פּריסטער האָט ער ניט גע־קויפט; ווייל די פּריסטער האָבען געהאט א טהייל בעשטימט פאר זיי פון פּרעה, און האָבען געגעסען זייער טהייל, וואָס פּרעה האָט זיי געגעבען; פאר דאָס האָבען זיי ניט פערקויפט זייערע לענדער.

„23. דאן האָט יוסף געזאָגט צום פאָלק: זעהט, איך האָב אייך געקויפט דיזען טאָג און אייער לאנד פאר פּרעה; זעהט, דאָ איז תבואה פאר אייך, און איהר זאָלט פערזעען דאָס לאנד.

„24. און עס זאָל קומען צו פּאסירען אין דעם אויסוואַק־סען, דאָס איהר זאָלט געבען דעם פינפטען טהייל צו פּרעה, און פיער טהיילען זאָלען זיין אייערע אייגענע, פאר די קערנער, פון דעם פעלד, און פאר אייער שפּייז, און פאר די פון אייער הויז־געזינד, און פאר שפּייז פאר אייערע קליינע קינדער.

„25. און זיי זאָגען: דו האָסט געראטעוועט אונזערע לע־בענס, לאָז אונז געפינען חן אין די אויגען פון מיין הארר, און מיר וועלען זיין פּרעה'ס שקלאַפען.

„26. און יוסף האָט געמאַכט א געזעץ איבער דעם לאנד פון מצרים ביז אויף דיזען טאָג, דאָס פּרעה זאָל האָבען דעם פינפטען טהייל; א חוץ דאָס לאנד פון די פּריסטער בלויז, וועלכעס איז ניט געוואָרען פּרעה'ס."

פריהער, אום צו פּראָפּיטירען פון דער ארבייט פון מענ־שען, האָט פּרעה געמוזט זיי צווינגען צו ארבייטען פאר איהם. איצט, האָבענדיג דאָס לאנד און דעם אָנגעזאַמעלטען קאָרן, דארף ער נור היטען די קאָרן־שפּייכלער, און דער הונגער וועט זיי שוין צווינגען צו ארבייטען פאר איהם. דאָס לאנד איז אין גאנצען זיינס, און די אָנגעזאַמעלטע שפּייז (דער טהייל, וואָס איז גענו־מען פון פאָלק) איז זיינס. אנשטאט טרייבען יעדען מענשען בעזונדער צו דער ארבייט דורכ'ן שווערד, דארף ער נור היטען די

קאָרן־שפּייכלער, אום צו מאַכען די מענשען פאַר זיינע שקלאַפען, ניט מיט'ן שווערד, נור מיט'ן הונגער. אין אַ יאָהר פון הונגער קענען אַלע געמאַכט ווערען צו שטאַרבען פון הונגער דורך פּרעה, און אין אַ בעסערער צייט קענען געמאַכט ווערען צו שטאַרבען פון הונגער די אַלע, וועמען צופעליגע אונגליקען האָבען געשטערט פון אריינצונעהמען זייער אייגענע תבואה.

אזוי איז אַלזאָ בעשטימט די צווייטע מעטאָדע פון פערשקלאַפען מענשען, ניט דורכ'ן שווערד, דאָס הייסט, דורך שטאַרקען טרייבען, מיט דעם שטראַשונאָק צו בעשטראָפען מיט'ן טויט, די שוואַכע צו דער אַרבייט, נור מיט אַ שטאַרקערען צו־זאַמענקלייבען די אַלע פּראָדוקטען און היטען זיי, און אזוי צווינגען די שוואַכע צו פערקויפען זיך פאַר ברויט.

יוסף זאָגט צו די הונגעריגע:

„איך קען אייך מאַכען שטאַרבען פון הונגער, ווייל איך האָב דעם גאַנצען קאָרן, אָבער איך האָב רחמנות אויף אייך, נור מיט דעם תנאי, אז פאַר דעם ברויט, וואָס איך גיב אייך, וועט איהר טהון אַלעס, וואָס איך בעפעהל אייך.“

פאַר די ערשטע מעטאָדע פון פערשקלאַפונג — דער געברויך פון ברוטאַלער געוואַלט — דאַרף דער שטאַרקערער האָבען בלויז סאָלדאַטען, וועלכע זאָלען געהען שטענדיג צווישען די שוואַכערע און דורך דעם סטראַשענען מיט טוידט צווינגען זיי צו ערפילען דעם שטאַרקערענס ווילען. פאַר די צווייטע מעטאָדע—די אָנווענ־דונג פון הונגער — דאַרף ער האָבען אַ חוץ סאָלדאַטען, וואָס זאָלען היטען דאָס לאַנד און די קראָמען, אַנאַנדער סאָרט העל־פער, גרויסע און קליינע יוסף'ס, אויפפאַסער און פונאַנדער־טהיילער פון דעם קאָרן. דער הערשער מוז אויך זיי געבען אַ חלק, ער מוז געבען יוסף'ן פיינע קליידער, אַ גאָלדענעם רינג, דיענער, נאַהרונג און זילבער פאַר זיינע ברידער און קרובים. נאָך מעהר, ניט נור די אויפפאַסער און זייערע קרובים אַליין, נור אויך אַלע פּריוואַט־בעזיצער פון קראָמען, ווערען טהיילהאבער פון דער מאַכט אונטער דער צווייטער מעטאָדע.

ווי אין דער ערשטער פאָרמע, וועלכע איז געגרינדעט אויף ברוטאַלער מאַכט, ווערט יעדער מענש, וואָס האָט וואַפען, אַ

שותף אין דעם רויב, אזוי אויך אין דער צווייטער פאָרמע, געגרינדעט אויף הונגער, ווערט יעדער בעזיצער פון קאָרן אַ שותף אין דער פערגוואַלטיגענדער הערשאַפט.

די בעסערקייט פון דיזער צווייטער מעטאָדע איבער דער ערשטער, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם מאַכטהאבער, בע־שטעהט הויפּטזעכליך אין דעם, וואָס ער איז מעהר ניט גע־צוואונגען זיך אָנצושטרענגען, אום צו ערצווינגען די געהאָרזאַמ־קייט פון דעם אַרבייטער. די אַרבייטער קומען צו איהם פריי־וויליג און פערקויפען זיך צו איהם. און, צווייטענס איז דיזע מעטאָדע בעסער דערמיט, ווייל אַ קלענערע צאָהל מענשען האָט די מעגליכקייט זיך צו רעטען פון דיזער אונטערדריקונג.

דער חסרון פון דיזער מעטאָדע פאַר דעם אונטערדריקער איז אין דעם, וואָס ער מוז זיך צוטהיילען אין זיין רויב מיט אַ גרעסערע צאָהל מענשען.

די בעסערקייט פון דיזער מעטאָדע פאַר די אונטערדריקטע בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי ווערען ניט מעהר ברוטאַל פער־גוואַלטיגט, און דאָס זיי קענען אימער האָפען אויף די מעגליכ־קייט, אונטער גליקליכע אומשטענדען, אַליין צו ווערען אונטער־דריקער.

דיזע נייע מעטאָדע פון אונטערדריקונג קומט געוועהנליך אין לעבען צוזאַמען מיט דער אַלטער, מיט דער מעטאָדע פון ברוטאַלער געוואַלט. און דער הערשער פערשמעלערט אָדער פערגרעסערט איינע אָדער די צווייטע מעטאָדע, לויט די געלעגענ־הייט פאָדערט עס.

אָבער אויך דיזע מעטאָדע איז ניט אין גאַנצען צופריעדענ־שטעלענד פאַר'ן הערשער. מיט איהר הילפע קען ער נאָך אַלץ ניט אוועקנעהמען די גרעסט־מעגליכע קוואַנטיטעט פון פּראָדוק־טען פון די גרעסט־מעגליכע צאָהל אַרבייטער און דערמיט פערשקלאַפען די העכסט־מעגליכע צאָהל מענשען. דיזע מעטאָדע האָט אויך דעם חסרון, וואָס זי איז ניט אין איינקלאַנג מיט די שטאַרק־פערוויקעלטע פערהעלטניסע פון לעבען, און עס ווערט ענטוויקעלט אַ נייע מעטאָדע.

דיזע נייע און דריטע מעטאָדע איז די מעטאָדע פון ארויפ־לעגען טאקסען.

ווי די צווייטע מעטאָדע, איז זי געגרינדעט אויף הונגער, אָבער צו דער צווייטער מעטאָדע פון פערשקלאַפען מענשען, אוועקנעהמענדיג ביי זיי דאָס ברויט, ווערט נאָך צוגעלעגט דאָס אוועקנעהמען פון אנדערע נויטווענדיגקייטען. דער שטארקערער בעשטימט דעם צינז אויף א געוויסע צאָהל פון געלד־צייכענס, וועלכע זיינען אין זיין בעזיץ, און וואָס דאָס צווינגט די מענשען, אום זיי צו קריגען, אוועקצוגעבען ניט נור מעהר ווי א פינפטעל פון דעם קאָרן, וועלכען יוסף האָט געפאָדערט, נור אויך אנדערע זאכען פון דער העכסטער נויטווענדיגקייט, ווי למשל, פלייש, פעל, וואָל, וועב־שטאָפען, קוילען און זאָגאר געביידען. און אויף אזא אופן האלט זיי דער הערשער אימער אין אונטער־טהעניגקייט ניט נור דורך די מורא פאר'ן הונגער, נור אויך דורך די מורא פאר קעלט און אלערליי אנדערע ליידען.

אזוי ענטוויקעלט זיך א דריטע פאָרמע פון שקלאפעריי, ווען דער שטארקערער זאָגט צום שוואכערען:

„איך קען טהון מיט יעדען פון אייך, וואָס איך וויל; איך קען אייך הרג'ענען, אוועקנעהמענדיג פון אייך דאָס לאנד, וועל־כעס ערנעהרט אייך; איך קען מיט דער הילפע פון די געלד־צייכענס, וועלכע איהר מוזט מיר צושטעלען, אָבקויפען דעם גאנצען ברויט, וואָס איהר דארפט האָבען צום עסען, און פער־קויפען עס צו פרעמדע, און אייך מאכען שטארבען פון הונגער; איך קען אוועקנעהמען אלעס, וואָס איהר האָט, אייער פיה, אייערע הייזער, אייערע קליידער. אָבער דאָס איז מיר אונ־בעקוועם און אונאנגענעהם, און דערפאר וועל איך אייך ערלויבען צו טהון מיט אייער ארבייט און פראָדוקטען, ווי עס געפעלט אייך, נור מיט דעם תנאי: איהר זאָלט מיר צאָהלען אזוי פיעל און אזוי פיעל געלד־צייכענס, וועלכע איך וועל בעשטימען אָדער אין דער פאָרמע פון א קאָפּ־טאקס, אָדער אין דער פאָרמע פון א לאנד־טאקס, אָדער א טאקס, לויט די צאָהל זאכען, וואָס איהר פערברויכט, אָדער אין דער פאָרמע פון א טאקס אויף קליידער אָדער הייזער. גיט מיר דיזע צייכענס, און איהר קענט זיך איינ־

אָרדנען אייערע געשעפטען, ווי עס געפעלט איך, אָבער ווייסט, דאָס איך וועל ניט פערטהיידיגען אָדער בעשיצען אלמנות, יתומים, קראַנקע, אַלטע אָדער אָפּפער פון צופעלע. איך וועל נור אויפהאַלטען די ריכטיגע צירקולאַציאָן פון דיזע געלד־צייכענס. דעם וועל איך נור פערטהיידיגען, און דער וועט זיין א צדיק אין מיינע אויגען, ווער עס וועט מיר פינקטליך צאָהלען די בעשטימטע סומע פון דיזע געלד־צייכענס. ווי אַזוי איהר קריגט זיי — דאָס איז עטוואָס, וואָס געהט מיך ניט אָן.“

און דער שטאַרקער צאָהלט אויס דיזע צייכענס אויסשליס־ליך אין דער פאָרמע פון קוויטונגען, וועלכע בעשטעטיגען, דאָס ער האָט ערהאַלטען דאָס, וואָס ער האָט געפאָדערט.

די צווייטע פאָרמע פון פערשקלאַפונג איז בעשטאַנען אין דעם: פּרעה, האָבענדיג גענומען דעם פינפטען טהייל פון דעם קאָרן, און אַוועקלעגענדיג עס אין שייער, האָט געקענט, אַלס א צולעג צו זיין מאַכט פון פערשקלאַפען מענשען פערזענליך מיט'ן שווערד, אויך צוזאַמען מיט זיינע אסיסטענטען, פּראַקטיצירען אַן אויטאָריטעט איבער די ארבייטער אין שלעכטע צייטען און איבער מאַנכע פון זיי אין צייטען פון א צופעליגען אונגליק.

די דריטע פאָרמע בעשטעהט אין דעם: פּרעה פאָדערט פון די אַרבייטער מעהר געלד, וויפיעל עס האָט פריהער געקאָסט א פינפט־חלק פון זיין קאָרן, און ער און זיינע שותפים קריגען א ני עס מיטעל צו הערשען איבער די ארבייטער, ניט נור אין דער צייט פון הונגער און אונגליק, נור צו אַלע צייטען.

אונטער דער צווייטער פאָרמע ווערט איבערגעלאָזען פאַר די אַרבייטער גענוג קאָרן, אַז זיי זאָלען קענען איבערטראָגען קליינע אונגערעטענישען און צופעליגע אונגליקען; אונטער דער דריטער פאָרמע, ווען די פאָדערונג איז א גרעסערע, ווערט דער גאַנצער קאָרן אַוועקגענומען, און אַלע אָנגעזאַמעלטע נויט־ווענדיגקייטען, און ביי דער קלענסטער אונגערעטעניש, בלייבט דער ארבייטער אָהן קאָרן און אָהן אַלע אנדערע פּראָדוקטען, וועלכע ער וואָלט געקענט אויסבייטען אויף קאָרן, און ער מוז זיך פערקויפען אַלס שקלאַף צו דעם, וואָס האָט געלד.

פאַר די ערשטע פאָרמע דאַרף דער הערשער האָבען בלויז געוואַלט־מענשען, מיט וועלכע ער צוטהיילט זיך; פאַר די צווייטע פאָרמע מוז ער האָבען אַ חוץ וועכטער פאַר'ן לאַנד און שפּייז־שפּייכלער, אויך קאָלעקטאָרען און פונאַנדערטהיילער. אונטער דער דריטער פאָרמע, קען ער שוין ניט מעהר זיין דער אייגענטהימער פון דעם גאַנצען לאַנד, אָבער ער מוז האָבען, אַ חוץ קריעג־פיהרער צו בעשיצען דאָס לאַנד און דעם רייכטהום, לאַנד־אייגענטהימער און טאַקס־זאַמלער, ווי אויך טאַקס־אָבשעצער און אויפפּאַסער, קאָסטאָם־בעאַמטע, געלד־מינצער און טרעזשורי בעאַמטע.

די אָרגאַניזאַציאָן פון דער דריטער סיסטעם איז אַ פּיעל מעהר פערפּלאָנטערטע, ווי די צווייטע. אונטער דער צווייטער קען דאָס צוזאַמענגעהמען פון די פּראָדוקטען ווערען פערוועגט, ווי דאָס איז געטהאָן געוואָרען אין די אַלטע צייטען, און ווי עס ווערט נאָך איצט געטהאָן אין טערקיי. דאָס אַרויפלעגען אָבער פון אַ געלד־טאַקס פאָרדערט אַ קאָמפּליצירטע אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל אויפפּאַסען, אַז דאָס פאָלק זאָל בעצאָהלען דעם אַרויפגעלעגטען טאַקס, עס זאָל זיך פון איהם ניט אַרויסדרעהען. צוליעב דעם, אונטער דער דריטער פאָרמע, מוז דער הערשער זיך צוטהיילען מיט נאָך אַ גרעסערע צאָהל מענשען, ווי אונטער דער צווייטער פאָרמע. אַ חוץ דעם, פון דער נאַטור פון דער זאַך, אונטער דיזער פאָרמע, זיינען אַלע די, וועלכע האָבען געלד, צי זיי געהערען צו דיזען אָדער צו אַ פרעמ־דען לאַנד, טהיילנעהמער אין דער עקספּלאָאַטאַציאָן פון די אַרבייטער.

די גוטסקייט פון דיזער פאָרמע איבער די ערשטע און צווייטע, איז ווי פאָלגט:

ערשטענס, קען דאַן גענומען ווערען אַ גרעסערע קוואַנטי־טעט פּראָדוקטען און אויף אַ מעהר בעקוועמען אופן, ווייל אַ געלד־טאַקס איז ווי אַ שרויף, און קען פערשרויפט ווערען ביז צום סאַמע לעצטען פונקט, ביי וועלכען די הוהן, וועלכע לעגט די גאָלדענע אייער, קען נאָך אַלץ לעבען בלייבען; און עס איז

ניט נויטיג צו ווארטען אויף א שלעכטען יאָהר, ווי אין די צייטען פון יוסף, ווייל דער שלעכטער יאָהר ווערט א שטענדיגער.

צווייטענס, אונטער דיזער פאָרמע, ווערט די אונטערדרי־קונג פערשפרייט איבער אלע, וועלכע זיינען אונטער די פריהע־ריגע פערשאנעוועט געבליבען; וועלכע, ניט האָבענדיג קיין לאנד, האָבען נור אוועקגעגעבען א טהייל פון זייער ארבייט פאר דעם קאָרן, און וועלכע זיינען איצט געצוואונגען אלס א צולעג צו יענעם טהייל, אויך געבען נאָך א טהייל פון זייער ארבייט אין טאקסען.

דער חסרון פון דיזער פאָרמע פאר דעם אונטערדריקער איז אין דעם, וואָס ער מוז זיך טהיילען אין זיין רויב מיט א גרעסערע צאָהל מענשען — ניט נור מיט זיינע דירעקטע העלפער, נור אויך מיט אלע יענע פריוואט־אייגענטהימער, וועלכע ערשיינען געוועהנליך אונטער דיזער פאָרמע, אזוי אויך מיט אלע יענע מענער, איינגעבאָרענע און פרעמדע, וועלכע בעזיצען די געלד־צייכענס, וואָס ווערען געפאָדערט פון דעם ארבייטער.

פאר דעם אונטערדריקטען איז דיזע סיסטעם אין איין הינ־זיכט בעסער, ווי די צווייטע; ער קריגט נאָך א גרעסערע מאָס פון פערזענליכער אונאבהענגיגקייט; ער קען לעבען, וואו ער וויל, טהון וואָס ער וויל; ער קען זעען אָדער ניט אָט ווי ער וויל; ער איז ניט געצוואונגען אָבצוגעבען חשבון פון זיין ארבייט, און אויב ער האָט געלד, קען ער זיך בעטראכטען פאר פאָלשטענדיג פריי און אימער האָפען צו דערגרייכען, ווענינסטענס פאר א געוויסע צייט, אויב ער קריגט נור אן עקסטרא סומע געלד אָדער לאנד, ניט נור די לאגע פון אן אונאבהענגיגען מענשען, נור אויך פון אן אונטערדריקער פון אנדערע.

דער חסרון פאר איהם איז אין דעם, דאָס אין גאנצען גענומען, אונטער דער דריטער פאָרמע, איז די לאגע פאר דעם אונטערדריקטען א פיעל שווערערע, און ער ווערט בערויבט פון א גרעסערען טהייל פון זיינע פראָדוקטען, ווייל די צאָהל פון מענשען וואָס עקספלאָאטירען די ארבייט ווערט אלץ גרעסער, און די משא פון זייער אויפהאלטונג פאלט אויף די קלענערע צאָהל.

דיזע דריטע פֿאָרמע פון אונטערדריקונג איז אויך זעהר אַלט און קומט אין לעבען צוזאַמען מיט די ערשטע צוויי, ניט אין גאַנצען אויסשליסענדיג זיי.

דיזע דריי מעטאָדען צו פערשקלאַפען די מענשען האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

זיי קענען אַלע פערגליכען ווערען מיט שרויפען, וועלכע דריקען אַרונטער דעם ברעט, וואָס ווערט אַרויפגעלעגט אויף די אַרבייטער.

דער הויפּט־שרויף, אָהן וועלכען די אַנדערע וואָלטען ניט געאַרבייט — דער שרויף וועלכער ווערט אין גאַנצען פערשרויפט און ווערט קיינמאָל ניט לויז געמאַכט, איז דער שרויף פון פּערזענליכע שקלאַפעריי — די פערשקלאַפונג פון מענש דורך מענש, דורך דעם סטראַשענען מיט'ן טוידט דורכ'ן שווערד.

דער צווייטער שרויף, וועלכער ווערט פערדרעהט נאָך דעם ערשטען, איז די פערשקלאַפונג פון מענשען דורך דאָס אוועקרויבען פון זיי דאָס לאַנד און די אָנגעזאַמעלטע פּראָדוקטען, וואָס דאָס ווערט אויסגעפיהרט דורך דעם סטראַשענען מיט'ן טוידט.

אַלע דריי שרויפען ווערען פערשרויפט, און נור ווען איינער ווערט שטאַרקער פערשרויפט, ווערט אַ צווייטער אַביסעל לויזער געמאַכט.

פאַר די פֿאָלשטענדיגע פערשקלאַפונג פון דעם אַרבייטער, זיינען די דריי שרויפען, די דריי מעטאָדען, אַלע נויטווענדיג; און אין אונזער געזעלשאַפט זיינען די דריי מעטאָדען אימער אין געברויך.

די ערשטע מעטאָדע פון פערשקלאַפען מענשען דורך פערזענליכע געוואַלט און דעם סטראַשענען מיט'ן טוידט דורך דעם שווערד איז קיינמאָל ניט אָבגעשאַפט געוואָרען, און וועט ניט אָבגעשאַפט ווערען, אַזוי לאַנג ווי אירגענד וועלכע שקלאַפעריי וועט בלייבען, ווייל אויף איהר שטיצט זיך יעדער סאָרט שקלאַפעריי.

מען האָט אונז אַלעמען איינגערעדט, אַז די פּערזענליכע שקלאַפעריי איז אָבגעשאַפט אין אונזער ציוויליזירטער געזעלשאַפט, דאָס איהרע לעצטע סליאַדען זיינען אין גאַנצען אָב־

געמעקט אין אמעריקא און רוסלאנד, און דאָס הייסט זיינען עס נור בארבארען, וועלכע האלטען אָן דיזע שקלאפעריי.

מיר פערזעהען איין קלייניגקייט — די עקזיסטענץ פון הונ־דערטע מיליאָנען סאָלדאטען אין די ארמייען, אָהן וועלכע עס איז ניטאָ קיין איינציגע רעגיערונג, און מיט דער פערשווינדונג פון וועלכע די גאנצע עקאָנאָמישע געביידע פון דער רעגיערונג וואָלט צוזאמענגעפאלען.

וואָס זיינען אלזאָ די מיליאָנען סאָלדאטען, אויב ניט די פער־זענליכע שקלאפען פון די יעניגע, וועלכע הערשען איבער זיי?

זיינען דען ניט דיזע מענשען געצוואונגען צו ערפילען די ווינשע פון זייערע בעלי בתים אונטער דעם סטראשונאָק פון פייניגונג און טוידט — סטראשונקעס, וועלכע ווערען אָפט אויס־געפיהרט? דער אונטערשיעד איז בלויז אין דעם, וואָס די אונטערוואַרפונג פון דיזע שקלאפען ווערט ניט גערופען מיט דעם נאָמען „שקלאפעריי“, נור מיט'ן נאָמען „דיסציפלין“, און דאָס, ווערהענד די שקלאפען זיינען געווען שקלאפען פון געבורט ביז'ן טוידט, זיינען דיזע שקלאפען פאר א מעהר אָדער ווענינער בעשטימטע צייט, די צייט פון זייער דינען.

ניט נור איז פערזענליכע שקלאפעריי ניט אָבגעשאפט אין אונזערע ציוויליזירטע געזעלשאפטען, נור מיט דער איינפיהרונג פון אלגעמיינעם מיליטער־דיענסט, איז זי די לעצטע צייט פיעל פערשטארקט געוואָרען. זי בלייבט דיזעלבע, ווי אימער, נור עטוואָס געענדערט.

און עס קען גאָר ניט זיין אנדערש. וואָרום אזוי לאנג ווי עס וועט זיין די פערשקלאפונג פון מענש דורך מענש, וועט דיזע פערזענליכע שקלאפעריי עקזיסטירען, דיזע שקלאפעריי, וועלכע דורך דעם סטראשענען מיט'ן שווערד האלט אויף די שקלאפעריי דורך דעם לאנד־מאָנאָפּאָל און דורך טאקסעס.

אָבער איז ניט אפשר די ארמיי נויטיג פאר דער פער־טהיידיגונג און דעם רוהם פון פאטערלאנד?

נו, דיזע ניצליכקייט פון דער ארמיי איז מעהר ווי צווייפעל־האפט, ווייל מיר זעהען דאָך, ווי אָפט, נאָך ניט־איינגעגעבענע מלחמות, דיזע ארמיי דיענט דער פערשקלאפונג און דער שענ־

דונג פון דעם פאטערלאנד; ווערענד איהר ניצליכקייט איז גאָר אונצווייפעלהאפט אין דער הינזיכט פון אויפהאלטען שקלאפעריי דורך דעם לאנד־מאָנאָפּאָל און טאקסעס.

זאָלען די איירישע אָדער די רוסישע בויערען אריינגעהמען אין זייער בעזיץ דאָס לאנד פון די אייגענטהימער, און באלד וועלען קומען די סאָלדאטען און זיי פערטרייבען פון דעם לאנד.

זאָל אַ ברויעריי אויפגעבויט ווערען און פערפעהלען דעם בעשטימטען אָבצאָהל צו געבען, און די סאָלדאטען וועלען באלד קומען און איהר צושליסען.

לאָזען זיי זיך ענטזאגען צו בעצאָהלען טאקסעס, און דאָס זעלבע וועט פאסירען.

דער צווייטער שרויף איז די פערשקלאפונג פון מענשען דורך דאָס אוועקנעהמען פון זיי דאָס לאנד, דאָס מיינט, זייער שפייז.

דיעזע מעטאָדע פון פערשקלאפונג האָט עקזיסטירט אי־בעראל, וואו מענשען זיינען נור געהאלטען געוואָרען אין אונטער־טהעניגקייט; און עס מאכט ניט אויס, וועלכע ענדערונגען פון פאָרמען זי געהט דורך, זי עקזיסטירט איבעראל.

אין מאנכע פעלע געהערט דאָס גאנצע לאנד צום קעניג, ווי אין טערקיי, און דער צעהנטער טהייל פון דער תבואה ווערט אוועקגענומען פון דער קרוין; אין אנדערע פעלע איז נור אַ טהייל פון לאנד דעם קעניג׳ס אייגענטהום, און די טאקסעס ווערען גע־נומען פון די פּראָדוקטען פון לאנד; אין מאנכע פעלע געהערט דאָס גאנצע לאנד צו אַ קליינער צאָהל מענשען, און עס ווערען געצאָהלט טאקסעס פאר זיין געברויך, ווי אין ענגלאנד; אין מאנכע פעלע געהערט אַ גרויסער אָדער אַ קלענערער טהייל צו גרויסע אייגענטהימער, ווי אין רוסלאנד, דייטשלאנד און פראנק־רייך.

אָבער איבעראל וואו עס איז דאָ שקלאפעריי, געהט אויך מיט דעם האנד אין האנד די צוגעהעריגקייט פון לאנד צו דעם פערשקלאפער.

דער שרויף פון דיעזער פאָרמע פון שקלאפעריי ווערט שטיי־פער אָדער לייזער פערשרויפט, לויט דער שטייפקייט אָדער

לויזקייט פון די אנדערע שרויפען. אזוי, למשל, אין רוסלאנד, ווען די פערזענליכע שקלאפעריי איז געווען אויסגעשפּרייט איבער די מאַיאָריטעט פון די ארבייטער, איז די שקלאפעריי דורך דעם לאנד־מאָנאָפּאָל געווען אן איבריגע זאך, און דער שרויף פון פערזענליכער שקלאפעריי איז לויז געמאכט געוואָרען, ווען די לאנד־און טאקס־שרויפען זיינען פערשרויפט געוואָרען שטייף. זיי האָבען גאנץ לויט זייער קאפּריז געמאכט אלעמען פאר מיט־גליעדער פון בעשטימטע געמיינדען, האָבען געמאכט שווער די עמיגראציאָן, האָבען ערקלעהרט אלס זייער אייגענטהום דאָס לאנד, אָדער האָבען עס צוטהיילט צווישען פּריוואט מענשען, און דאן ערשט האָבען זיי געגעבען די בויערען פרייהייט.

אין ענגלאנד, למשל, איז די פערשקלאפונג דורך דעם לאנד־מאָנאָפּאָל די הערשענדע פאָרמע, און דער מיטעל צו נאציאָנאַלי־זירען דאָס לאנד מיינט בלויז, דאָס דער שרויף פון טאקסעס זאָל פערשטייפט ווערען, און דער שרויף פון לאנד־שקלאפעריי זאָל לויז ווערען.

די דריטע מעטהאָדע פון פערשקלאפען מיט דער הילפע פון טאקסעס, שטייערען, און צינז־נעהמעריי האָט אימער עקזיסטירט; און אין אונזער צייט, מיט דער פערשפּרייטונג פון עהנליכע געלד־צייכענס אין פערשיעדענע שטאאטען און מיט דער פערשטאר־קונג פון דער רעגיערונגס־אויטאָריטעט, איז דיעזע פאָרמע גע־וואָרען בעזאָנדערס שטארק; זי האָט אין דער ווירקליכקייט זיך אזוי ענטוויקעלט, דאָס זי האָט א שטארקע טענדענץ צו פער־נעהמען דעם פּלאץ פון דער צווייטער מעטהאָדע, פון לאנד־שקלאפעריי.

מיר האָבען אין רוסלאנד, נאָך פאר אונזער געדענקען, דורכגעמאכט צוויי ענדערונגען אין דער פאָרמע פון שקלאפעריי. ווען די לייב־אייגענע זיינען בעפרייט געוואָרען, און די אייגענ־טהימער זיינען געבליבען ביי דעם בעזיץ פון א גרויסען טהייל פונ׳ם לאנד, האָבען די לעצטע, די אייגענטהימער, מורא געהאט, אז זייער הערשאפט איבער די ערשטע, די בויערען, וועט פער־שווינדען. אָבער, לויט ווי די ערפאהרונג האָט געוויזען, האָבען זיי נור בעדארפט אָבלאָזען די אלטע קייטען פון פערזענליכער

שקלאפעריי, און זיך אָנכאפּען אָן א צווייטע, אָן די קייטען פון לאַנד־מאָנאָפּאָל. דעם בויער האָט געפעהלט ברויט צו ערנעה־רען זיך, וועהרענד דער אייגענטהימער האָט געהאט לאַנד און אָנגעזאמעלטע פּראָדוקטען; דערפאר איז דער בויער געבליבען דער זעלבער שקלאף. די אנדערע ענדערונג איז געקומען, ווען די רעגיערונג האָט פערשטייפט דעם טאקס־שרויף און די מייסטע ארבייטער זיינען געוועזן געצוואונגען צו פערקויפען זיך צום לאַנד־אייגענטהימער און צו די פאבריקאנטען. דיעזע נייע פאָרמע האָט די מענשען נאָך שטייפער צוגעדריקט, אזוי, דאָס ניין צעהנטעל פון דער רוסישער ארבייטער בעפעלקערונג ארבייטען פאר די לאַנד־אייגענטהימער און פאבריקאנטען, ווייל זיי ווערען דערצו געצוואונגען דורך די פאָדערונגען פון דער רעגיערונג צו צאָהלען איהר די לאַנד־טאקסעס און אנדערע טאקסעס. דאָס איז אזוי קלאָהר, דאָס, ווען די רעגיערונג וואָלט זיך צוריקגעהאלטען בלויז אויף איין יאָהר פון צו פאָדערען דירעקטע און אינדירעקטע און לאַנד־טאקסעס, וואָלט די גאנצע ארבייט אויף די פעלדער פון די לענדלאָרדס און אין די פאבריקען גענצליך אויפגעהערט. ניין צעהנטעל פון דעם רוסישען פאָלק פערדינגען זיך אלס אר־בייטער נור דאַן, ווען די טאקסעס ווערען געמאָהנט, און אויס־שליסליך צוליעב די טאקסעס.

די דריי מעטהאָדען פון פערשקלאפונג האָבען אימער עקזיס־טירט און עקזיסטירען אויך היינט. אָבער די מענשען זיינען עלול דאָס צו פערזעהן אזוי שנעל, ווי א נייער אויסרייד ווערט פאר זיי אָנגעגרייט. און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, דאָס גראדע יענע מעטהאָדע, אויף וועלכע אלעס ווערט געבויט, וועלכע האלט אויף אלעם — דיעזע ווערט גאָר ניט בעמערקט.

ווען עס האָט אין דער אלטער וועלט די גאנצע עקאָנאָמישע געביידע געשטיצט זיך אויף פערזענליכע שקלאפעריי, האָבען דאָס דאַן די גרעסטע מוחות ניט געקאָנט בענעהמען.

קסענאָפאָן׳ען, פּלאטאָ׳ן, אריסטאָטעל׳ען און די רוימער האָט עס אויסגעזעהן, אַז די זאַכען קענען גאָר ניט זיין אנדערש, און דאָס שקלאפעריי איז דער אונפערמיידליכער און נאטירלי־

כער רעזולטאַט פון מלחמות, אָהן וועלכע, פון זייער זייט, די מענשהייט קען גאָר ניט געמאָלט זיין.

דאָס זעלבע, אין מיטעלאַלטער און ביז אונזער צייט, האָבען מענשען ניט געקענט באַנעהמען די בעדייטונג פון לאַנד־אייגענטהום און פון דער שקלאַפעריי, וואָס פאָלגט פון איהר, וועלכע האָט אויפגעהאַלטען די גאַנצע עקאָנאָמישע געביידע פון דעם מיטעלאַלטער. און פונקט אַזוי היינט זעהט קיינער ניט, אָדער ווינשט ניט צו זעהן, דאָס אין אונזער צייט איז די שקלאַפעריי פון דער מאַיאָריטעט פון מענשען אָבהענגיג פון די געלד־טאַקסעס, וואָס ווערען אויפגעמאָהנט פון לאַנד און פון אַנדערע זאַכען, דורך די רעגיערונג, דאָס הייסט, דורך די אַדמיניסטראַציאָן און די אַרמיי, דיזעלבע אַדמיניסטראַציאָן און אַרמיי, וועלכע לעבען פון דיעזע טאַקסעס.

עס איז ניט צו וואונדערען זיך, וואָס די שקלאַפען גופא, וועלכע זיינען אונטעריאָכט פון די עלטעסטע צייטען, ווייסען גאָר ניט וועגען דער נאַטור פון זייער לאַגע, און בעטראַכטען דיעזע לאַגע פון שקלאַפעריי, אין וועלכע זיי האָבען אימער געלעבט, אַלס די נאַטירליכע לאַגע פון מענשליכען לעבען, זעהענדיג אַ פערבעסערונג אין די בלויזע ענדערונגען פון די פאָרמען פון שקלאַפעריי.

אויך איז עס זיך ניט צו וואונדערען, וואָס די שקלאַפען־האַלטער, מאַנכעס מאָל גאַנץ עהרליך, גלויבען, דאָס זיי בעפרייען דעם שקלאַף, ווען זיי מאַכען לויז איין שרויף, ווען אַ צווייטער ווערט פערשרויפט דאָס שטייפער.

ביידע, סיי די שקלאַפען און סיי די שקלאַפען־האַלטער, זיינען צוגעוועהנט געוואָרען צו זייער לאַגע; און די שקלאַפען, ניט ווייסענדיג, וואָס פרייהייט איז אין דער אמת'ן, זוכען פערלייכטערונג אין די בלויזע ענדערונגען פון די פאָרמען פון שקלאַפעריי, וועהרענד די שקלאַפען־האַלטער, וועלענדיג פערמאַסקירען זייער אונרעכט, שטרעבען צוצושרייבען אַ בעזונדערע בעדייטונג

צו דיעזע נייע פֿאָרמען פון שקלאַפעריי, וועלכע פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער.

אָבער וואָס עס איז יע זיך צו וואונדערען, איז, דאָס די וויסענשאַפט, אין איהר אונטערזוכונג פון די פערהעלטניסע פון לעבען פון די נאַציאָנען, קען פערזעהן דאָס, וואָס עס בילדעט דעם כאַמע פונדאַמענט פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע.

עס קען אויסזעהן, דאָס די אויפגאַבע פון דער וויסענשאַפט איז צו געפינען די שייכות צווישען די ערשיינונגען און דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון אַ רייהע פון ערשיינונגען. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע טהוט פּונקט קאַפויר. זי פערבעהאַלט גאַנץ שטאַרק די שייכות צווישען די ערשיינונגען און זייער בעדייטונג, און מיידעט אויס זעהר פּאָרזיכטיג צו ענטפערען אויף די איינפאַכ־כטע און העכסט פונדאַמענטאַלע פראַגען. ווי אַ פוילער פערד, געהט זי גלייך באַרג אַראָב, און ווען זי האָט גאָר ניט קיין מ'שא, צו טראָגען; ווי אָבער זי האָט נאָר אַ מ'שא אויף זיך, ווערט זי גלייך איינגעשפּאַרט, און ענטזאַגט זיך צו געהן גלייך. אַזוי שנעל ווי די וויסענשאַפט שטעהט פּנים אל פּנים מיט אַן ערנסטער און וויכטיגער פראַגע, וואַרפט זי זיך גלייך אַריין אין אַ זעהר געלעהרטען פּלפּול איבער ענינים, וועלכע האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט דיעזער פראַגע, און וואָס עס קאָן נור האָבען איין צוועק: אָבצואווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פראַגע.

איהר פרעגט:

וואָס איז די אורזאַכע פון יענעם אוננאַטירליכען, מאָנסטער־האַפטען, משוגענעם און אונניצליכען, ניין, שעדליכען, פאַקט, דאָס מאַנכע מענשען קענען עסען אָדער ארבייטען נור אַזוי ווי די אַנדערע ווילען, זיי זאָלען עסען אָדער ארבייטען?

און די וויסענשאַפט, מיט אַ העכסט־ערנסטען אָנשטעל, ענטפערט:

די אורזאַכע איז די, וואָס מאַנכע מענשען קאָנטראָלירען די ארבייט און די נאַהרונג פון אַנדערע — און דאָס איז דער געזעץ פון פּראָדוקציאָן.

איהר פרעגט:

וואס איז עס דיזעס רעכט פון אייגענטהום, אונטער וועלכען געוויסע מענשען אנאייגנען פאר זיך לאנד, שפייז און די ווערק־צייג פון אנדערע?

די וויסענשאפט, מיט א העכסט־ערנסטען אנשטעל ענט־פערט:

דאס רעכט איז געגרינדעט אויף דער בעשיצונג פון איינעמס ארבייט — דאס הייסט, די בעשיצונג פון דער ארבייט פון מאנכע ווייזט זיך ארויס בולט אין דער פערכאפונג פון דער ארבייט פון אנדערע.

איהר פרעגט, וואס איז עס דאס געלד, וועלכע די רעגיערונג אדער די מאכט איבעראל שמידט און דרוקט, און וועלכעס, אין מאנכע גרויסע קוואנטיטעטען, ווערט מיט געוואלט אויפגענומענט פון ארבייטער און ווערט ארויפגעלעגט אויף די צוקינפטיגע דורות אונטער דער געשטאלט פון רעגיערונגס־חובות? איהר פרעגט, אויב דאס געלד, ארויסגעריסען מיט געוואלט אין דער פארמע פון טאקסעס און בעשטימט ביז צו די עקסטרימסטע גרענעצען פון מעגליכקייט איינצומאהנען, אויב דיזעס געלד האט אירגענד א ווירקונג אויף די עקאנאמישע פערהעלטניסע פון די מענשען, פערהעלטניסע צווישען דעם צאהלער און דעם בע־צאהלטען?

און די וויסענשאפט, מיט א זעהר ערנסטער מינע, ענט־פערט:

געלד איז א סחורה, ווי צוקער און טוך, אונטערשיידענדיג זיך פון אנדערע סחורות בלויז אין דעם, דאס עס איז מעהר בעקוועם פאר דעם אויסטויש. טאקסעס האבען גארניט קיין ווירקונג אויף די עקאנאמישע פערהעלטניסע פון דער נאציאן. די געזעצע פון פראדוקציאן, אויסבייט און דער צוטהיילונג פון דעם רייכטהום זיינען איין זאך, און טאקסעס זיינען א צווייטע זאך.

איהר פרעגט, אויב דער פאקט, דאס די רעגיערונג קען, ווען זי וויל נור, פערגרעסערען די טאקסעס, און פערדאמען אלע

די, וועלכע האָבען קיין לאַנד ניט, צו שקלאַפעריי, האָט ניט קיין ווירקונג אויף די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע?

און די וויסענשאַפט, מיט אַן העכסט־ערנסטען פּנים, ענט־פערט:

גאָר קיין ווירקונג. די געזעצע פון פּראָדוקציאָן, אויס־טויש און צוטהיילונג זיינען איין וויסענשאַפט, וועהרענד דאָס ארויפלעגען פון טעקסעס און רעגיערונגס־עקאָנאָמיע זיינען א צווייטע וויסענשאַפט, די וויסענשאַפט פון פינאַנציעלער גערעכטיגקייט.

ענדליך פרעגט איהר וועגען דעם פאקט, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק איז פערשקלאַפט צו דער רעגיערונג, דאָס די רעגיערונג קען, ווען זי וויל, רואינירען יעדען, בערויבענדיג אַלעמען פון די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט און זאָגאַר אוועקרייסען זיי פון זייערע ארבייטען און אריינוואַרפען זיי אין א מיליטערישע שקלאַפעריי. איהר פרעגט, אויב דיזער אומשטאַנד האָט איר־גענד א ווירקונג אויף די עקאָנאָמישע אומשטענדען.

און אויף דעם ענטפערט די וויסענשאַפט שוין גאָרניט.

דאָס איז א גאַנץ אנדער ענין, דאָס איז די וויסענשאַפט פון רעגיערען.

די וויסענשאַפט צוגליעדערט אויף א זעהר פערנינפטיגען שטייגער די געזעצע פון דעם עקאָנאָמישען לעבען פון די נאַציאָ־נען, אַלע טהעטיגקייטען פון וועלכע הענגען אָב פון דעם ווילען פון דעם טיראַן, אנערקענענדיג דיזען איינפלוס פון דעם טיראַן אַלס א נאַטירליכען פערהעלטנים פון לעבען. די וויסענשאַפט טהוט פונקט, וואָס אַן אונטערזוכער פון די עקאָנאָמישע פער־העלטניסע פון פערזענליכער שקלאַפעריי וואָלט געטהאָן, ווען ער וואָלט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג איבער דעם איינפלוס פון דעם בעל הבית ווילען אויף דעם לעבען פון די שקלאַפען — דעם ווילען פון יענעם, וועלכער, לויט זיין קאַפּריז, מאַכט דיזע שקלאַפען צו טהון דיעזע אָדער יענע ארבייט, לויט קאַפּריז טרייבט זיי פון פלאַץ צו פלאַץ, לויט קאַפּריז שפּייזט זיי אָדער לאָזט זיי איבער הונגערן, לויט קאַפּריז טויטעט זיי אָדער לאָזט זיי לעבען.

איינעם וואָלט זיך געגלוסט צו גלויבען, אז די וויסענשאַפט טהוט עס אויס נאַרישקייט; אביער מען דארף נור אריינבליקען טיעפער און אונטערזוכען די פערהעלטניסע פון דער וויסענ־שאַפט, אום צו ווערען איבערצייגט, דאָס דיזער רעזולטאַט קומט ניט פון נאַרישקייט, נור פון גרויסער אינטעליגענץ.

די וויסענשאַפט האָט אַ געוויסען צוועק, וועלכען זי פיהרט אויך אויס.

דער צוועק איז אויפצוהאַלטען די פּראַאורטהיילע און די איינרעדענישען פון די מענשען, און דערמיט שטערען די מענש־הייט אין איהר פּאָרטשריט אויף דעם וועג פון ווארהייט און וואָהלהאבענהייט.

עס האָט לאַנג עקזיסטירט און עקזיסטירט נאָך איצט אַ שרעקליכער אבערגלויבען, וועלכער האָט געטהאָן די מענשען מעהר שאדען, ווי די שרעקליכסטע רעליגיעזע אבערגלויבענס, און עס איז דיזער אבערגלויבען, וועלכען די זאָגענאַנטע וויסענשאַפט האַלט אויף מיט איהר גאַנצער מאַכט.

דער אבערגלויבען איז עהנליך אין יעדער הינזיכט צו די רעליגיעזע אבערגלויבענס. ער בעשטעהט אין דער בעהויפּטונג, דאָס אַ חויץ די פליכטען פון מענש צו מענש, זיינען נאָך דאָ פיעל וויכטיגערע פערפליכטונגען צו אַ פאַנטאַסטישען וועזען. אין דער טהעאָלאָגיע איז דיזער פאַנטאַסטישער וועזען — גאָט, און אין די פּאָליטישע וויסענשאַפטען איז דיזער פאַנטאַסטישער וועזען די רעגיערונג.

דער רעליגיעזער אבערגלויבען בעשטעהט אין דעם גלויבען, דאָס די קרבנות, אָפט פון מענשליכע לעבענס, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרען צו דיזען פאַנטאַסטישען וועזען, זיינען דער סאַמע עיקר, און דאָס מענשען מעגען און זאָלען געבראַכט ווערען צו דיזען סאָרט דענקען מיט אַלערליי מעטאָדען, געוואַלט ניט אויסגעשלאָסען.

דער פּאָליטישער אבערגלויבען בעשטעהט אין דעם גלויבען, דאָס אַ חויץ די פליכטען פון מענש צו מענש, זיינען דאָ נאָך וויכטיגערע פערפליכטונגען צו דעם פאַנטאַסטישען וועזען — רעגיערונג, און דאָס די קרבנות — אָפט פון מענשליכע לעבענס

— וואָס ווערען געבראַכט צו דיזען פאַנטאַסטישען וועזען, זיינען דער סאַמע עיקר, און דאָס מענשען מעגען און זאָלען געבראַכט ווערען צו דיזען צושטאַנד פון דענקען דורך אַלע מעגליכע מיט־לען, געוואַלט ניט אויסגעשלאָסען.

דיזער אַבערגלויבען, וועלכער איז פריהער אויפגעהאַלטען געוואָרען דורך די פריעסטער פון די פערשיעדענע רעליגיאָנען, ווערט איצט אויפגעהאַלטען פון דער זאָגענאַנטער וויסענשאַפט.

מענשען ווערען געדריקט פון דער שרעקליכסטער און ערגסטער סאָרט שקלאַפעריי; אבער די וויסענשאַפט סטאַרעט זיך צו פערזיכערען זיי, אַז דאָס אַלעס איז נויטיג, און קען ניט זיין אַנדערש.

רעגיערונג מוז עקזיסטירען צום גוטען פון די מענשען, פאַר די אויספיהרונג פון זייערע אנגעלעגענהייטען — צו רעגיערען איבער די מענשען און צו בעשיצען זיי פון די שונאים. אום דאָס אויסצופיהרען, דאַרף די רעגיערונג געלד און אַן אַרמיי. געלד דאַרף פערזאָרגט ווערען פון אַלע מענשען, וואָס לעבען אונטער דער רעגיערונג, און דערפאַר ווערען אַלע מענשליכע פערהעלטניסע בעטראַכט אין זייער שייכות צו די נויטווענדיגע פערהעלטניסע פון דער רעגיערונג.

איך וויל העלפען מיין טאַטען אין זיין הויז־ווירטשאַפט, זאָגט אַן איינפאַכער, ניט געלערנטער מענש, איך וויל חתונה האָבען און זיי נעהמען מיך און שיקען מיך אַוועק אין קאַזאַן אויף זעקס יאָהר אַלס סאָלדאַט. איך דין אויס מיין צייט אַלס סאָלדאַט, און וויל אַקערען מיין לאַנד און שפּייזען מיין פאַמיליע, אָבער פאַר הונדערט וויאָרסט אַרום איז מיר ניט ערלויבט צו זעען, ניט בעצאָהלענדיג קיין געלד, וואָס איך האָב ניט, צו דיזע מענשען, וועלכע קענען ניט זעען; און זיי ווילען אַזוי פיעל געלד, דאָס איך מוז זיי געבען מיין גאַנצע אַרבייט. דאָך פיהר איך אויס וויפיעל־עס־איז אָבצושפּאָרען און וויל עס אָבגעבען אין גאַנצען צו מיינע קינדער, קומט אָבער דער דיסטריקט־בעאַמטער און נעהמט עס צו פון מיר, אַלס טאַקסעס; ווידער פערדין איך עפּעס און ווידער ווערט עס אַוועקגענומען פון מיר. מיין גאַנצע עקאָנאָמישע טהעטיגקייט, ניט אויסגענומען אירגענד

װעלכען טהײל, איז אין גאַנצען אין דעם רשות פון דער רעגיע־רונג, און איך גלױב, אַז די פערבעסערונג פון מײן לאגע און פון די פון מײנע ברידער מוז קומען פון דער בעפרײאונג פון די רעגיערונגס־פּרעטענזיעס.

אבער די װיסענשאַפט ענטפערט:

דײנע געדאַנקען קומען צו דיר פון דײן אונװיסענהײט. שטודיר די געזעצע פון פּראָדוקציאָן, פון אױסטױש און פון דער פערטהײלונג פון דעם רײכטהום, און מיש ניט צונױף פראגען עקאָנאָמישע מיט פראגען פון רעגירונג. די פאַקטען אױף װעלכע דו װײזט אָן, זײנען ניט קײן קײטען אױף דײן פרײהײט, נור זײ זײנען יענע נױטיגע אױפאָפּפערונגען, װעלכע דו צוזאמען מיט אנדערע מאכט פאר אײער פרײהײט און װאױלזײן.

אָבער זײ האָבען דאָך צוגענומען בײ מיר מײן זוהן, און סטראַשענען צוצונעהמען בײ מיר אַלע מײנע זיהן אזױ שנעל, װי זײ װעלען װערען אַלט די נױטיגע יאָהרען, זאָגט װיעדער דער אײנפאַכער מענש, מען האָט איהם גענומען מיט געװאַלט, און מען האָט איהם פערטריעבען אונטער דעם ביקס צו א לאַנד, פון װעלכען ער האָט קײנמאָל ניט געהערט, און צוליעב צװעקען, װעלכע ער קען ניט פערשטעהן. אָבער דאָס לאַנד, װאָס איז ניט ערלױבט אונז צו בעאַרבײטען, און צוליעב דעם פעהלען פון װעלכען מיר שטאַרבען פון הונגער, איז אין דעם בעזיץ פון א מענשען, װעמען מיר האָבען קײנמאָל ניט געזעהען, און װעמעס ניצליכקײט מיר קענען אפילו ניט פערשטעהען. אָבער די טאַק־סעס, פאַר װעלכע דער טשינאָװניק האָט צוגענומען מיט געװאַלט די קוה פון מײנע קינדער, װעט, אזױ פיעל װי איך װײס, געהן צו דעם זעלבען פּאָליצײ־טשינאָװניק און צו די פערשיעדענע מיטגליעדער פון קאָמיסיעס און מיניסטאָרען, װעלכע איך קען ניט, און אין די ניצליכקײט פון װעלכע איז גלױב ניט. טו װי אזױ קען דיזער גאַנצער צװאַנג פערזיכערען מיר מײן פרײהײט, און װי אזױ װעט דיזע גאַנצע אונגערעכטיגקײט פיהרען צו מײן װאױלזײן?

עס איז מעגליך צו צװינגען אַ מענשען צו זײן אַ שקלאַף און צו טהון דאָס, װאָס ער בעטראַכט אַלס שעדליך פאַר זיך, אבער

עס איז ניט מעגליך צו צווינגען איהם צו דענקען, דאָס לײדענדיג פון דער געוואלט, איז ער פרײ, און די בעשײנפערליכע צרות, וועלכע ער טראָגט איבער, זײנען געמײנט צו זײן טובה.

דאָס זעהט אויס אונמעגליך?

אָבער דאָס איז עס, וואָס איז געטהאָן געוואָרען אין אונזער צײט מיט דער הילפע פון דער וויסענשאַפט.

רעגיערונג — דאָס הײסט בעוואפענטע און געוואלט־טהעטיגע מענשען, בעשטימען וויפיעל זײ פערלאנגען פון די, וועמען זײ פערגוואלטיגען (ווי די ענגלענדער אין זײערע פער־העלטניסע צו די פיזשיער), זײ בעשטימען וויפיעל ארבײט זײ פערלאנגען פון זײערע שקלאפען; בעשטימען, וויפיעל העלפער זײ דארפען, אום אײנצומאָנען און ארײנצוקריגען די פּראָדוק־טען; אָרגאניזירען דיזע העלפער, אלס סאָלדאטען, אלס לאנד־אײגענטהימער, און אלס טאקס־אײנמאָנער. און די שקלאפען גיבען אוועק זײער ארבײט און דערזעלבער צײט דענקען זײ, אז זײ גיבען אוועק זײער ארבײט ניט, ווײל זײערע הערךען ווילען אזוי, נור צוליעב זײער אײגענער פרײהײט און וואוילזײן זײנען נויטיג דיזע עבודה און קרבנות צו דער גאָטהײט, וואָס ווערט גערופען רעגיערונג, און דאָס א חוץ זײער דיענען צו דער גאָטהײט, זײנען זײ פרײ.

דאָס גלויבען זײ, ווײל מען האָט זײ אזוי געזאָגט, פריהער ד פּריעסטער פון אלערלײ רעליגיאָנען, און אין דער לעצטער צײט די געלערנטע מענשען, די פּריעסטער פון דער וויסענשאפט. אבער אײנער דארף נור אויפהערען צו גלויבען בלינד אין דאָס, וואָס אנדערע מענשען, וועלכע רופען זיך פּריעסטער און וויסענ־שאפטס־מענער, זאָגען, אום צו זעהען, ווי גאנץ אָהן א זין זײנען זײערע בעהויפּטונגען.

מענשען, וועלכע אונטערדריקען אנדערע, פערזיכערען זײ, דאָס דער צוואנג איז נויטיג אין דעם אינטערעס פון דער רעגיע־רונג, און דאָס די רעגיערונג איז נויטיג פאר די פרײהײט און דעם וואוילזײן פון די מענשען: לויט דעם קומט אויס, אז די אונטערדריקער צווינגען די מענשען צוליעב זײער אײגענע פרײ־הײט, און טהוען זײ אונרעכט צוליעב זײער אײגענע טובה.

אָבער מענשען זיינען דאָך שכל'דיגע בעשעפעניסע און זיי דארפען דאָך דארום פערשטעהען, אין וואָס עס בעשטעהט פאר זיי דאָס גוטע, און צו האָבען די פרייהייט דאָס צו טהון.

זאכען אַלזאָ, די גוטסקייט פון וועלכע איז ניט קלאָר פאר די מענשען, און וואָס אויפצוטהון מוזען זיי געטריבען ווערען דורך צוואנג, קענען ניט זיין גוט פאר זיי.

נור דאָס אַליין קען זיין גוט פאר א שכל'דיגען וועזען, וואָס זיין שכל פערשטעהט, אז עס איז גוט.

אויב מענשען, צוליעב ליידענשאפט אָדער נארישקייט, קלייבען אויס צו טהון דאָס, וואָס איז שלעכט, דאן איז אַלעס וואָס די קליגערע קענען טהון, איז איבערצורעדען זיי צו טהון דאָס, וואָס איז פאר זייער טובה.

עס איז מעגליך איינצורעדען מענשען, דאָס זייער וואוילזיין וועט זיין גרעסער, אויב זיי וועלען דיענען אלס סאָלדאטען, אויב זיי וועלען בערויבט ווערען פון לאנד, אויב זיי וועלען אוועקגעבען זייער ארבייט אין דער פאָרמע פון טאקסעס; אבער ביז אַלע מענשען בעטראכטען עס פאר זייער גליק און טהוען עס פרייוויליג, קען עס ניט אָנגערופען ווערען דעם מענשענ'ס וואויל־זיין. דער איינציגער סימן פון דער גוטסקייט פון א זאך איז, ווען מענשען טהוען עס פרייוויליג.

און מיט אזעלכע זאכען איז פול דער מענשליכער לעבען.

צעהן ארבייטער אָרגאניזירען א פערבאנד צו ארבייטען צוזאמען, און דאָס טהוענדיג, טהוען זיי אָהן צווייפעל עטוואָס, וואָס איז פאר זיי אַלעמען גוט; אָבער עס איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, דאָס דיזע צעהן ארבייטער, צווינגענדיג אנאנדער ארבייטער אָנצושליסען זיך אָן זיי און ארבייטען מיט זיי געגען זיין ווילען, זאָלען בעהויפטען, דאָס די אינטערעסען פון דעם עלפטען מיטגליעד זיינען פונקט אזעלכע, ווי זייערע אייגענע.

דאָס זעלבע איז אָנווענדבאר אויף העררען, וועלכע גיבען א מאָהלצייט פאר זייערען א פריינד. עס קען אבער ניט בעהויפטעט ווערען, דאָס דער מאָהלצייט וועט אויך זיין א גוטע זאך פאר דעם מענשען, וואָס וועט זיין געצוואונגען צו בעצאָהלען צעהן רובעל פאר איהם.

דאָסזעלבע מיט בויערען, וועלכע מעגען דענקען, דאָס די עקזיסטענץ פון א סאזשיווקע איז א גרעסערע זאך און איז מעהר ווערטה ווי די ארבייט וואָס ווערט פערוועגדעט אויף אויסגראָבען איהם. פאר זיי וואָלט דאָס גראָבען געווען א געמיינשאפטליכער בענעפיט; אבער פאר דעם, וועלכער זאָל דענקען, אז די עקזי־סטענץ פון א סאזשיווקע איז פון א קלענערע ווערטה, ווי אריינ־נעהמען די תבואה אין שייער, וואָס ער האָט פערשפּעטיגט א ביסעל, וואָלט פאר איהם דאָס גראָבען פון דער סאזשיווקע ניט געקענט זיין צו וואויל.

דאָסזעלבע מיט גאסען, געבויט פון מענשען, מיט א קירכע, מיט א מוזעאום, און מיט אלע פערשיעדענע געזעלשאפטליכע און רעגיערונגס־טהעטיגקייטען.

דיעזע אלע זאכען קענען זיין זעהר גוט פאר די יעניגע, וועלכע האלטען עס פאר גוט און וועלכע פיהרען עס אוים פריי־ווילינ, ווי, למשל, דער איינקויפען פון ווערקצייג פאר׳ן קאָאָ־פעראטיוון שאפּ, ווי דער מאָהלצייט, וואָס ווערט פעראנשטאל־טעט פון די בעלי־בתים, ווי די סאזיווקע, וואָס ווערט געגראָבען פון די בויערען.

אָבער זאכען, צו וועלכע מענשען מוזען געטריבען ווערען דורך געוואלט הערען אויף צו זיין גוט, מחמת דער געוואלט, פאר דעם אלגעמיינעם וואָהלזיין.

דאָס אלעס איז אזוי קלאָהר און איינפאך, דאָס אויב מענ־שען וואָלטען ניט אָבגענארט געוואָרען אזוי לאנג, וואָלט עס גאָר ניט נויטיג געווען צו פערלירען אן איבעריגען וואָרט וועגען דעם.

למשל, מיר לעבען אין א דאָרף, און מיר, איינוואוינער, האָבען אלע בעשלאָסען צו בויען א בריק איבער דעם זומפּ, אין וועלכען מיר ווערען פערזונקען. מיר האָבען איינגעוויליגט אָדער צוגעזאָגט, אז יעדער זאָל געבען אזוי פיעל און אזוי פיעל געלד, ארבייט אָדער מאטעריאל. מיר האָבען איינגעוויליגט דאָס צו טהאָן, ווייל עס איז פאר אונז פיעל ניצליכער צו בויען דעם בריק, איידער צו פערזינקען אין דעם זומפּ. אָבער צווישען אונז

זיינען דאָ מענשען, פאַר וועמען עס איז ניצליכער אויסצוקומען
אָהן אַ בריק, איידער אויסצוגעבען געלד אויף דעם; אָדער
אַזעלכע, וועלכע וועניגסטענס גלויבען, אַז עס איז בעסער פאַר
זיי אָהן אַ בריק. וועט דאָס צווינגען פון דיעזע מענשען אַנטהייל
צו נעהמען אין דיעזער אונטערנעהמונג מאַכען דעם בריק ניצליך
פאַר זיי? פערשטעהט זיך אַז ניט. וואָרים, ווי באַלד דיעזע מענ־
שען בעטראַכטען אַ פרייוויליגע מיטווירקונג אין דער אויפבויאונג
פון דעם בריק, אַלס ניט ניצליך פאַר זיי, וועלען זיי דאָך נאָך
מעהר בעטראַכטען דעם בריק אַלס אונניצליך, ווען זיי וועלען
געצוואונגען ווערען מיט געוואַלד מיטצוהעלפען אין דעם. לאָמיר
אָננעהמען, זאָגאַר, דאָס מיר האָבען אַלע, אָהן אויסנאַהמע,
איינגעווילליגט, צו בויען דעם בריק און האָבען פערשפּראָכען אַזוי
פיעל ארבייט און געלד אויף יעדענס חלק, נאָר דאָס מאַנכע פון
אונז האָבען שפּעטער פערפעהלט צו ערפילען זייער צוזאָג, ווייל
די אומשטענדען ביי זיי האָבען זיך אַזוי געענדערט, דאָס עס איז
געוואָרען פאַר זיי פיעל ניצליכער אויסצוקומען אָהן אַ בריק,
איידער אויסצוגעבען געלד אויף דעם, אָדער ווייל זיי האָבען
געביטען זייער מיינונג, אָדער אפשר, ווייל זיי האָבען אויסגע־
רעכענט, דאָס די אַנדערע וועלען בויען דעם בריק זאָ־ווי־זאָ,
אפילו ווען זיי וועלען גאָר ניט ביישטייערען, און אַזוי קענען זיי
האָבען דעם נוצען פון בריק גאַנץ אומזיסט. קען דאָס צווינגען
פון דיעזע מענשען צו נעהמען אַנטהייל אין דעם בויען פון בריק
מאַכען זייער אויפאָפּפערונג ניצליך? פערשטעהט זיך אַז ניט.
ווייל אויב זיי האָבען ניט ערפילט זייער צוזאָג צוליעב געענ־
דערטע אומשטענדען, וועלכע האָבען געמאַכט זייער אויפאָפּפע־
רונג שווערער פאַר זיי, ווי די אונבעקוועמליכקייט ניט צו האָבען
דעם בריק, דאַן וועלען דאָך די געצוואונגענע אויפאָפּפערונגען
מאַכען נאָך די זאַך פיעל שווערער פאַר זיי. אויב אָבער דיעזע
מענשען האָבען נור די אַבזיכט צו פּראָפיטירען פון דער ארבייט
פון אַנדערע, דאַן וועט דאָך דער צוואַנג זיין אַ שטראָף פאַר זייער
אַבזיכט; און דיעזע אַבזיכט, וועלכע איז נאָך גאַנץ אונבעוויזען,
וועט ווערען בעשטראָפט נאָך איידער זי איז אויסגעפיהרט גע־
וואָרען. אָבער ניט אין דעם ערשטען און ניט אין דעם צווייטען

פאל וועט דאָס צווינגען פון די מענשען צו נעהמען אַנטהייל אין דעם בויען פון בריק זיין ניצליך פאר זיי.

אָט אזוי וועט עס זיין, ווען די אויפאָפּפערונגען ווערען ער־צוואונגען פאר א זאך, וואָס אלע פערשטעהען, א זאך וואָס איז בעשיינפערליך און אָהן א שום ספק, ניצליך, ווי דאָס איז דער בויען פון א בריק איבער דעם זומפּ.

טו וויפיעל אונגערעכטער און זינלאָזער איז דאָס צווינגען פון מיליאָנען פון מענשען צו אויפאָפּפערונגען, דער צוועק פון וועלכע איז זיי אין גאַנצען אונבעקאנט און אָהן צווייפעל שעד־ליך, ווי דאָס איז דער פאל מיט דעם מיליטער־דיענסט און מיט דעם צאָהלען פון טעקסעס?

אָבער, לויט דער וויסענשאפט, קומט עס אויס, אז אַלעס, וואָס יעדער בעזונדער בעטראַכט אלס אַן איבעל, איז אין דער ווירקליכקייט צו אַלעמענס נוצען; עס שטעלט זיך ארויס, אז עס איז דאָ אַן אונבעדייטענדע מינאָריטעט פון מענשען, און נור די אליין ווייסען, וואָס איז גוט פאר אַלעמען, און ניט קוקענדיג אויף דעם, דאָס אַלע איבעריגע פון דער מענשהייט בעטראַכטען דאָס אַלגעמיין גוטע אַלס איבעל, קען די מינאָריטעט, צווינגענדיג צו דיעזעם בייזע די אַלע איבעריגע, בעטראַכטען עס אַלס עט־וואָס, וואָס איז גוט פאר דאָס אַלגעמיינע וואָוילזיין.

אין דעם בעשטעהט דער הויפּט־אַבערגלויבען און די הויפּט־איינרייידעניש, וועלכע שטערט דעם פּאָרטשריט פון דער מענש־הייט צום אמת און וואָהלהאַבענהייט.

דאָס אויפהאַלטען פון דיעזען אַבערגלויבען און דיעזער איינרייידעניש, דאָס איז דער צוועק פון די פּאָליטישע וויסענ־שאַפטען אין אַלגעמיין און פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע בעזאָנדערס.

איהר צוועק איז צו בעהאַלטען פון די מענשען יענעם צו־שטאַנד פון אונטערדריקונג און שקלאַפעריי, אין וועלכער זיי לעבען.

די מעטאָדע, וועלכע ווערט געברויכט, איז דיעזע: בעטראַכ־טענדיג די געוואַלד, וועלכע מאַכט מעגליך דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דעם שקלאַף, מאַכט מען דעם אָנשטעל, אז דיעזע

געוואלד איז נאטירליך און אונפערמיידליך, און דורך דעם ווערען די מענשען אַבגענארט און זייער אויפמערקזאמקייט ווערט אַבגעווענדעט פון דער ווירקליכער אורזאכע פון זייער שקלאפעריי.

די אַבשאפונג פון שקלאפעריי איז אַנגעגאנגען פאר א לאנגע צייט.

רוים האָט אַבגעשאפט שקלאפעריי; אמעריקא האָט איהר אַבגעשאפט; רוסלאנד האָט דאָס זעלבע געטהאָן. אַבער נור די ווערטער זיינען אַבגעשאפט געוואָרען, ניט די זאך.

שקלאפעריי מיינט די בעפרייאונג פון זיך זעלבסט פון דער נויטווענדיגקייט צו ארבייטען פאר די בעפריעדיגונג פון אלערליי בעדירפניסע און דאָס ארויפווארפען פון דער ארבייט אויף אנדערע מיט דער הילפע פון פיזישער געוואלד. און דאָרט, וואו עס איז דאָ א מענש, וועלכער ארבייט ניט, ווייל א צווייטער איז געצוואונגען צו ארבייטען פאר איהם, דאָרט עקזיסטירט שקלא־פעריי. און דאָרט, ווי עס איז אין אלע אייראָפּעאישע געזעל־שאפטען, וואו מענשען עקספּלואטירען די ארבייט פון טויזענדע פון מענשען און בעטראכטען עס אלס זייער פּריווילעגיע, ווער־רענד די לעצטע אונטערווארפען זיך דער געוואלד און בעטראכ־טען עס, אלס זייער פּפליכט, דאָרט האָבען מיר שקלאפעריי אין א שרעקליכען גראד.

שקלאפעריי עקזיסטירט.

וואו אלזא געפינען מיר איהר?

וואו זי איז אימער געווען, און אָהן וועלכע זי קען ניט זיין: אין דעם צוואנג פון די שטארקע און בעוואפענטע געגען די שוואַ־כע און אונבעוואפענטע.

שקלאפעריי האָט דריי פונדאמענטאלע מעטאָדען: דירעקטע פערזענליכע געוואלד, מיליטאריזם; לאנד־טעקסעס, אויפגעהאל־טען פון דער מיליטערישער מאכט, און דירעקטע און אינדירעקטע טעקסעס אויף בירגער, ווידער אמאָל אויפגעהאלטען פון דער מיליטערישער מאכט.

דיעזע דריי מעטאָדען עקזיסטירען היינט פונקט אזוי גוט, ווי פריהער. נור מיר זעהען עס ניט, ווייל יעדע פון דיעזע דריי

פאָרמען פון שקלאַפעריי האָט געקראָגען אַ נייעם אויסרייד, וועלכער פערדעקט איהר ריכטיגע בעדייטונג.

די פערזענליכע געוואַלד פון די בעוואָפענטע אויף די אונ־בעוואָפענטע איז גערעכטפערטיגט אויף דעם גרונד פון פער־טהיידיגונג פון דעם פאָטערלאַנד געגען אַ פאַנטאַסטישען שונא. אין דער ווירקליכקייט האָט זי דיזעלבע אַלטע אויפגאַבע: די אונטערוואַרפונג פון די בעזיעגטע צו די פערגוואַלטיגער.

די אינדירעקטע געוואַלד פון אַוועקצונעהמען דאָס לאַנד פון די, וועלכע אַרבייטען אויף איהר ווערט בערעכטיגט, אַלס אַ חוב, וואָס קומט צו גוטען דעם אַלגעמיינעם וואָהלזיין, און וואָס ווערט סאַנקציאָנירט פון דעם ירושה־רעכט; אין דער ווירק־ליכקייט אָבער איז עס דיזעלבע לאַנד־רויבעריי און פערשקלאַ־פונג, וועלכע איז אַמאָל אויסגעפיהרט געוואָרען פון דער מילי־טערישער מאַכט.

די לעצטע, דאָס אַרויפלעגען פון אַ געלד־טאַקסע דורך געוואַלד, וואָס איז די מעכטיגסטע און אַלגעמיין אָנגענומענע אין דער איצטיגער צייט, האָט געקראָגען די מערקווירדיגסטע גערעכטפערטיגונג, נעמליך, דאָס די אַוועקנעהמונג פון פרייהייט, פון אייגענטהום און פון אַלעס, וואָס איז גוט פאַר'ן מענשען, איז געראַדע אין די אינטערעסען פון דער אַלגעמיינער פרייהייט און אַלעמענס וואוילזיין.

אין דער ווירקליכקייט איז דאָס ניט קיין אנדער זאַך, ווי שקלאַפעריי.

דאָרט וואו געוואַלד עקזיסטירט, אַלס געזעץ, דאָרט וועט אויך זיין שקלאַפעריי.

צי דאָס זיינען פּרינצען און זייערע קריעגס־באַנדעס, וועלכע טויטען פרויען און קינדער און פערברענען דערפער; צי דאָס זיינען שקלאַפען־האַלטער, וועלכע פאָדערען געלד אָדער אַרבייט פון די שקלאַפען פאַר דאָס לאַנד, און אין פאַל פון אונגעהאָרכ־זאַמקייט רופען זיי די בעוואָפענטע באַנדעס צו זייער הילפע; צי דאָס איז דער מיניסטעריום פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, וועלכער רייסט אַרויס דאָס געלד דורך די גובערנאַטאָרען און פּאָליציי־בעאַמטע, און, אַז עס געלינגט ניט, ווערען געשיקט

בעוואפענטע ארמייען — אזוי לאנג, ווי עס וועט זיין א טיראניי, אונטערשטיצט פון שווערד, וועט ניט קענען זיין קיין גערעכטע פערטהיילונג פון דעם רייכטהום, נור דער גאנצער רייכטהום וועט זיין ביי די טיראנען.

א שלאגענדע אילוסטראציאן פון דער וואהרהייט פון דיע־זער מיינונג איז הענרי דזשארדזש'ס פלאן צו נאציאנאליזירען דאס לאנד.

הענרי דזשארדזש שלאגט פאר, אז דאס גאנצע לאנד זאל ערקלעהרט ווערען אלס רעגיערונגס־אייגענטהום, עס זאל איינ־געפיהרט ווערען איין איינציגע רענט־טאקסע אנשטאט די אלע דירעקטע און אינדירעקטע טאקסעס. דאס הייסט, יעדער איינער, וואס געברויכט דאס לאנד, זאל צאהלען די רעגיערונג דעם רענט־ווערטה פון דעם לאנד.

וואס וואלט געוועזן דער רעזולטאט? דאס לאנד וואלט גע־הערט צו דער רעגיערונג: צו דער ענגלישער רעגיערונג דאס לאנד פון ענגלאנד, צו דער אמעריקאנער דאס לאנד אין אמע־ריקא, און אזוי ווייטער. דאס מיינט, אז דאס וואלט געוועזן א שקלאפעריי, בעשטימט פון דער מאס לאנד און געברויך. אפשר וואלט די לאגע פון מאנכע ארבייטער (פון לאנד־ארבייטער) גע־ווארען דורך דעם א בעסערע; אבער אזוי ווי עס וואלט פערבלי־בען דאס רעכט ארייצוקריגען מיט געוואלד די טאקסעס פון דעם רענט־ווערטה, וואלט דורך דעם שוין אויך פערבליבען שקלא־פעריי. דער לאנד־ארבייטער אין א שלעכטען יאהר, ניט זייענדיג פעהיג צו צאהלען דעם רענט, וואס ווערט געמאהנט פון איהם דורך געוואלד, וואלט געמוזט זיך פערשקלאפען צו דעם מענשען וואס האט געלד, כדי ער זאל קענען בלייבען ביי זיין לאנד און ניט פערלירען אלעס.

ווען א קריגעל רינט, מוז זיכער זיין א לאך אין איהם.

קוקענדיג אויף דעם קריגעל, קען עס אויסזעהן, אז דאס וואסער רינט ארויס פון פיעלע לעכער; אבער וויפיעל מיר זאלען ניט פערשטאפען די פאנטאסטישע לעכער פון דרויסען, וועט דער קריגעל אלץ רינען.

אום אָבצוהאַלטען דאָס רינען, מוז מען אויסגעפינען דאָס לאָך, דורך וועלכעס דאָס וואסער קומט אַרויס, און פערשטאָפּען עס פון אינעווייניג.

דאָס זעלבע איז מיט די אַלע פּלענער, וועלכע ווערען פאָר־געשלאָגען אום אָבצושטעלען די אונגלייכע פערטהיילונג פון דעם רייכטהום — צו פערשטאָפּען יענע לעכער, דורך וועלכע דער רייכטהום פון דער נאציאָן געהט אַרויס.

עס ווערט רעקאָמענדירט: אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַציאָנען פון ארבייטער; מאַכט קאַפּיטאַל פאַר אַלגעמיינעם אייגענטהום; מאַכט לאַנד אַלגעמיינעם אייגענטהום.

דאָס אַלעס איז בלויז די פערשטאָפּונג פון דרויסען פון יענע לעכער, דורך וועלכע עס דוכט זיך אונז אַז דאָס וואסער רינט אַרויס.

אום אָבצוהאַלטען דאָס רינען, איז עס נויטיג אויסצוגעפּי־נען אינוועניג יענעם לאָך, דורך וועלכען דער רייכטהום פער־לאָזט די הענד פון די אַרבייטער און געהט אריין אין די הענד פון די ניט־אַרבייטער.

דאָס לאָך איז דער צוואַנג פון די אונבעוואַפענטע דורך די בעוואַפענטע.

די געוואַלד פון דער מיליטערישער מאַכט, דורך וועלכע מענשען ווערען אַוועקגעריסען פון זייער אַרבייט, דאָס לאַנד פון די מענשען און די פּראָדוקטען פון די אַרבייטער.

אַזוי לאַנג, ווי עס וועט זיין איין בעוואַפענטער מענש מיט אַן אַנערקענטען רעכט צו טויטען אירגענד וועלכען אַנדערען מענשען, אַזוי לאַנג וועט בלייבען די אונגלייכע פערטהיילונג פון רייכטהום — דאָס הייסט, שקלאַפעריי.

וועגן טוידט-שטראפען
אין רוסלאַנד

וועגען טוידט-שטראָפען אין רוסלאַנד

(איך קען ניט שווייגען.)

I.

„זיעבען פערורטהיילט צום טוידט: צוויי אין פעטערבורג, איינער אין מאָסקווע, צוויי אין פענזא, צוויי אין ריגא. פיער טוידט־שטראָפען: צוויי אין כערסאָן, איינער אין ווילנא, איינער אין אָדעס."

און דאָס געהט אָן ניט וואָכען, ניט מאָנאַטען לאַנג, ניט א יאָהר, נור יאָהרען לאַנג. און דאָס קומט פאָר אין רוסלאַנד, אין דעם זעלבען רוסלאַנד, וואו דאָס פאָלק האַלט יעדען פערברעכער פאַר אַן אונגליקליכען, און וואו עס איז ניט געוועזען ביז דער סאַמע לעצטער צייט, לויט געזעץ, קיין טויט־שטראָף.

איך געדענק, ווי איך האָב שטאָלצירט דערמיט אַמאָל פאַר די אייראָפּעער. און אָט איז שוין דער צווייטער, דריטער יאהר, ווי עס געהען אָן, אָהן אַן אָבשטעל, בעשטראָפונגען, בעשטראָפונגען, בעשטראָפונגען.

איך נעהם די היינטיגע צייטונג.

היינט, דעם 9טען מאי, איז עטוואָס שוידערליכעס. אין דער צייטונג ווערט דאָס דערצעהלט גאַנץ קורץ: „היינט אין כערסאָן, אויף דעם סטרעלביצקען פעלד זיינען בעשטראָפט געוואָרען דורך אויפהענגען צוואַנציג בויערען פאַר א געוואַלט־בעפאַל אויף דעם מאַיאָנטעק פון א לאַנד־בעזיצער אין כערסאָנסקען אויעזד." *)

---

*) אין די צייטונגען איז נאכהער ערשיענען אַן אָבליויקענונג פון דיזע נייעס וועגען דעם טוידט־שטראַף פון צוואַנציג בויערען. איך קען נור פרעהען זיך, דאָס עס איז געוועזען אַ טעות: ווי דער־מיט, וואָס עס זיינען דערשטיקט געוואָרען מיט אַכט מענשען וועני־גער, ווי עס איז געוועזען צוערשט געמעלדעט, ווי אויך דערמיט, דאָס

צוועלף מענשען, און געראדע יענע מענשען, פון וועמעס ארבייט מיר לעבען; דיזעלבע מענשען, וועלכע מיר האבען פערדארבען און פערדארבען מיט אלע כחות, אנפאנגענדיג מיט דעם סם פון בראנפען און ענדיגענדיג מיט יענעם שרעקליכען ליגען פון גלויבען, אין וועלכען מיר אליין גלויבען ניט, נור וועלכען מיר ארבייטען מיט אלע קרעפטען ארייננצופלאנצען אין זיי — צוועלף אזעלכע מענשען זיינען דערשטיקט געווארען מיט שטריק פון דיזעלבע מענשען, וועמען זיי ערנעהרען, שוכען, קליידען, בעבויען, און וועלכע האבען זיי פערדארבען און פערדארבען. צוועלף מענער, טאטעס, זיהן, יענע מענשען, אויף וועמעס גוטסקייט, ארבייטס־ליעבע און פראסטקייט עס האלט זיך נור דאס רוסישע לעבען, האט מען געכאפט, ארייגגעזעצט אין די אסטראגען, און געשמירט אין קייטען. נאכהער האט מען זיי פערבונדען הינטער׳ן רוקען די הענד, כדי זיי זאלען זיך ניט קענען אנכאפען פאר׳ן שטריק, אויף וועלכען מען געהט זיי הענגען, און מען האט זיי געבראכט אונטער די תליות. עטליכע בויערען, אזעלכע ווי די יעניגע, וועלכע מען געהט הענגען, נור בעוואפענטע און אנגעטהאן אין גוטע שטיוועל און ריינע סאלדאטסקע מונדירען, מיט ביקסען אין די הענד, בעגלייטען די פעראורטהיילטע. זייט ביי זייט מיט די פעראורטהיילטע, אין א זיידענעם מאנטעל מיט א צלם אין האנד, געהט א מענש מיט לאנגע האר. דער אנפיהרער פון דיזער גאנצער אנגעלעגענהייט רעדט עפעס, דער סעקרעטאר לייענט א פאפיער, און ווען דער פאפיער איז איבערגעלייענט, רעדט דער מענש מיט די לאנגע האר, ווענדענדיג זיך צו יענע מענשען, וועמען אנדערע מענשען קלייבען זיך צו דערשטיקען מיט שטריק

די שרעקליכע ציפער האט מיך געצוואונגען אויף דיזע זייטלעך אויסצודריקען יענעם געפיהל, וועלכער פייניגט מיך שוין לאנג. און דערפאר, איבערבייטענדיג בלויז דעם ווארט צוואנציג אויף צוועלף, לאז איך איבער אונגעענדערט אלעם דאס, וואס איז דא געזאגט געווארען, ווייל דאס געזאגטע האט ניט בלויז א שייכות מיט די צוועלף בעשטראפטע, נור מיט די אלע טויזענדע מענשען, וועלכע זיינען געטוידט און דערשטיקט געווארען אין דער לעצטער צייט.

— ער רעדט צו זיי עטוואס וועגען גאָט און קריסטוס. גלייך נאָך דיזע ווערטער, נעהמען זיך די הענקער — זיי זיינען עט־ליכע, איינער קען זיך ניט ספּראווען מיט אזא פיעלפאכיגע ארבייט — אויפלעזענדיג זייף און אָנזייפענדיג די פּעטליעס פון די שטריק, כדי זיי זאָלען זיך בעסער פערציהען — נעהמען זיי זיך צו די פערשמידטע, טהוען זיי אָן אין טוידט־קיטלען, פיהרען זיי ארויף אויפ'ן בריקעל אונטער די תליות און לעגען ארויף אויף די העלזער די אָנגעזייפטע פּעטליעס פון די שטריק. און אָט איינער נאָך דעם צווייטען, ווערען לעבעדיגע מענשען אָב־געשטויסען פון די בענקלעך, וואָס ווערען ארויסגעשלעפּט פון אונטער זייערע פיס, און מיט זייער שווערקייט פערציהען זיי גלייך אויף זייער האלז די פּעטליע, און ווערען דערשטיקט. די מענשען, וואָס זיינען נאָך מיט א מינוט צוריק געוועזען לעבעדיגע, ווערען אומגעוואנדעלט אין טוידטע קערפּער, וואָס הענגען אויף שטריק. אָנפאנגס שאָקלען זיי זיך אביסעל, דאן ווערען זיי פערשטאָרבען אין אונבעוועגליכקייט.

דאָס אלעס ווערט געמאכט און צוגעטראכט מיט גרויסען פלייס פאר זייערע ברידער־מענשען פון מענשען פון דעם העכערען קלאַס, מענשען געלערנטע, געבילדעטע. דאָס אלעס איז אזוי געמאכט, אז דאָס זאָל געשעהן שטיל, איידער די זון געהט אויף, אז קיינער זאָל זיי ניט זעהען; דאָס אלעס איז אזוי געמאכט, אז די פעראנטוואָרטליכקייט פאר דיזע רציחות זאָל אזוי איינגעטהיילט ווערען צווישען די מענשען, וואָס פיה־רען זיי אויס, אז יעדער זאָל קענען דענקען און זאָגען: ניט ער איז שולדיג אין דעם. עס איז אזוי אויסגעטראכט, אז מען זאָל געפינען די סאַמע פערדאָרבענסטע און אונגליקליכסטע מענשען, און צווינגענדיג זיי צו טהון דאָס, וואָס מיר אליין האָבען אויס־געטראכט און צו וואָס מיר האָבען מסכים געווען, זאָלען מיר קענען מאכען אַן אָנשטעל, דאָס עס עקעלט אונז פון יענע מענשען, וועלכע טהוען דיזע זאַך. עס איז זאָגאר אויסגעקלערט געוואָרען אזא איידעלער שטריך, דאָס עס פערורטהיילען בלויז די קריעגס־געריכטען, און ביי דער אויספיהרונג פון דער שטראָף מוזען זיין ניט די קריעגס־מענשען, וועלכע האָבען פעראורטיילט,

נור בירגערליכע ריכטער. און די מענשען, וועלכע פיהרען אויס דיזע זאך, זיינען בעשווינדעלטע, פערדארבענע, פעראכטעטע, וועמען עס בלייבט נור איין זאך: ווי בעסער אנצוזייפען די שטריק, כדי עס זאלען זיך זיכער פערציהען די העלזער, און ווי בעסער זיך אנצוטרינקען מיט דעם גיפט, וועלכער ווערט זיי פערקויפט פון דיזע געלערנטע און געבילדעטע מענשען, כדי זיי זאלען אי גיכער אי פאלשטענדיגער פערגעסען אן זייער נשמה, אן זייער מענשליכען בערוף.

דער דאקטאר מאכט א שפאציער ארום די קערפער, בע־טאפט זיי, און מעלדעט דער נאטשאלסטווא, אז די זאך איז אויסגעפיהרט געווארען, ווי עס געהערט צו זיין: אלע צוועלף מענשען זיינען אהן א שום ספק טוידט. און די נאטשאלסטווא נעהמט זיך צוריק צו איהרע געוועהנליכע בעשעפטיגונגען מיט דעם בעוואוסטזיין פון א געוויסענהאפט - אויפגעטהאנענער, כאטש א שווערער, אבער א נויטיגער, פליכט. די פערקיהלטע קערפער נעהמט מען אראב און מען בעגראבט.

דאס איז דאך שרעקליך!

און דאס ווערט געטהאן ניט איין מאל, און ניט נור איבער צוועלף אונגליקליכע, אבגענארטע מענשען, נור דאס טהוט זיך אהן אן אויפהער, יאהרען לאנג, איבער הונדערטע און טויזענדע אבגענארטע מענשען, אבגענארט פון דיזעלבע מענשען, וועלכע פיהרען אויס איבער זיי דיזע שוידערליכע רציחות.

און מען טהוט ניט נור דאס; אונטער דעמזעלבען אויס־רייד, און מיט דערזעלבער קאלטבלוטיגער גרויזאמקייט ווערען נאך געטהאן די פערשיעדענסטע פייניגונגען און פערגוואלטיגונ־גען אין די אסטראגען, פעסטונגען און קאטארגעס.

דאס איז שרעקליך. נור שרעקליכער פון אלץ איז דאס, וואס דאס ווערט ניט געטהאן אין א מינוט פון ליידענשאפט, ווען דאס געפיהל פערשטיקט דעם פערשטאנד, ווי דאס פאסירט אין א געשלעג, אויף א מלחמה, זאגאר ביי א רויבעריי, נור פערקעהרט, לויט דער פארדערונג פון דעם פערשטאנד, פון אן אויסרעכנונג, וואס פערשטיקט דעם געפיהל. דערמיט זיינען

דאָס אזוי בעזאָנדערס שווידערליך דיזע טהאטען. שרעקליך דערמיט, וואָס קיין זאך, ווי דיזע טהאטען, אויסגעפיהרט פון ריכטער ביז'ן הענקער, וועלכע ווילען זיי ניט טהון, קיין זאך ווייזט ניט ארויס אזוי קלאָר, אזוי בולט די גאנצע פערדערבליכ־קייט פון דעם דעספּאָטיזם פאר די מענשליכע זעעלען, די גאנצע פערדערבליכקייט פון דער הערשאפט פון איינע מענשען איבער די אנדערע.

עס איז שרעקליך, ווען איין מענש קען צונעהמען פון צווייטען זיין ארבייט, געלד, בהמה, פערד, קען זאָגאר צונעהמען זיין זוהן, זיין טאָכטער — דאָס איז שרעקליך, אָבער פיעל, פיעל שרעקליכער איז דאָס, וואָס איין מענש קען צונעהמען ביים צווייטען זיין נשמה, קען איהם צווינגען צו טהון דאָס, וואָס פערניכטעט זיין גייסטיגען „איך“, וואָס רויבט פין איהם זיין גייסטיגען גליק. און דאָסזעלבע טהוען יענע מענשען, וועלכע סטראָיען דאָס אלעס איין, און רוהיג, צוליעב דעם מענשלי־כען גליק, צווינגען זיי מענשען, פון ריכטער ביז צום הענקער, מיט אונטערקויפונגען, מיט סטראשונקעס, מיט שווינ־דעל אויסצופיהרען יענע טהאטען, וועלכע רויבען פון זיי זיכער זייער אמת'ען גליק.

און אין דערזעלבער צייט, ווען דאָס אלעס קומט פאָר איבער דעם גאנצען רוסלאנד, איז די הויפּט־שולדיגע אין יענע טהאטען, יענע, אויף וועמעס בעפעהל דאָס אלעס טהוט זיך, יענע, וועלכע וואָלטען געקענט אָבשטעלען דיזע טהאטען — די הויפּט־שולדיגע אין דיזע טהאטען מיט דער פולער זיכערהייט, אז דיזע טהאטען זיינען ניצליכע און נויטיגע — איז אָדער זיי טראכטען און האלטען רעדען וועגען דעם, ווי מען דארף שטערען די פינלענדער צו לעבען אזוי, ווי דאָס ווילען די פינלענדער, נור ניט אנדערש צווינגען זיי צו לעבען אזוי, ווי דאָס ווילען עטליכע רוסישע מענשען, אָדער זיי גיבען ארויס בעפעהלע, ווי עס זאָלען געמאכט ווערען די ארבעל און די קעלנער אויף די מונדירען פון די סאָלדאטען אין די גוסארסקע פּאָלקען.

יא, דאָס איז שרעקליך.

II.

שרעקליכער אָבער פון אַלץ איז אין דעם דאָס, וואָס דיזע אַלע אונמענשליכע פערגעוואַלטיגונגען און מאָרדען, א חוץ די דירעקטע שלעכטסקייט, וואָס זיי טהוען אָן די קרבנות פון די פערגוואַלטיגונגען און זייערע פאַמיליען, טהוען זיי אָן נאָך אַ גרעסערען איבעל דעם גאַנצען פאָלק, פאַנאַנדערטראָגענדיג די ראַש־זיך־פערשפּרייטענדע, ווי אַ פייער איבער טרוקענעם שטרוי, פערדאָרבונג פון אַלע שיכטען פון דעם גאַנצען רוסישען פאָלק. עס פערשפּרייט זיך אָבער דיזע פערדאַרבונג בעזאָנדערס ראַש צווישען דעם פּראָסטען ארבייטענדען פאָלק דערפאַר, ווייל אַלע דיזע פערברעכען, וועלכע שטייגען איבער אין הונדערטע מאָל אַלעם דאָס, וואָס איז געטהאָן געוואָרען און ווערט געטהאָן פון איינפאַכע גנבים, מערדער און פון אַלע רעוואָלוציאָנען צו־זאַמען, ווערען אויסגעפיהרט אונטער דעם אויסרייד פון עטוואָס נויטיגעס, גוטעס, וואָס ווערט ניט נור גערעכטפערטיגט, נור וואָס ווערט אויפגעהאַלטען פון די פערשיעדענע אינסטיטוציאָ־נען, וועלכע ווערען בעטראַכט פון פאָלק אלס די פערקערפערונג פון אַלץ, וואָס איז גערעכט און הייליג — פון סענאַט, סינאָד, דומאַ, קירכע און צאַר.

און עס פערשפּרייט זיך דיזע פערדאָרבענהייט מיט אַ בעזאָנדערער ראַשיגקייט.

עס איז נאָך גאָר ניט לאַנג, ווי מען האָט ניט געקענט געפי־נען אין דעם גאַנצען רוסישען פאָלק קיין צוויי הענקער; נאָך גאָר ניט לאַנג, אין די 80־ער יאהרען, איז געוועז בלויז איין הענקער אין גאַנץ רוסלאַנד. איך געדענק, ווי דאַן האָט סאָלאָ־וויאָוו וולאַדימיר מיר דערצעהלט מיט שמחה, ווי מען האָט ניט געקענט געפינען איבער גאַנץ רוסלאַנד אַ צווייטען הענקער, און איינעם האָט מען געמוזט פיהרען פון פּלאַץ צו פּלאַץ.

איצט איז ניט דאָס..

אין מאָסקוואַ האָט אַ קרעמער, ביי וועמען די געשעפטען זיינען געגאַנגען שלעכט, פאָרגעשלאָגען זיינע דיענסטע פאַר די אויספיהרונג פון מאָרדען, וועלכע די רוסישע רעגיערונג בע־שטעלט, און קריגענדיג צו הונדערט רובעל פון אַ געהאַנגענעם,

האָט ער אין אַ קורצע צייט אַזוי פערבעסערט זיינע געשעפטען, דאָס ער האָט זיך אויפגעהערט צו נויטיגען אין אַ זייטיגער פראָ־פעסיע, און איצט פיהרט ער אָן זיין מסחר ווי אין די פריהעריגע צייטען.

אין אַפּריל אין די פערגאַנגענע מאָנאַטען, ווי איבעראַל, האָט מען געדאַרפט האָבען אַ הענקער, און גלייך האָט זיך געפונען אַ מאַן, וועלכער איז מרוצה געוואָרען צו טהון עס, אויס־דינגענדיג זיך מיט דעם, וואָס האָט צו זאָגען איבער די רעגיע־רונגס־מאָרדען, צו 50 רובעל פון אַ געהאַנגענעם. אבער, דערוויסענדיג זיך נאָך דעם, ווי ער איז שוין מושוה געוואָרען איבער'ן פּרייז, דאָס אין אַנדערע ערטער צאָהלט מען טהייערער, האָט דער פּריוויליגער הענקער, אין דער צייט פון דער אויס־פיהרונג פון דער טוידט־שטראָף, אָנטהוענדיג אויף דעם פער־אורטהיילטען דעם זאַק, אנשטאַט איהם אַוועקצופיהרען אויפ'ן בריקעל, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און צוגעהענדיג צום נאַ־טשאַלניק, האָט ער געזאָגט: „אייער עקסעלענץ, לעגט צו נאָך אַ 25־ער, אויב ניט, טהו איך עס ניט.“ מען האָט איהם דער־לעגט, און ער האָט זיין זאַך ערפילט.

באַלד האָט מען געדאַרפט אויפהענגען גאַנצע פינף. ערב דער בעשטראָפונג איז צו דעם ממונה איבער די רעגיערונגס־מאָרדען געקומען אַן אונבעקאַנטער מענש, וואָס האָט פערלאַנגט זיך דורכרעדען מיט איהם וועגען אַ געהיימע אנגעלעגענהייט. דער נאַטשאַלניק איז אַרויסגעקומען, און דער אונבעקאַנטער האָט געזאָגט:

„ניט לאַנג צוריק האָט איינער פון אייך גענומען דריי 25ער פאַר איינעם. היינט, הערט מען, דאַרף מען אויפהענגען פינף. בעפעהלט אַלע פינף איבערלאָזען צו מיר, איך וועל נעהמען צו פופצעהן רובעל פאַר יעדען און זייט רוהיג, איך וועל עס טהון, ווי מען דאַרף.“

איך ווייס ניט, צי עס איז אָנגענומען געוואָרען אָדער ניט דיזער פאָרשלאַג, אבער איך ווייס, אַזאַ אַזאַ פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרען.

אַזוי ווירקען דיזע רעגיערונגס־פערברעכענס אויף די

ערגערע, אויף די וועניגער מאָראַלישע מענשען. אבער דיזע שרעקליכע טהאַטען קענען ניט בלייבען אָהן אַ ווירקונג אויף אויף די מייסטע דורכשניטליכע מענשען, אין דער הינזיכט פון מאָראַל. ניט אויפהערענדיג צו הערען און צו לעזען וועגען יענע שרעקליכע, אונמענשליכע רציחות, אויסגעפיהרט פון דער רעגי־רונג, דאָס הייסט, פון מענשען, ועמען דאָס פאָלק איז געוועהנט צו בעטראַכטען, אַלס די בעסערע מענשען — איז די מאַיאָרי־טעט דורכשניטליכע מענשען, בעזאָנדערס יונגע, וועלכע זיינען פערנומען מיט זייערע פערזענליכע געשעפטען, אָנשטאַט זיי זאָלען פערשטעהען, אַז די יעניגע מענשען, וועלכע טהוען אויף אַזעלכע עקעלהאַפטע זאַכען, פערדיענען ניט צו ווערען געאַכטעט, דענקען זיי פונקט קאַפּויר. זיי טראַכטען: ווען די אַלגעמיין־געאַכטעטע מענשען טהוען אַזעלכע זאַכען, וועלכע שיינען אונז צו זיין העסליך, טו איז עס מסתמא דערפאַר, ווייל דיזע זאַכען זיינען גאָר ניט אַזוי העסליך, ווי עס דאַכט זיך אונז.

וועגען בעשטראָפען, אויפהענגען, מאָרדען, באָמבעס שרייבט מען און מען רעדט איצט פונקט ווי מען האָט פריהער גערעדט וועגען דעם וועטער. קינדער שפּיעלען זיך אין אויפ־הענגען. כמעט נאָך קינדער, גימנאַזיסטען, געהען אויף עקס־פּראָפּריאַציעס פערטיג צו טוידט, פונקט ווי זיי זיינען פריהער געגאַנגען אויף געיעג. אויסצו׳הרג׳ענען די גרויסע לאַנד־בעזיצער, אום צו פערכאַפּען זייער לאַנד, שטעלט זיך איצט פאָר פיעלע מענשען, אַלס די ריכטיגע לייזונג פון דער לאַנד־פראגע.

אין אַלגעמיין, אַ דאַנק דער טהעטיגקייט פון דער רעגיע־רונג, וועלכע דערלאָזט די מעגליכקייט פון מאָרד, אום צו דערגריי־כען איהרע צוועקען, ווערט יעדער פערברעכען: ראַבירען, גנב׳ע־נען, זאָגען ליגען, פּייניגען, טוידטען — בעטראַכט פון די אונ־גליקליכע מענשען, וועלכע זיינען אונטערוואָרפען דעם פערדאַר־בענדען איינפלוס פון דער רעגיערונג, אַלס גאַנץ נאַטירליך פאַר׳ן מענשען.

יא, ווי שרעקליך עס זיינען ניט די סאַמע טהאַטען, איז דער מאָראַלישער, גייסטיגער, אונזיכטבאַרער איבעל, וועלכער קומט אַרויס פון זיי גאָר ניט דער ערך שרעקליכער.

III.

איהר זאָגט, דאָס איהר טהוט דיזע אַלע שרעקליכע זאַכען, אום צו ברענגען רוה, אָרדנונג?

איהר ברענגט רוה און אָרדנונג!

מיט וואָס־זשע ברענגט איהר עס זי, דיזע אָרדנונג? דער־מיט, וואָס איהר, — די פאָרשטעהער פון דער קריסטליכער מאַכט, די לעהרער, צו וועלכע עס זיינען מסכים די דיענער פון דער קירכע, — צושטערט אין די מענשען די לעצטע רעשטלעך פון גלויבען און מאָראַל, בעגעהענדיג די גרעסטע פערברעכענס: ליגען, שפּיאָנעריי, יעדען סאָרט פּייניגונג און — דעם לעצטען, דעם שרעקליכסטען פערברעכען, וועלכער איז צו־ווידער יעדער ניט גענצליך־פערדאָרבענער מענשליכער האַרץ: ניט מאָרד, ניט איין מאָרד, נור מאָרדען, אונענדליכע מאָרדען, וועלכע איהר מיינט צו רעכטפערטיגען מיט פערשיעדענע נאַרישע אָנווייזונ־גען אויף וועלכע עס איז בעשליסע, וועלכע איהר אַליין האָט אָנגעשריעבען אין אייערע ליגנערישע ביכער, וואָס איהר רופט אָן מיט דעם פאַלשען נאָמען געזעצע?

איהר זאָגט, אז דאָס איז דער איינציגער מיטעל צו בערו־היגען דאָס פאָלק און צו אונטערדריקען די רעוואָלוציאָן? אבער דאָס איז דאָך אַ פּשוט'ער ליגען! עס איז אויגענשיינליך, דאָס, ניט בעפריעדיגענדיג די סאַמע ערשטע גערעכטיגקייט פון דעם גאַנצען רוסישען אַרבייטער־פאָלק: די אָבשאַפונג פון לאַנד־אייגענטהום, נור פערקעהרט, מאַכענדיג עס נאָך שטאַרקער און אויף אַלע אופנים צורייצענדיג דאָס פאָלק און יענע לייכטזיניג־דערצאָרענטע מענשען, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען אַ געוואַלט־קאַמפף מיט אייך, קענט איהר ניט בערוהיגען מענשען, פּייניגענ־דיג זיי, רייסענדיג, פערשיקענדיג, פערוואָגלענדיג, הענגענדיג פרויען און קינדער! ווי איהר זאָלט ניט וועלען פערטויבען אין זיך דעם פערשטאַנד און ליעבע, וואָס זיינען אייגענטהימליך דעם מענשען, זיינען זיי דאָך דאָ אין אייך, און איהר דאַרפט נור בעדענקען זיך און אַ קלער טהון, אום צו דערזעהען, דאָס האַנדלענדיג אַזוי, ווי איהר האַנדעלט, ד. ה., נעהמענדיג אָן אַנטהייל אין דיזע שרעקליכע פערברעכענס, איז ניט נור, וואָס

איהר היילט ניט אוים די קראַנקהייט, נור איהר פערשטאַרקט איהר נאָך, אַריינטרייבענדיג איהר אינוועניג.

דאָס איז דאָך צו קלאָר.

די אורזאַכע פון דעם, וואָס קומט איצט פאָר, איז ניט אין די מאַטעריעלע פּאַסירונגען, נור די גאַנצע זאַך איז אין דעם גייסטיגען פיהלען פון פאָלק, וועלכער האָט זיך גענצליך געענ־דערט, און וועלכער קען ניט צוריקגעבראַכט ווערען צום פריהע־ריגען צושטאַנד מיט קיינע אנשטרענגונגען — פּונקט ווי מען קען ניט אַן ערוואַקסענעם מענשען ווידער מאַכען פאַר אַ קינד. די געזעלשאַפטליכע אויפרעגונג אָדער רוהיגקייט קען אויף קיין פאַל ניט זיין אָבהענגיג פון דעם, צי עס וועט לעבען אָדער ווערען אויפגעהאַנגען פּעטראָוו, אָדער צי איוואַנאָוו וועט לעבען ניט אין טאַמבאָוו, נור אין נערטשינסק, אויף קאַטאָרגע. די געזעלשאַפטליכע צורייצטקייט אָדער רוהיגקייט קען אָבהענגען נור פון דעם, ווי ניט נור פּעטראָוו אָדער איוואַנאָוו, נור ווי די גאַנצע גרויסע מאַיאָריטעט פון די מענשען וועט בעטראַכטען איהר לאַגע, ווי דיזע מאַיאָריטעט וועט זיך פערהאַלטען צו דער מאַכט, צו דעם אייגענטהום אין לאַנד, צו דעם געפּרעדיגטען גלויבען — פון דעם וועט עס זיין אָבהענגיג, וואָס די מעהרהייט פון פאָלק וועט בעטראַכטען אַלס גוט אָדער שלעכט. די מאַכט פון די פּאַסירונגען איז בשום אופן ניט אין די מאַטעריעלע פער־העלטניסע פון לעבען, נור אין דעם גייסטיגען פיהלען פון פאָלק. ווען איהר זאָלט ערמאָרדען אָדער פערמוטשען זאָגאַר אַ צעהנט־חלק פון דעם רוסישען פאָלק, וועט דער גייסטיגער צושטאַנד פון די איבריגע ניט ווערען דערפון אַזעלכער, ווי איהר פערלאַנגט עס.

אַלזאָ, — אַלעס וואָס איהר טהוט איצט מיט אייערע הויז־זוכונגען, שפּיאָנערייען, פערשיקונג, אָסטראָגען, קאַטאָרגעס, תליות — דאָס אַלעס ברענגט ניט נור דאָס פאָלק אין יענעם צושטאַנד, צו וועלכען איהר ווילט איהם ברענגען, נור פער־קעהרט, דאָס פערשטאַרקט נאָך די אויפרעגונג און פערניכטעט יעדע מעגליכקייט פון בערוהיגונג.

„אבער וואָס זאָל מען טהון?“ פרעגט איהר. „וואָס טהון?

ווי מאַכט מען אַ סוף צו יענע רציחות, וועלכע ווערען איצט געטהאָן?"

דער ענטפער איז אַ גאַנץ איינפאַכער:

אויפצוהערען צו טהון דאָס, וואָס איהר טהוט.

ווען אפילו קיינער וואָלט ניט געוואוסט, וואָס מען מוז טהון, אום צו בערוהיגען דאָס פאָלק — דאָס גאַנצע פאָלק (פיעלע ווייסען שוין זעהר גוט, וואָס עס איז אם נויטיגסטען פאַר די בערוהיגונג פון דעם גאַנצען רוסישען פאָלק: עס איז נויטיג די בעפרייאונג פון דער ערד פון אייגענטהום, ווי עס איז נויטיג געוועזען מיט פופציג יאהר צוריק די בעפרייאונג פון פאַנשטיזנע), ווען אפילו קיינער וואָלט ניט געוואוסט, וואָס מען מוז איצט טהון אום צו בערוהיגען דאָס רוסישע פאָלק, איז פון דעסטוועגען קלאָר, דאָס פאַר די בערוהיגונג פון דעם רוסישען פאָלק דאַרף מען אודאי ניט טהון דאָס, וואָס מאַכט איהם נאָך מעהר אויפגערייצט. און איהר טהוט דוקא דאָס.

דאָס, וואָס איהר טהוט, טהוט איהר ניט פאַר'ן פאָלק, נור פאַר זיך, אום איהר זאָלט בלייבען ביי דעם, וואָס אין אייער פעראירדונג האַלט איהר פאַר גוט פאַר אייך, וואָס איז אָבער אין דער אמת'ען די העכסט־קלעגליכע און עקעלהאַפטע לאַגע, וואָס איהר פערנעהמט. טו זאָגט ניט, אַז דאָס, וואָס איהר טהוט, טהוט איהר פאַר'ן פאָלק: דאָס איז ניט אמת. די אַלע געמיינהייטען, וואָס איהר טהוט, טהוט איהר פאַר זיך, פאַר אייערע זעלבסטזיכטיגע, בעריהמערישע, גאוה'דיגע פערזענליכע צוועקען, צוליעב דעם, אום איהר זאָלט אַליין נאָך לענגער אבי־סעלע קענען לעבען אין יענער הולטאַיסטווא, אין וועלכער איהר לעבט, און וועלכע דוכט זיך אייך צו זיין אַ גליק.

אָבער וויפיעל איהר רעדט ניט וועגען דעם, אַז אַלעס, וואָס איהר טהוט, טהוט איהר פאַר דעם גליק פון פאָלק, איז די מענשען פערשטעהען אייך און אַלץ מעהר און מעהר פעראַכטען זיי אייך, און אויף אַלע אייערע מיטלען פון אונטערדריקונג קוקען זיי ניט ווי איהר וואָלט געוואָלט: ווי אויף די טהאַטען פון וועלכער־עס־איז קאָלעקטיווער פערזענליכקייט, וואָס הייסט

רעגיערונג, נור ווי אויף פערזענליכע שלעכטע טהאטען פון בע־
זונדערע שלעכטע עגאאיסטען.

IV.

איהר זאגט: ניט מיר האבען עס אנגעהויבען, נור די רע־
וואלוציאנערען; און די שרעקליכע פערברעכענס פון די רעוואלו־
ציאנערען קענען נור אונטערדריקט ווערען דורך די שטרענגע
(אזוי רופט איהר אייערע פערברעכענס) מיטלען פון די
רעגיערונגען.

איהר זאגט, אז די בייזע מעשים פון די רעוואלוציאנערען
זיינען שרעקליך. איך בעשטרייט עס ניט און וויל נאך צולעגען,
אז זייערע טהאטען, א חוץ דעם, וואס זיי זיינען שרעקליך, זיינען
זיי נאך פונקט אזוי נאריש, און טרעפען פונקט אזוי שלעכט אין
ציעל, ווי אייערע מעשים. אבער, ווי שרעקליך און נאריש עס
זיינען זייערע האנדלונגען: די אלע באמבעס און אונטערגרא־
בונגען, און דיעזע אלע העסליכע מארדען און געלד־רויבערייען,
דאך דיעזע אלע טהאטען זייערע דערגרייכען ניט דעם גראד פון
פערברעכערישקייט און נארישקייט פון די טהאטען, וועלכע איהר
פיהרט אויס.

זיי טהוען גאנץ דאס זעלבע, וואס איהר, און צוליעב דיזעלבע
טרייבענדע אורזאכען. זיי, פונקט ווי איהר, געפינען זיך אונטער
דעמזעלבען (איך וואלט געזאגט קאמישען, ווען זיינע פאלגען
וואלטען ניט געווען אזעלכע שרעקליכע) טעות, דאס איינצעלנע
מענשען, אויסטראכטענדיג ביי זיך א פלאן וועגען דעם, ווי
לויט זייער מיינונג עס איז ווינשענסווערטה און עס דארף זיין
געבויט די געזעלשאפט, האבען דאס רעכט און די מעגליכקייט
איינצוארדנען נאך דיעזען פלאן דאס לעבען פון אנדערע מענשען.
עס זיינען איינע און דיזעלבע מאטיווען, און עס זיינען איינע
און דיזעלבע מיטלען אום צו דערגרייכען דעם זיך פארגעשטעל־
טען צוועק. די מיטלען זיינען אלערליי פערגעוואלדיגונגען, וועלכע
דערגעהען ביז צו מארד. גלייך איז אויך די רעכטפערטיגונג פאר
די אויסגעפיהרטע פערברעכענס. די רעכטפערטיגונג בעשטעהט
אין דעם, דאס א שלעכטע טהאט, אויסגעפיהרט פאר דעם

וואוילזיין פון פיעלע, הערט אויף צו זיין אן אונמאָראַלישע, און דאָס דערפאַר מעג מען, גאָר ניט פערברעכענדיג געגען די מאָראַל, זאָגען ליגען, ראַבירען, טוידטען, ווען דאָס פיהרט צו דער פער־ווירקליכונג פון יענעם געפלאַנעוועטען צושטאַנד פון גליק פאַר פיעלע, וועלכען מיר שטעלען זיך פאָר, מיר ווייסען, און וואָס מען קען פאָראויסזעהן, און וועלכען מיר ווילען איינפיהרען.

איהר, רעגיערונגס־מענשען, האַלט די האַנדלונגען פון די רעוואָלוציאָנערען פאַר בייזע מעשים און געוואַלדיגע פערברע־כענס, אָבער זיי האָבען גאָר ניט געטהאָן און טהוען ניט אַזעל־כעס, וואָס איהר וואָלט ניט געטהאָן, און האָט ניט געטהאָן אין אַ ניט דער ערך גרעסערער מאָס. זיי טהוען נאָר דאָס אייגענע, וואָס איהר. איהר האַלט שפּיאָנען, נאַרט, פערבּרייט ליגענס דורך די פּרעסע, און זיי טהוען דאָס זעלבע; איהר נעהמט אוועק פון מענשען דעם אייגענטהום דורך אַלערליי געוואַלד־מיטלען, און טהוט דערמיט, וואָס איך געפעלט, און זיי טהוען דאָס זעלבע; איהר בעשטראָפט די יעניגע, וועמען איהר בעטראַכט אַלס געפעהרליך — זיי טהוען דאָס זעלבע.

אַלזאָ, ווען זיי געברויכען יענע אונמאָראַלישע מיטלען, וועלכע איהר געברויכט פאַר אייערע צוועקען, איז עס ניט איהר וועמען עס פאַסט צו מאַכען פאָרווירפע די רעוואָלוציאָנערען. דאָס, וואָס איהר קענט אָנפיהרען צו אייער פערטהיידיגונג, קענען זיי דאָס אָנפיהרען פאַר זיך, שוין ניט שמועסענדיג וועגען דעם, דאָס איהר טהוט פיעל שלעכטעס, וואָס זיי טהוען ניט: דאָס פערשווענדען פון די פאָלקס־רייכטהימער, די פערפערטיגונג צו מלחמות און דאָס פיהרען פון מלחמות, די בעזיעגונג און אונ־טערדריקונג פון פרעמדע פעלקער און פיעלעס אַנדערע.

איהר זאָגט, דאָס איהר האָט טראַדיציעס פון אַלטע צייטען, וועלכע איהר היט אָב, און וועלכע זיינען די מוסטערן פון דער טהעטיגקייט פון די גרויסע מענשען פון דער פערגאַנגענהייט. ביי זיי זיינען אויך דאָ טראַדיציאָנען, וועלכע שטאַמען שוין פון אַלטע צייטען, נאָך פריהער ווי פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און פון גרויסע מענשען, יועלכע זיינען פאַר זיי מוסטערן נאָכצוטהאָן, פון מאַרטירער, וועלכע האָבען זיך אויפ־

געאָפּפּערט פאַר וואַהרהייט און פרייהייט, ניט וועניגער, ווי ביי אייך.

דערפאַר, אויב עס איז דאָ אַן אונטערשיעד צווישען אייך און זיי, איז עס נור אין דעם, וואָס איהר ווילט, אַז אַלעס זאָל בלייבען, ווי עס איז געווען, און ווי עס איז, און זיי ווילען אַן ענדערונג. און טראַכטענדיג, דאָס אַלעס קען ניט פערבלייבען, ווי עס איז פריהער געווען, וואָלטען זיי געווען גערעכטער פון אייך, ווען ביי זיי וואָלט ניט געווען דאָס, וואָס זיי האָבען איבער־גענומען פון אייך, דעם זאָנדערבאַרען און שעדליכען טעות וועגען דעם, דאָס מאַנכע מענשען קענען וויסען יענע פאָרמע פון לעבען, וועלכע געהערט דער צוקונפט פאַר אַלע מענשען, און דאָס דיזע פאָרמע קען אויפגעריכט ווערען דורך געוואַלד. אין אַלעס איבע־ריגען אָבער טהוען זיי דאָס זעלבע, וואָס איהר טהוט און מיט דיזעלבע מיטלען. זיי זיינען אין גאַנצען אייערע תלמידים; זיי האָבען, ווי דאָס רעדט זיך, צונויפגעזאַמעלט אַלע טראָפּפּענס; זיי זיינען ניט נאָר אייערע תלמידים, נור זיי זיינען אייער ווערק, אייערע קינדער. וואָלט איהר ניט געווען, וואָלטען זיי ניט געווען; און ווען איהר ווילט זיי דערשטיקען מיט געוואַלד, טהוט איהר דאָס, וואָס עס טהוט אַ מענש, ווען ער לעגט זיך אָן מיט זיין גאַנצען כח אויף אַ טהיר, וואָס עפענט זיך צו איהם צו.

אויב עס איז דאָ אַן אונטערשיעד צווישען אייך און זיי, איז עס געוויס ניט צו אייער גונסטען, נור צו זייערען. די מילדע־רענדע אומשטענדען פאַר זיי בעשטעהען ערשטענס אין דעם וואָס זייערע שלעכטע מעשים בעגעהען זיי אונטער בעדינגונגען פון אַ גרעסערער פּערזענליכער געפאַהר, ווי די, אונטער וועלכע איהר זיינט; און די ריזיקע, די געפאַהר רעכטפערטיגט פיעלעס אין די אויגען פון אַ צוהיצטער יוגענד. צווייטענס, אין דעם, וואָס זיי זיינען מייסטענס יונגע מענשען, וועמען עס איז אייגענ־טהימליך צו בעגעהן פעהלערען; איהר אָבער זיינט מייסטענס מענשען פאַרטיגע, אַלטע, ווע‍מען עס פּאַסט אַ פערנינפטיגע רוהיגקייט און אַ מילדקייט צו די, וועלכע בלאָנדזשען. דריטענס, זיינען פאַר זיי די מילדערענדע אומשטענדען אין דעם, וואָס, ווי העסליך עס זאָלען זיין זייערע מאָרדען, זיינען זיי פון דעסטוועגען

ניט אזוי קאלט-סיסטעמאטיש גרויזאם, ווי אייערע שליסעל־בורגס, קאטארגעס, תליות און צושיסונגען. דער פיערטער מיל־דערענדער אומשטאנד פאר די רעוואָלוציאָנערען איז אין דעם, דאָס זיי אלע פערוואָרפען גאנץ בעשטימט יעדע רעליגיעזע לעהרע, זיי גלויבען, אז דער צוועק רעכטפערטיגט די מיטלען, און דארום האנדלען זיי גאנץ קאָנזעקווענט, טוידטענדיג איינעם אָדער עטליכע פאר דעם פאנטאסטישען גליק פון די פיעלע. איהר אָבער, רעגיערונגס־מענשען, אָנהויבענדיג פון אייערע הענקער, ביז זייערע העכסטע בעפעהלער, איהר אלע זיינט דאָך פאר רעלי־גיאָן, פאר קריסטענטהום, וועלכער קען פאר קיין פאל ניט גע־בראכט ווערען אין איינקלאנג מיט די טהאטען, וואָס איהר בעגעהט.

און איהר, מענשען אלטע, פיהרער פון אנדערע מענשען, וואָס גלויבען אין קריסטענטהום, איהר רעדט, ווי קינדער, וועלכע צושלאָגען זיך, ווען מען זידעלט זיי דערפאר, וואָס זיי שלאָגען זיך: „ניט מיר האָבען אָנגעפאנגען, נור זיי", און עטוואָס בעסע־רעס ווי דאָס קענט איהר ניט און טאָרט איהר ניט זאָגען, איהר מענשען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די ראָליע פון פאָלקס־רעגיערער. און וועלכע מענשען זיינט איהר? מענשען, וועלכע אנערקענען אלס גאָט דעם, וועלכער האָט אויף א גאנץ בעשטימ־טען אופן פערבאָטען ניט נור אירגענד א מאָרד, נור זאָגאר יעדען צאָרן אויף א ברודער; וועלכער האָט פערבאָטען ניט נאָר געריכט און בעשטראָפונג, נור אויך דאָס פעראורטהיילען פון א ברודער; וועלכער האָט אין גאנץ בעשטימטע ווערטער פער־וואָרפען יעדע בעשטראָפונג, האָט אנערקענט די אונפערמייד־ליכקייט פון שטענדיגער פערצייהונג, וויפיעל מאָל דער פער־ברעכען זאָל זיך ניט וויעדערהאָלען; וועלכער האָט געהייסען אונטערשטעלען די צווייטע באק צו דעם וועלכער האָט אייך געשלאָגען אין די ערשטע, און ניט בעצאָהלען מיט שלעכטס פאר שלעכטס; וועלכער האָט אזוי איינפאך, אזוי קלאָהר געווי־זען מיט דער ערצעהלונג וועגען דער פרוי, וועלכע איז פער־אורטהיילט געוואָרען צום טוידט דורך פערשטיינונג, אז עס איז ניט מעגליך, אז מאנכע מענשען זאָלען פעראורטהיילען און בע־

שטראָפען אַנדערע — אַזעלכע מענשען, וועלכע אַנערקענען דיעזען לעהרער אַלס זייער גאָט, קענען ניט געפינען קיין אַנדערע פערטהיידיגונג פאַר זייערע בייזע מעשים, ווי נור דיעזע: „זיי האָבען אָנגעהויבען, זיי טוידטען, נו, טאָ לאָמיר זיי טוידטען".

V.

מיינער אַ בעקאַנטער מאַלער האָט געפּלאַנעוועט אויסצו־מאָלען אַ בילד „דער טוידט־שטראָף", און איהם איז נויטיג געווען פאַר דאָס ריכטיגע אויפמאָלען פון בילד אַ פּנים פון אַ תליון. ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס אין יענער צייט האָט אין מאָסקווא די אַרבייט פון הענקער אויסגעפיהרט אַ הויז־וועכטער. דער קינסטלער איז אַוועק צו איהם, דאָס איז געווען אַ יום־טוב־טאָג. די פאַמיליע, אַן אויסגעפּוצטע, איז געזעסען אַרום טיש. דער בעל־הבית אַליין איז ניט געווען; ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָט ער זיך בעהאַלטען, דערזעהענדיג אַן אונ־בעקאַנטען. די פרוי זיינע האָט זיך אויך דערשראָקען, און האָט געזאָגט, אַז דער מאַן איז אין דער היים ניטאָ, נור אַ קליינע מיידעלע האָט איהם פערראַטהען. זי האָט געזאָגט: „טאַטע אויפ'ן ביידעם". זי האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז איהר טאַטע וויים, דאָס ער טהוט אַ שלעכטע זאַך, און דאָס דערפאַר דאַרף ער ציטערען פאַר אַלעמען. דער קינסטלער האָט ערקלעהרט דעם תליונ'ס פרוי, אַז ער דאַרף איהר מאַן, אום צו מאָלען פון איהם אַ פּאָרטרעט, ווייל זיין געזיכט פאַסט זיך צום בילד, וואָס ער פּלאַנעוועט. (דער קינסטלער האָט, נאַטירליך, ניט געזאָגט, צו וועלכען בילד איהם איז נויטיג דער פּנים פון דעם הויז־וועכטער).

פונאַנדערריידענדיג זיך מיט דער פרוי, האָט דער קינסט־לער פאָרגעשלאָגען, אום איהר צו ברענגען אויף זיין זייט, צו נעהמען אין די לעהרע איהר אינגעל. דיעזער פאָרשלאַג האָט געווירקט. זי איז אַרויס, און באַלד איז אַריין דער וועכטער, אַ פינסטערער, אַן אונרוהיגער, אַ דערשראָקענער, און האָט לאַנג אויסגעפרעגטביים קינסטלער, צו וואָס און פאַר וואָס דאַרף ער דוקא איהם האָבען. ווען דער קינסטלער האָט איהם געזאָגט, דאָס ער האָט איהם בעגעגענט אין גאַס, און זיין געזיכט האָט

זיך איהם אויסגעוויזען פאַסענד פאַר דאָס געפּלאַנעוועטע בילד, האָט דער הויז־וועכטער געפרעגט, וואו ער האָט איהם געזעהן? אַרום וועלכע צייט? און ווי איז ער געווען אָנגעטהאָן? און פערדעכטיגענדיג עטוואָס בייזעס, האָט ער זיך אָבגעזאָגט גאָר אין גאַנצען.

יא, דיעזער דירעקטער הענקער וויים, דאָס ער איז אַ הענ־קער, און אַז דאָס, וואָס ער טהוט, איז שלעכט, און דאָס מען האָט איהם פיינט דערפאַר און ער האָט מורא פאַר מענשען, און איך גלויב, דאָס דיזער בעוואוסטזיין און שרעק זיינען מכפּר כאָטש אַ טהייל פון זיין שולד. איהר אַלע אָבער, פון די סעקרע־טערען פון געריכט ביז דעם הויפּט־מיניסטער און צאַר, אינדי־רעקטע אַנטהיילנעהמער פון טעגליך אויסגעפיהרטע פערברעכענס, איהר עפּעס פיהלט גאָר ניט אייער שולד, און איהר פערשפּירט ניט יענעם געפיהל פון שאַנדע, וועלכען עס האָט בעדאַרפט אַרויסרופען אין אייך דאָס אַנטהיילנעהמען אין די אויפגעטהאָ־נענע שוידערליכקייטען. אמת, איהר האָט פונקט אַזוי מורא פאַר מענשען, ווי דער הענקער, און איהר האָט מורא דאָס מעהר, וואָס גרעסער עס איז אייער פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די בעגאַנגענע פערברעכענס: דער פּראָקוראָר האָט מעהר מורא, ווי דער סעקרעטער, דער פּאָרזיצענדער פון געריכט מעהר, ווי דער פּראָקוראָר, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר מעהר ווי דער פּאָר־זיצענדער, דער פּרעזידענט־מיניסטער נאָך מעהר, דער צאַר מעהר, ווי אַלע. איהר אַלע האָט מורא, אָבער ניט דערפאַר, ווייל, ווי יענער תליון, איהר ווייסט, אַז איהר האַנדעלט שלעכט, נאָר איהר האָט מורא דערפאַר, וואָס אייך דוכט זיך, דאָס מענשען האַנדלען שלעכט.

און דאַרום דענק איך, דאָס ווי ניעדריג עס איז געזונקען דער אונגליקליכער הויז־וועכטער, איז ער אָבער מאָראַליש ניט דער ערך העכער פון אייך, אַנטהיילנעהמער און טהיילווייז שול־דיגע אין דיעזע שרעקליכע פערברעכענס — מענשען, וועלכע אורטהיילען אַנדערע, און ניט זיך, און וועלכע האַלטען שטאָלץ זייערע קעפּ.

VI.

איך ווייס, דאָס אַלע מענשען זיינען מענשען ; דאָס מיר אַלע זיינען שוואַך, דאָס מיר אַלע בלאָנדזשען, און דאָס איין מענש טאָר ניט ריכטען אַ צווייטען. איך האָב לאַנג געקעמפּפט מיט יענעם געפיהל, וועלכען עס האָבען אַרויסגערופען און רופען אַרויס אין מיר די שולדיגע פון דיעזע שרעקליכע פערברעכענס, און אַלץ גרעסערע, וואָס העכער עס שטעהען די מענשען אויף דעם געזעלשאַפטליכען לייטער. אָבער איך קען ניט און וויל ניט מעהר קעמפּפען געגען דיעזען געפיהל. און איך קען ניט און וויל ניט ערשטענס, דערפאַר, ווייל פאַר די מענשען, וועלכע זעהען ניט דיעזע גאַנצע פערברעכערישקייט איז נויטיג אַ בלויז־שטעלונג, נויטיג אי פאַר זיי, אי פאַר יענע מאַסע מענ־שען, וועלכע אונטער דעם איינפלוס פון אַ געפיהל פון פערעה־רונג צו דיעזע מענשען, זיינען זיי מסכים צו דיעזע שרעקליכע טהאַטען, און זאָגאַר סטאַרען זיך זיי נאָכצוטהאָן. צווייטענס קען איך ניט און וויל ניט מעהר קעמפּפען מיט דיעזען געפיהל, ווייל מיין בלויז־שטעלונג פון דיעזע מענשען וועט אַרויסרופען פאַר מיר די געווינשטע אַרויסשטויסונג אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן פון יענעם קרייז מענשען, צווישען וועלכע איך לעב און אין וועלכע איך קען זיך ניט־פיהלען אַלס אַנטהייל־נעהמער אין די פערברעכענס, וואָס ווערען בעגאַנגען אַרום מיר.

וואָרים אַלעס, וואָס ווערט געטהאָן איצט אין רוסלאַנד, טהוט זיך דאָך אין דעם נאָמען פון דעם אַלגעמיינעם וואָהלזיין, אין דעם נאָמען פון פערזיכערונג און בערוהיגונג פון דעם לעבען פון די מענשען, וועלכע לעבען אין רוסלאַנד. און ווען דאָס איז אַזוי, טהוט זיך דאָס אַלעס אויך פאַר מיר, וועלכער לעבט אין רוסלאַנד. פאַר מיר, אַלזאָ, איז אויך די אָרימקייט פון פאָלק, וואָס איז בערויבט פון דעם ערשטען, פון דעם סאַמע נאַטיר־ליכען מענשליכען רעכט — פון צו בענוצען זיך מיט דער ערד, אויף וועלכער ער איז געבאָרען געוואָרען ; פאַר מיר זיינען דער־האַלבער מיליאָן מוזשיקעס אַוועקגעריסען פון אַ גוטען לעבען, וועלכע ווערען אָנגעטהאָן אין מונדירען, און וועלכע ווערען גע־לערענט צו מאָרדען ; פאַר מיר דיעזע ליגנערישע, זאָגענאַנטע

גייסטליכקייט, וועמעס הויפּט־פּפליכט עס איז די פערדרעהונג און פערבעהאַלטונג פון דעם אמח'ן קריסטענטהום; פאַר מיר זיינען עס דיעזע אַרויסשיקונגען פון מענשען פון איין פּלאַץ אויף אַן אַנדערען; פאַר מיר זיינען די הונדערטע טויזענדע הונגערענדע, וואַנדערענדע אַרבייטער איבער רוסלאַנד; פאַר מיר דיעזע הונדערטע טויזענדע אונגליקליכע, וועלכע שטאַרבען פון טיפוס, פון צינגאַ אין די פעסטונגען און טיורמעס, וועלכע זיינען ניט גענוג פאַר אַלעמען; פאַר מיר דאָס ליידען פון די מאַמעס, פרויען, טאַטעס, פערטריבענע, פערשפּאַרטע, אויפגעהאַנגענע. פאַר מיר דיעזע שפּיאָנען, אונטערקויפונגען, דיעזע מערדערישע פּאָליציייסקע, וועלכע קריגען אַ בעלוינונג פאַר מאָרדען. פאַר מיר דיעזע בעגראָבונג פון צעהנדליגע, הונדערטע צושאָסענע; פאַר מיר דיזע שרעקליכע ארבייט פון די מענשען־הענקער, וועלכע עס איז געוועזן אַזוי שווער צו קריגען, אָבער וועלכע מיאוס'ען זיך שוין ניט איצט אַזוי מיט דיעזער ארבייט; פאַר מיר דיעזע תליות מיט אָנגעזייפּטע פּעטליעס מיט די הענגענדע אויף זיי פרויען, קינדער און מענער; פאַר מיר דיעזער צאָרן פון מענשען געגען מענשען.

און ווי זאָנדערבאַר עס איז די בעהויפּטונג וועגען דעם, אַז דאָס אַלעס טהוט זיך פאַר מיר און דאָס איך בין דער אַנטהיילנעהמער אין דיעזע שרעקליכע טהאַטען, פון דעסטוועגען קען איך ניט ניט פיהלען, אַז עס איז דאָ אַן אונצווייפעלהאַפטע שייכות צווישען מיין גראַמען צימער, מיין מיטאָג, מיין קלייד, מיין פרייע צייט און יענע שרעקליכע פערברעכענס, וועלכע ווערען בעגאַנגען אום איינצושרעקען די יעניגע, וועלכע וואָלטען געוואונשען אָוועקצונעהמען פון מיר דאָס, מיט וואָס איך בענוץ זיך. און כאָטש איך וויים אויך, דאָס יענע אַלע היימלאָזע, דערצאָרנטע, פערדאָרבענע מענשען, וועלכע וואָלטען אָבגענומען ביי מיר דאָס, מיט וואָס איך בענוץ זיך, ווען ניט די מורא פאַר די רעגיערונג, זיינען בעשאַפען פון דער רעגיערונג גופא, פון דעסטוועגען קען איך ניט ניט פיהלען, דאָס אין דער מינוט הענגט פּאָרט אָב מיין רוה פון אַלע יענע שרעקענס, וועלכע ווערען איצט אויפגעטהאָן פון דער רעגיערונג.

און דאָס בעגרייפענדיג, קען איך עס לענגער ניט איבער־טראָגען, איך קען ניט און מוז זיך בעפרייען פון דיעזער פיינליכער לאַגע.

מען קען אזוי ניט לעבען. איך, לכל הפּחות, קען אזוי ניט לעבען. קען ניט און וויל ניט.

דארום שרייב איך עס און וועל מיט אלע כחות פערשפּריי־טען דאָס, וואָס איך שרייב אי אין רוסלאַנד און אי אויסער רוסלאַנד, אום עס זאָל קומען איינס פון דיביידע: אָדער עס זאָלען זיך ענדיגען די אונמענשליכע טהאַטען, אָדער עס זאָל פערניכטעט ווערען מיין פערבינדונג מיט דיעזע טהאַטען, דאָס מען זאָל מיך אָדער אריינזעצען אין געפענגניס, וואו איך זאָל קענען קלאָר פיהלען, אז ניט פאַר מיר ווערען געטהאָן דיעזע אַלע שרעקענס אָדער, וואָס עס וואָלט געווען נאָך בעסער פון אַלץ (אזוי גוט, אז איך ערלויב זיך גאָר ניט צו טרוימען פון אזא גליק) מען זאָל אָנטהאָן אויף מיר ווי אויף יענע צעהן אָדער צוועלף מוזשיקעס דעם טוידטען־קלייד, מען זאָל מיך אויך אראָבשטויסען פון בענקעל, כדי איך זאָל מיט מיין וואָג פער־ציהען אויף מיין אַלטען האַלז די אָנגעזייפטע פעטליע.

VII.

און אָט אום צו דערגרייכען איינעם פון דיעזע צוויי צוועק־קען, ווענדע איך זיך צו די אַלע אַנטהיילנעהמער אין דיעזע שרעק־ליכע טהאַטען, איך ווענד זיך צו אַלעמען, אָנפאַנגענדיג פון די, וועלכע טהוען אָן אויף די ברידער־מענשען די טוידטען־קיטלען און די פּעטליעס, פון די געפענגניס־וועכטער און ביז איך, די הויפּט־בעפעהלער און בעשליסער פון דיעזע שרעקליכע פער־ברעכענס.

מענשען־ברידער! בעדענקט איך, בעטראַכט, פערשטעהט וואָס איהר טהוט. דערמאָנט זיך, ווער זיינט איהר! וואָרים, פריהער איידער איהר זיינט הענקער, גענעראַלען, ריכטער, פּריים־מיניסטאָרען, צאַרען, זיינט איהר דאָך מענשען. היינט האָט איהר אַרויסגעקוקט אויף גאָט׳ס וועלט, מאָרגען וועט איהר שוין ניט זיין (איך הענקער פון יעדען סאָרט, וועלכע האָבען

ארויסגערופען און רופען ארוים געגען זיך א בעזונדערע שנאה, איהר מעגט עס אודאי געדענקען). צי דען איהר, וועלכע האָבען ארויסגעקוקט אויף א קורצען אויגענבליק אויף גאָט'ס וועלט — וואָרים, אויב מען וועט אייך ניט טוידטען, איז אָבער דער טוידט שטענדיג הינטער די פּלייצעס — צי דען זעהט איהר ניט אין אייערע ליכטיגע מינוטען, דאָס אייער בערוף אין לעבען קען ניט זיין, דאָס איהר זאָלט פייניגען, טוידטען מענשען, אליין ציטערען פאר שרעק צו ווערען גע'הרג'עט, און זאָגען ליגען זיך אליין, פאר מענשען און פאר גאָט, דאָס נעהמענדיג אנטהייל אין דיעזע טהאטען, טהוט איהר א וויכטיגע גרויסע זאך פאר דאָס גליק פון מיליאָנען? צי דען ווייסט איהר אליין ניט, ווען איהר זייט ניט בערוישט פון דאָס ארומיגע, פון חניפה און פון די געוועהנליכע סאָפיזמען, אז דאָס אלעס איז בלויז ווערטער, אויסגעטראַכט נור צוליעב דעם, כדי מען זאָל זיך קענען האלטען פאר א פיינעם מענשען אפילו ווען מען בעגעהט די ערגסטע פערברעכענס? איהר קענט עס ניט ניט וויסען, דאָס פאר אייך, ווי פאר יעדען פון אונז איז דאָ נור צו טהאָן איין ריכטיגע זאך, וועלכע שליסט שוין איין אין זיך אלע איבעריגע זאכען, און דאָס איז, אזוי דורכלעבען דיעזע קורצע צייט אויף דער ערד אין איינקלאנג מיט יענעם ווילען, וועלכער האָט אונז געשיקט אין דיעזער וועלט, און אין איינקלאנג מיט איהם פערלאָזען איהר. דיעזער ווילען אָבער וויל נור איינס: די ליעבע פון מענשען צו מענשען.

איהר אָבער, וואָס טהוט איהר? אויף וואָס גיט איהר אוועק אייערע גייסטיגע כחות? וועמען ליעבט איהר? ווער האָט אייך ליעב? אייער פרוי, אייערע קינדער? אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין ליעבע. די ליעבע פון א פרוי, קינדער — דאָס איז ניט קיין מענשליכע ליעבע. אזוי ליעבען נאָך שטארקער די חיות. מענשליכע ליעבע — דאָס איז די ליעבע פון מענשען צו מענשען, צו יעדען מענשען, ווי צו גאָט'ס זוהן, און דארום אויך, א ברודער.

וועמען־זשע ליעבט איהר אזוי? קיינעם ניט. און ווער ליעבט אייך? קיינער ניט.

פאַר אייך האָט מען מורא, ווי פאַר'ן הענקער, אָדער ווי פאַר אַ ווילדע חיה. אייך חנפה'עט מען, ווייל אין האַרצען פער־אַכטעט מען אייך און מען האַסט — און וואָס פאַר אַ האַס! און איהר ווייסט עס, און איהר האָט מורא פאַר מענשען.

יא, בעדענקט זיך, איהר אַלע פון די העכסטע ביז די ניעדריגסטע אַנטהייל‏נעהמער אין די פערברעכענס, בעדענקט זיך, ווער איהר זיינט און הערט אויף צו טהאָן דאָס, וואָס איהר טהוט. הערט אויף — ניט פאַר זיך, ניט פאַר אייער פערזענליכקייט, און אויך ניט פאַר מענשען, נור צוליעב דעם, אַז מענשען זאָלען אייך ניט אורטהיילען, נור פאַר אייער נשמה, פאַר יענעם גאָט, וועלכער, ווי איהר זאָלט איהם ניט וועלען פערשטיקען, לעבט אין אייך.

יעדען איינציגענס
פפליכט

יעדען איינציגענס פפליכט*)

וואָס איז אייגענטליך צו טהאָן?

„זאָגט אָבער וואָס אייגענטליך זאָל מען טהאָן, אום איינצוּאָרדנען די געזעלשאַפט?“ זאָגען געוועהנליך די מענשען פון די פערמעגענדע קלאַסען.

דיזע מענשען זיינען שוין אזוי צוגעוואָוינט צו זייער ראָליע פון שקלאַפען־בעזיצער, דאָס ווען מען רעדט וועגען די פערבעסערונג פון די ארבייטער־לאַגע, הויבען זיי גלייך אָן צו טראַכטען איבער פערשיעדענע פּלענער פאר זייערע שקלאַפען, און עס קומט זיי גאָר אויפ'ן געדאַנק ניט, דאָס זיי האָבען קיין רעכט צו געוועלטיגען איבער דעם לעבען פון אַנדערע מענשען, און דאָס אויב זיי ווינשען ווירקליך גוטעס צו טהאָן, קענען זיי נור טהאָן איין זאַך — און דאָס איז, אויפצוהערען צו טהאָן דאָס שלעכטע, וואָס זיי האָבען ביז יעצט געטהאָן. און דאָס שלעכטע, וואָס זיי טהוען, איז זעהר בעשטימט און קלאָר. עס איז ניט נור דאָס, וואָס זיי בענוצען זיך מיט די געצוואונגענע ארבייט פון די שקלאַפען און ווילען זיך ניט ענטזאַגען פון דיזען געברויך, נור אויך דאָס, וואָס זיי אַליין נעהמען אַנטהייל אין די אויפבויאונג און אונטערשטיצונג פון דיזע געצוואונגענע ארבייט. אָט וואָס זיי דארפען אויפהערען צו טהאָן.

די ארבייטער, ווידער, זיינען אזוי פערדאָרבען געוואָרען פון זייער געצוואונגענער שקלאַפעריי, דאָס די מייסטע פון זיי דוכט זיך אויס, דאָס אויב זייער לאַגע איז א שלעכטע, זיינען

---

*) דיזער קאַפּיטעל איז אייגענטליך דער לעצטער פון דעם בוך „די שקלאַפעריי פון אונזער צייט“, וואָס מיר דרוקען אין אָנפאַנג פון דיזען בוך. מיר האָבען עס אָבער געהאַלטען פאַר ראַטהזאַם צו דרוקען דיזען קאַפּיטעל צו ענדע פון בוך, ווייל ער דריקט נאָך אונזער מיינונג אויס אם שאַרפסטען די פאָרדערונגען, וועלכע טאָלסטאָי שטעלט צום איינצעלנעם בנוגע זיין לעבען אין דער געזעלשאַפט. — איבערזעצער.

שולדיג אין דעם די בעלי־בתים, די בעזיצער פון די פּראָדוק־
ציאָנס־מיטלען, וועלכע צאָהלען זייערע ארבייטער אזוי וועניג.
עס פאַלט זיי גאָר ניט איין, דאָס זייער שלעכטע לאַגע הענגט
אָב פון זיי זעלבסט, און דאָס ווען זיי ווילען ווירקליך פערבעסע־
רען זייער אייגענע לאַגע, ווי אויך פון זייערע ברידער, איז די
הויפּט־זאַך, וואָס זיי מוזען טהאָן, אליין אויפהערען צו טהאָן
שלעכטעס. און דאָס שלעכטע, וואָס זיי טהוען, בעשטעהט אין
דעם, דאָס וויגשענדיג צו פערבעסערען זייער מאַטעריעלע לאַגע
מיט דיעזלבע מיטלען, דורך וועלכע זיי זיינען פרשקלאַפּט גע־
וואָרען, נעהמען די ארבייטער אָן, אום צו בעפרידיגען די גע־
וואָוינהייטען, וועלכע זיי האָבען זיך אָנגעאייגנעט, ערנידערי־
גענדע אונמאָראלישע שטעלען אָדער שאַפען ניט־נויטיגע און
שעדליכע זאכען, אויפאָפּפערענדיג אויף אזא אופן זייער מענ־
שען־ווערדע און זייער פרייהייט. די הויפּט־זאַך אָבער איז,
דאָס זיי אונטערשטיצען די רעגיערונגען, און דערמיט פערשקלאַ־
פען זיי זיך אליין.

אז די לאַגע פון מענשען זאָל זיך פערבעסערען, מוזען אלע, ווי
די ארבייטער, אזוי די פון די פערמעגענדע קלאַסען, פערשטעהען,
אז מען קען ניט פערבעסערען די לאַגע פון מענשען, און טראַכ־
טען אין דערזעלבער צייט פון אייגענער וויגאָדע; דאָס מען קען
ניט דיענען דער מענשהייט אָהן עטוואָס אויפצואָפּפערען, און
דאריבער, ווען די מענשען ווילען ווירקליך פערבעסערן די לאַגע
פון זייערע ברידער, און ניט זייערע אייגענע, מוזען זיי זיין בע־
רייט ניט נור אויף די אומענדערונג פון די גאַנצע אָרדנונג פון
לעבען, צו וועלכען זיי זיינען געוואָוינט, און אויף דעם פערלוסט
פון דיזע אלע בעקוועמליכקייטען, וועלכע זיי האָבען געהאַט,
נור אויך אויף אַן ענערגישען קאַמפּף — ניט מיט די רעגיערונ־
גען — נור מיט זיך און זייערע פאַמיליען, זיי מוזען זיין פערטיג
אריבערצוטראָגען די פערפאָלגונגען פאר די ניט־ערפילונג פון די
רעגיערונגס־פאָרדערונגען.

און דארום איז דער ענטפער אויף די פראגע: „וואָס איז
אייגענטליך צו טהאָן“, א זעהר איינפאכער, און אויך גאַנץ
בעשטימט און אויספיהרבאר צוליעב דעם, ווייל ער פאָרדערט

אויף צו טהעטיגקייט די איינציגע פערזאָן, איבער וועלכע יע־דער האָט א ווירקליכע, אונצווייפעלהאַפטע מאכט, און דאָס איז — איבער זיך זעלבסט, און בעשטעהט אין דעם, דאָס אויב א מענש — מאַכט ניט אויס שקלאַף אָדער שקלאַפען־בעזיצער — וויל ווירקליך פערבעסערען ניט נור זיין אייגענע לאַגע, נור די לאַגע פון אלע, דארף ער ניט טהאָן דאָס שלעכטע, וואָס מאכט איהם און זיינע ברידער צו לעבען אין שקלאַפעריי. און אום ניט צו טהאָן דאָס, וואָס ברענגט אונגליק אויף איהם און זיינע ברידער, מוז ער:

ערשטענס, ניט פרייוויליג און ניט דורך צוואנג נעהמען אירגענד וועלכען אנטהייל אין די רעגיערונגס־טהעטיגקייטען, ער טאָר ניט ווערען ניט קיין סאָלדאַט, ניט קיין פעלדמארשאַל, ניט קיין מיניסטער, ניט קיין טאַקס־קאָלעקטאָר, ניט קיין פאָ־ליסמאַן, ניט קיין מעיאָר, ניט קיין דזשורי־מען, ניט קיין גובער־נאַטאָר, ניט קיין פּאַרלאַמענט־מיטגליעד. און איבערהויפּט ניט אָננעהמען קיין אמט, וואָס איז פערבונדען מיט געוואַלד.

דאָס איז איינס.

צווייטענס, קיין מענש טאָר ניט געבען פרייוויליג קיין טעק־סעס, ניט דירעקטע און ניט אינדירעקטע, און אויך טאָר ער זיך ניט בענוצען מיט דעם געלד, געזאַמעלט פון טעקסעס, ניט אין די געשטאַלט פון געהאַלט, פון פּענסיאָנען, מתנות און עהנליכעס.

דאָס איז צוויי.

דריטענס, דער מענש, וואָס פערלאַנגט די פערבעסערונג פון די לאַגע פון אלע און ניט נור פון זיינע אייגענע, טאָר קיין מאָל זיך ניט ווענדען צו די רעגיערונגס־געוואַלד פאר די בעשי־צונג פון זיין בעזיצטהום פון לאַנד און אַנדערע זאַכען, ניט פאר די בעשיצונג פון געפאַהר פון זיך און זיינע נאָהענטע, און האָבען נאָר אין זיין בעזיץ אַזוי פיעל לאַנד און אַזוי פיעל זאַכען, אויף וויפיעל עס זיינען ניטאָ אויף זיי קיינע פאָרדערונגען פון אַנדערע מענשען.

„אָבער אזא טהעטיגקייט איז אונמעגליך: אָבצוזאָגען זיך פון יעדען אנטהייל אין די רעגיערונגס־טהעטיגקייטען, הייסט זיך אָבצוזאָגען פון לעבען“ — וועלען פיעלע ענטפערען.

דער מענש, וואָס וועט זיך ענטזאגען צו דיענען אַלס סאָל־דאַט, וועט אריינגעוואָרפען ווערען אין אָסטראָג. דער מענש, וואָס צאָהלט ניט קיין טעקסעס, ווערט בעשטראָפט, און די טעקסעס ווערען אויפגעמאָהנט פון זיין אייגענטהום. דער מענש, וואָס וועט זיך ענטזאגען פון א רעגיערונגס־אמט, ניט האָבענדיג קיין אנדערע לעבענס־מיטעל, וועט שטארבען מיט זיין פאמיליע פון הונגער; דאָס זעלבע וועט אויך פאסירען מיט א מענשען, וואָס וועט זיך ענטזאגען פון דעם שוץ פון זיין אייגענטהום און זיין פערזאָן; און, וויעדער, ניט בענוצען זיך מיט די זאכען, וואָס זיינען געטעקסט, איז אונמעגליך, ווייל גאנץ אָפט זיינען די נויטווענדיגסטע זאכען בעלאסטעט מיט טעקסעס און מען קען דאָך אויך ניט אויסקומען אָהן אזעלכע רעגיערונגס־אנשטאלטען, ווי די פּאָסט, די וועג, און אנדערע זאכען.

עס איז גאנץ אמת, דאָס א מענשען פון אונזער צייט איז גאנץ שווער זיך צו ענטזאגען פון יעדען אנטהייל נעהמען אין די רעגיערונגס־געוואלד. אָבער דאָס, וואָס ניט יעדער מענש קען אוועקשטעלען זיין לעבען אזוי, דאָס ער זאָל גאָר ניט האָבען צו טהאָן מיט די רעגיערונג, בעווייזט נאָך ניט פאר קיין פאל, דאָס ער זאָל אַלץ מעהר און מעהר ניט קענען זיך בעפרייען פון איהר. ניט יעדער מענש וועט האָבען דעם מוטה זיך צו ענטזאגען פון צו זיין א סאָלדאט (כאָטש עס זיינען דאָ און וועלען זיין אזעלכע), אָבער יעדער מענש קען ניט אונגערן, ניט מיט זיין ווילען, ווערען א פּאָליציייסקער, א ריכטער, און קען בעסער פערנעהמען א פּריוואט־שטעלע, וואָס בעצאָהלט זיך ווייניגער, ווי די רעגיערונגס־שטעלע. ניט יעדער מענש וועט זיך אָבזאָגען פון זיין אייגענטהום אין לאנד (האָטש עס זיינען דאָ אזעלכע, וואָס טהוען עס), אָבער יעדער מענש קען פערשטעהן די שלעכטסקייט פון אזא אייגענטהום און פערקלענערען איהרע גרענעצען. ניט יעדער מענש קען זיך ענטזאגען פון זיין קאפּיטאל (עס זיינען דאָ אויך אזעלכע), און פון בענוצען זיך מיט די זאכען, וואָס זיינען בעשיצט פון די רעגיערונגס־געוואלד, אָבער יעדער קען פערקלענערען זיינע בעדירפניסע; אַלץ ווייניגער און ווייניגער נויטיגען זיך אין די זאכען, וואָס רופען ארויס די קנאה פון אנ־

דערע מענשען. ניט יעדער קען זיך אָבזאָגען פון א רעגיערונגס־געהאַלט (עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האַלטען פאר בעסער צו פערהונגערען איידער אָנצונעהמען אַן אונעהרליכע רעגיערונגס־טהעטיגקייט), אָבער יעדער קען בעסער האָבען א קלענערען געהאַלט אָהן געוואַלד, איידער האָבען אַ גרעסערען געהאַלט, פערבונדען מיט געוואַלד. ניט יעדער קען זיך ענטזאַגען פון צו בענוצען זיך מיט רעגיערונגס־שולען (עס זיינען דאָ אויך אַזעלכע), אָבער יעדער קען פאָרציהען א פריוואַט־שול צו אַ רעגיערונגס־שול. יעדער קען אַלץ וואָס װעניגער און װעניגער זיך בענוצען מיט די זאכען, וואָס װערן געטעקסט, און וואָס װעניגער און װעניגער מיט די רעגיערונגס־אַנשטאַלטען.

צווישען די איצט עקזיסטירענדע אָרדנונג, וואָס איז געגרינדעט אויף די רויהע געוואַלד, און דעם אידעאַל פון לעבען, וועלכער בעשטעהט אין די געמיינשאַפטליכקייט פון די מענשען, געגרינדעט אויף א פערנינפטיגע איינפערשטענדניס, פערפעסטיגט דורך מנהגים, איז דאָ אַן אונענדליכע צאָהל פון שטופען, איבער וועלכער אָהן אַן אויפהער די מענשהייט איז געגאַנגען און געהט, און די דערנעהענטערונג צו דיזען אידעאַל ווערט אַלץ מעהר, וואָס מעהר די מענשען בעפרייען זיך פון דעם אנטהייל נעהמען אין געוואַלד, פון דעם געברויך מיט איהר און פון די געוואָוינהייט צו איהר.

מיר ווייסען ניט און קענען ניט פאָראויסזעהען, און דאָס מעהר נאָך פאָרשרייבען, ווי דאָס טהוען די כלומר׳שט־געלעהרטע, ווי אזוי וועט אויסגעפיהרט ווערען דיזע שטופענווייזע אָבשוואַכונג פון די רעגיערונגען, און ווי די מענשען וועלען ענדליך פריי ווערען פון זיי; מיר ווייסען ניט וועלכע פאָרמען וועט אָננעהמען דער מענשליכער לעבען אין איינקלאַנג מיט די שטופענווייזע בעפרייאונג פון מענשען פון די רעגיערונגס־געוואַלד, אָבער דאָס ווייסען מיר אָהן צווייפעל, דאָס דער לעבען פון די מענשען, וועלכע, בעגרייפענדיג די שעדליכקייט און שלעכטסקייט פון די טהעטיגקייט פון רעגיערונג, וועלען זיך געבען די מיה ניט צו בענוצען זיך און אַנטהייל צו נעהמען אין איהר, וועט זיין א גאַנץ אַנדערער, און מעהר אין איינקלאַנג מיט די

לעבענס־געזעצע און מיט אונזער געוויסען, ווי דער איצטיגער, ווען די מענשען אליין, נעהמענדיג אנטהייל אין די געוואלד פון די רעגיערונגען און בענוצענדיג זיך מיט איהר, מאכען אן אנ־שטעל, דאס זיי קעמפפען מיט איהר, שטטרעבענדיג מיט א נייע געוואלד־טהאט צו פערניכטען די אלטע.

די הויפטזאך איז אבער די, דאס די איצטיגע ארדנונג פון לעבען איז שלעכט. אין דעם זיינען אלע איינפערשטאנען. די אורזאכע פון די שלעכטע לאגע און פון די שקלאפעריי איז צו זוכען אין די געוואלד פון די רעגיערונגען, און אום צו פערניכ־טען די רעגיערונגס־געוואלד, איז דא נור איין מיטעל: מענ־שען זאלען זיך צוריקהאלטען פון צו נעמען אנטהייל אין גע־וואלד, און דארום, ווי שווער פאר די מענשען דאס איז צו טהאן, צו שנעל אדער ניט שנעל וועלען זיך ארויס־ווייזען די רעזולטאטען פון אזא האנדלונג — דאס אלעס זיינען איבעריגע פראגען, ווייל פאר די בעפרייאונג פון מענשען פון שקלאפעריי איז דא נור דיזער איינציגער מיטעל, קיין אנדערער איז ניטא.

אין וואס פאר א גראד, ווידער, און ווען וועט פערווירק־ליכט ווערען אין יעדער געזעלשאפט און אין דער גאנצער וועלט די אומענדערונג פון געוואלד אויף א פערנינפטיגע איינפער־שטענדניס, דאס וועט אבהענגען פון די קראפט פון דעם בע־וואוסטזיין פון די מענשען אין אלגעמיין און פון די צאהל פון די איינצעלנע מענשען, וואס האבען זיך אנגעאייגנעט דיזען בע־וואוסטזיין. יעדער פון אונז איז א בעזונדער מענש און יעדער פון אונז קען זיין א שותף אין די אלגעמיינע מענשליכע בעווע־גונג דורך א מעהר אדער וועניגער קלארען בעוואוסטזיין, אדער ער קען זיין א געגנער פון דיזע בעוועגונג. יעדען שטעהט פריי אויסצוקלייבען איינע פון דיזע צוויי וועגען.

אבער, עס קען זיין, אז איך האב א טעות, און פון די געשיכ־טע דער מענשהייט קען מען מאכען גאנץ אנדערע שליסע, און דאס די מענשהייט געהט ניט צו בעפרייאונג פון געוואלד און פיעללייכט קען מען בעווייזען, דאס געוואלד איז א נויטיגער פאקטאר פון פראגרעס; דאס דער שטאאט מיט זיין געוואלד איז

א נויטוועניגע לעבענס־פארמע, דאס מענשען וועט זיין ערגער, ווען עס וועלען ניט זיין קיין רעגיערונגען, קיין אייגענטהום און קיין שוץ.

לאמיר צוגעבען, אז עס איז אזוי, דאס אלע פריהעריגע אר־גומענטען זיינען פאלש, אבער אויסער די פראגע פון דעם לעבען פון די מענשהייט אין אלגעמיין, איז דאך ביי יעדען מענשען דא א פראגע וועגען זיין אייגענעם לעבען, און אונגעאכטעט איך אירגענד וועלכע ארגומענטען וועגען די אלגעמיינע לעבענס־געזעצע, קען דאך ניט דער מענש טהאן דאס, וואס ניט נור ער אנער־קענט פאר שעדליך, נור פאר שלעכט און געמיין.

„זעהר מעגליך, דאס דער ארגומענט, אז דער שטאאט איז א נויטיגע פארמע פאר די ענטוויקלונג פון די פערזאן, דאס די שטאאטס־געוואלד איז נויטיג פאר דעם געזעלשאפטליכען גליק, זעהר מעגליך, אז דאס אלעס קען מען בעווייזען פון דער גע־שיכטע", וועט ענטפערען יעדער עהרליכער און אמת'ער מענש פון אונזער צייט; „אבער מארדען איז דאך א פערברעכען. דאס וויים איך בעסער פון אלע ארגומענטען; פאדערענדיג אבער פון מיר, איך זאל אליין ווערען א סאלדאט, אדער געלד, אום צו דינגען און בעוואפענען אנדערע, אדער אום צו קויפען קאנאנען און קריעגס־שיפען, ווילט איהר דאך מיר מאכען פאר א טהייל־האבער אין מארד, און דאס, ניט נור, וואס איך וויל ניט, נור איך קען ניט. פונקט אזוי וויל איך אויך ניט געברויכען די געלד, וועלכע איהר האט ארויסגעריסען פון די הונגעריגע, סטראשענדיג זיי צו ערמארדען, ווען זיי זאלען זיך ענטזאגען נאכצוקומען אייער וואונש; איך וויל אויך ניט בענוצען זיך מיט די לאנד און די קאפיטאלען, וועלכע איהר בעשיצט, ווייל איך וויים, אז איהר בעשיצט עס דורך מארד.

איך האב עס אלעס געקאנט טהאן, ביז איך האב ניט פער־שטאנען דעם גאנצען פערברעכען פון דיזע טהאטען, אבער אזוי שנעל, ווי איך האב עס דערזעהן, קען איך עס שוין מעהר ניט אויפהערען צו זעהען און קען מעהר ניט אנטהייל נעהמען אין דיזע טהאטען.

איך וויים, דאס מיר זיינען אלע אזוי פערבונדען דורך גע־

וואלד, דאָס עס איז זעהר שווער איהר גענצליך צו בעזיעגען, דאָך וויל איך טהאָן אלעס, וואָס איך קאָן, אום איהר אויסצומיידען, איך וועל גאָר ניט טהאָן, אום איהר אין עטוואָס צו העלפען, און איך וועל מיר געבען די מיה ניט צו בענוצען זיך מיט קיין זאַך, וואָס איז ערוואָרבען געוואָרען און ווערט בעשיצט דורך מאָרד.

איך האָב מעהר ניט, ווי איין לעבען, און צו וואָס זאָל איך אין דיזען קורצען לעבען מיינעם, האנדלענדיג געגען מיין געוויסען, האָבען עטוואָס צו טהאָן מיט אייערע מעשים תעתועים?
— איך וויל עס ניט און וועל עס ניט!

און וואָס דערפון וועט ארויסקומען — וויים איך ניט! איך דענק נור, דאָס שלעכטעס וועט ניט ארויסקומען פון דאָס, וואָס איך וועל טהאָן, ווי מיין געוויסען וועט מיר הייסען."

אזוי דארף ענטפערען יעדער עהרליכער און אמת'ער מענש פון אונזער צייט אויף יעדער ארט פון ארגומענטען וועגען די נויטוועגדיגקייט פון רעגיערונגען און געוואלד און אויף יעדע פאָרדערונג אָדער איינלאדונג צו האָבען אירגענד וואָס צו טהאָן מיט איהר.

זאָ דאָס דער העכסטער ריכטער — די שטימע פון געוויסען — בעשטעטיגט פאר איהם דאָס, צו וואָס עס פיהרען איהם די אלגעמיינע ארגומענטען.